STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07787

# UMET

Maksim Gorky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַקסים גאָרקי

# אומעט

## און אַנדערע דערציילונגען

ייִדיש א. פרידקין

ווילנע — 1928

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

M. Gorki — „Umet un andere dercejłungen“.

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno.

# א ו מ ע ט.

### .1

...אָפּגעזאָגט די תּפילה, האָט זיך טיכאָן פּאַוולאָוויטש לאַנגזאַם אויסגעטאָן און, קראַצנדיק דעם רוקן, איז ער צוגעגאַנגען צום בעט, וואָס איז געווען פעסט פאַרהאַנגען מיט אַ בונטן סיצענעם פאַרהאַנג.

— גאָט, באַוויליק! — האָט ער געשעפּטשעט, דערנאָך האָט ער ברייט אַ געניץ געטאָן, האָט איבערגעקרייצט דעם מויל, האָט פאַרקאַטשעט דעם פאַרהאַנג און האָט גענומען קוקן אויף דער מעכטיקער פיגור פון זיין ווייב, וואָס איז געווען באַדעקט מיט די ווייכע פאַלבן פון דעם ליילעך.

אויפמערקזאַם און אויספירלעך באַטראַכט דעם דאָזיקן פון שלאָף דערשטיקטן, אומבאַוועגלעכן, הויפן פעטן קערפּער, האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש שטרענג אָנגעכמורעט די ברעמען און האָט געזאָגט מיט אַ האַלבן קול:

— אַ מאַשינע!...

דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעקערט צום טיש, האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און האָט ווידער גענומען וואָרטשען:

— כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, טיוול, לאָמיר גיין שלאָפן אונטערן אָפּדאַך: איז ניין, ביסט ניט געגאַנגען! דעמבענע קלאָץ: אַנו, גיב זיך אַ ביסל אַ רוק!

אַריינגעזעצט דעם ווייב אַ פויסט אין זייט אַריין, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט לעבן איר און זיך ניט צוגעדעקט מיט דעם ליילעך, דערנאָך האָט ער ווידער אַ שטאַרקן שטויס געטאָן דעם ווייב מיט

דעם אײלנבײגן. דאָס װײַב האָט גענומען בלעקן, זיך גענומען פּאַרבלען, זיך אומגעקערט צו אים מיטן רוקן און װידער גענומען כראָפּען. טיכאָן פּאַװלאָװיטש האָט אַ זיפץ געטאָן פאַרקלעמט און האָט דורך דעם שפּאַלט פון פאָרהאַנג אויסגעשטעלט די אויגן אויפן סופיט, װאו עס האָבן געציטערט די שאָטנס פון דער לבנה און פון דער לאָמפּאַדע, װאָס האָט געברענט אין אַ װינקל פאַר דעם בילד פון דעם הײליקן דערלייזער. אין דעם אָפענעם פענסטער האָט זיך פון גאָרטן־אַרויס געגאָסן, צוזאַמען מיט דעם שטילן און װאַרעמען נאַכט־װינט, אַ שאָרך פון בלעטער, אַ ריח פון ערד און פון פײַכטער פעל, װאָס מע האָט ערשט הײַנט אין דער פרי אָפּגעשנידן פון דעם קאַשטאַנעװאַטן פערד און אויסגעשפּרייט אויף דער שפּייכלער־װאַנט. ס'האָט זיך דערטראָגן דער װייכער קלאַנג פון די װאַסער־טראָפּנס, װאָס זײַנען געפאַלן פון דעם מילראָד; אין װעלדל, הינטער דער הרעבליע, האָט געשריען דער טשערעט־פויגל; דער פינסטערער, קרעכצנדיקער קלאַנג האָט שטיל געשװעבט אין דער לופטן; בעת ער איז פאַרשװוּנדן — האָבן די בלעטער פון די בײמער שטאַרקער געריישט, גלײַך זײ װאָלטן זיך פאַר אים דערשראָקן, און פון ערגעץ־װאו האָט זיך דערטראָגן אַ הילכיק געזאַנג פון אַ מוק.

נאָכגעפאָלגט די שאָטנס, װאָס האָבן געציטערט אויפן סופיט, האָט טיכאָן פּאַװלאָװיטש אָפּגעװענדט זײַן בליק אויף דעם פאַדערשטן װינקל פון צימער. דאָרטן האָט זיך געװיגט פון װינט, און שטיל געשמילקעט דאָס פײַערל פון הײליקן אײל־לעמפּל; דערפון האָט זיך דאָס טונקעלע געזיכט פון דעם דערלייזער דאָ אויסגעלײַטערט, דאָ פינסטער געװאָרן, און טיכאָן פּאַװלאָװיטשן האָט עס אויסגעװיזן, װי עס װאָלט געטראַכט אַ גרויסע און שװערע מחשבה. ער האָט אַ זיפץ געטאָן און האָט זיך פרום איבערגעצלמט.

ערגעץ האָט געקרייט אַ האָן.

— ניט שײַן־װשע איז שוין צװעלף? — האָט טיכאָן פּאַװלאָװיטש בײַ זיך אַלײן געפרעגט. ס'האָט אַ קריי געטאָן אַ צװײטער האָן, אַ דריטער... נאָך און נאָך. ענדלעך האָט אַ געלער האָן אַ געשריי געטאָן ערגעץ הינטערן װאַנט מיטן גאַנצן כּוח פון

דעם הינער־שטייג האָט אים געענטפערט אַ שוואַרצער, און דער גאַנצער הינער־שטייג האָט זיך איפגערודערט, הויך אָנזאָגנדיק האַלבע נאַכט.

— אָ, שדים, — האָט זיך טיכאָן פּאַוולאָוויטש ביז געני־מען פאַרבלען, — איך קען ניט איינשלאָפן... צעפּלאַצט זאָלט איר ווערן!

אַז ער האָט זיך איסגעזידלט, איז אים עפּעס געוואָרן לייכטער: דער פאַרפלוכטער, אומפאַרשטענדלעכער אומעט, וואָס האָט אים באַהערשט פון זינט זיין לעצטער רייזע אין שטאָט, האָט אים ווייניקער געדריקט, בעת ער האָט זיך געבעסט, — און בעת ער האָט זיך שטאַרק צעבעסט, איז ער אינגאַנצן פאַרשוואונדן. נאָר אין די האָזיקע טעג איז אין שטוב אַלץ געגאַנגען אַזוי כשורה, גלאַט, אַז אַפילו איסוידלען זיך, ווי עס באַדאַרף צו זיין, כדי צו שטילן אינגאַנצן האָס האַרץ, — האָט מען ניט געקענט — ס׳איז ניט געווען מיט וועמען און ס׳איז ניט געווען פאַרוואָס. באַמערקנדיק, אַז „ער אַליין" איז אין זייער ניט קיין גוטער שטימונג, פלעגן זיך אַלע אויסטער־אַטלען.

טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט געזען, ווי די היימישע האָבן פאַר אים מורא און ריכטן זיך אויף אַ געוויטער, און האָט זיך געשפּירט — וואָס ס׳האָט מיט אים קיינמאָל ניט פּאַסירט — שולדיק פאַר אַלעמען. אים איז געווען מיאוס, וואָס אַלע זיינען אַזעלכע אָנגעכמורעטע און לויפן פון אים, און דאָס שווערע, אומפאַרשטענדלעכע געפיל, וואָס ער האָט געבראַכט צו פירן פון שטאָט, האָט אים נאָך מער באַהערשט.

אַפילו קוזמאַ קאָסיאַק, דער נייער שיטער פון אָרלאָוו, אַ ליגן אַ קריגער, אַ יונגער בחור, אַ פרייליכער און אַ מעכטיקער, מיט פרייליכע בלויע אויגן און מיט אַ גלייכער ריי קליינע און, ווי שנים, ווייסע ציינער, וואָס זיינען געווען איסגעשטשירעט מיט אַן אַרויס־הפנדיקן שמייכל, — אַפילו דער האָזיקער קוזקע, וואָס האָט פאַרדינט מע זאָל אים געשמאַק איסוידלען, איז אויך עפּעס אָפּגעוועלקט געוואָרן פאַר דער לעצטער צייט, איז געוואָרן סאָליד און דעפּלעך, האָט ניט געזונגען מער קיין לידער, אויף וואָס ער איז געווען אַ גרויסער מייסטער, האָט ניט געשאָטן מער מיט קיין טרעפּ־

לעכע אַנעקדאָטן אין אַלע זייטן, און באַמערקנדיק דאָס אַלץ בײַ אים, האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש געטראַכט בײַ זיך: „כ׳בין, קענטיק, געוואָרן אַ גוטער טיוול!“ און טראַכטנדיק אַזוי, איז ער אַלץ מער געוואָרן געהאָרכזאַם עמעצן, וואָס האָט אָן איפּהער געזויגן זיין דאַרץ.

טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט ליב געהאַט צו זיין צופֿרידן מיט זיך און מיט זיין לעבן, און בעת ער האָט זיך אַזוי געשפּירט, האָט ער בכּיוון און קינסטלעך פֿאַרשטאַרקט זיין שטימונג מיט דעם שטענדיקן דערמאָנען אָן זיין פֿאַרמעגלעכקייט, אָן דעם אָפּשיי צו אים מצד די שכנים און אָן אַלדאָס איבעריקע, וואָס האָט אים געקענט דערהייבן אין זיינע אויגן. אַלע שטוב־מענטשן האָבן געוואוסט די דאָזיקע שוואַכקייט זיינע, וואָס האָט געקאָנט זיין ניט בלויז אַ געפֿיל פֿון כּבוד־גייציקייט, נאָר אויך אַ פֿאַרלאַנג פֿון אַ זאַטן און געזונטן וועזן, ווי בעסער זיך צו לאָזן וואוילגיין מיט דעם געפֿיל פֿון זאַטקייט און געזונטקייט. די דאָזיקע שטימונג האָט אַרויסגערופֿן בײַ טיכאָן פּאַוולאָוויטש אַ געוויסן גוטמוטיקן קוק אויף זאַכן און הגם זי האָט אים ניט ערלויבט אַוועקצוואַרפֿן זיין שטאַנדפּונקט, האָט זי אים אָבער געשאַפֿן צווישן באַקאַנטע אַ רעפּוטאַציע פֿון אַ האַרציקן און ברייטן מענטשן. און זאָט איז דאָס דאָזיקע שטאַנדהאַפֿטיקע, לעבנספֿריידיקע געפֿיל פּלוצלונג ערגעץ צערונען געוואָרן, אַוועקגעפֿלויגן, פֿאַרלאָשן געוואָרן און אויף זיין אָרט האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ נייס, אַ שווערס און אַ טונקעלס.

— אָך, גאָט! — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש, ליגנדיק לעבן זיין ווייב און צוהערנדיק זיך צו די ווייכע זיפֿצן פֿון דער נאַכט הינטערן פֿענצטער, געשעפּטשעט. פֿון דער אָנגעוואַרעמטער פּוכענער פּערענע איז אים געוואָרן הייס, ה׳שנע; ער האָט זיך אומרויִק גענומען באַרבלען, האָט געשאָלטן דאָס ווייב, האָט אַראָפּגעלאָזן די פֿיס אויף דער דיל און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן בעט, ווישנדיק דאָס פֿאַרשוויצטע געזיכט.

אינם דאָרף באָלאָטנאָיע, פֿינף וויאָרסט פֿון דער מיל, האָבן זיך דערהערט די קלעפּ פֿון דעם וועכטער־גלאָק. די אומעטיקע קופּערנע קלאַנגען האָבן, אַראָפּפֿליענדיק פֿון גלאָקנטורעם, שטיל

געשוועבט אין דער ליפּטן און זיינען שפּורלאָז צערונען געוואָרן. אין גאָרטן האָט אַ קנאַק געטאָן אַ צווייג, און אין וועלדל האָט זיך ווידער צעשריען דער טשערעט־פייגל, גלייך ער וואָלט געלאַכט פון עפּעס מיט אַ טויבן און ביזן געלעכטער.

טיכאָן פּאַוולאָוויטש איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט זיך אַריינגעזעצט אין דעם טיפן לעדערנעם פאָטעל, וואָס ער האָט ניט לאַנג געקויפט פאַר צוויי רובל ביי דער פאַראָרעמטער שכנה, דער אַלטיטשקער פּריצטע. בעת דער קאַלטער לעדער האָט זיך צוגערירט צו זיין לייב, האָט ער אויפגעציטערט און האָט זיך אַרומגעקוקט.

ס'איז געווען אומהיימלעך. דורך די בלומען אויף דעם פענסטער און דורך די צווייגן פון דעם קליאָן פאַר דעם פענסטער זיינען אין צימער אַריינגעדרונגען די שטראַלן פון דער לבנה און האָבן אָנגעצייכנט אויפן דיל אַ שאָטנדיקן ציטעריקן געמעל. איינע פון די פלעקן אינם צענטער פון געמעל איז געווען זייער ענלעך אויף דעם קאָפּ פון דער באַלעבאָסטע פון פאָטעל. פּונקט ווי דעמאָלט אויף דעם קאָנקירס, וויגט זיך דער דאָזיקער קאָפּ פול מיט פּאָרוואורף אין טונקעלן, האָריקן הייבל; און די אַלטע ליפּן טשאַמקען צו אים, צו דעם מילנער:

— „דאָסט קיין מורא ניט פאַר גאָט, טייערינקער! דעם פאָטעל האָט דער פאַרשטאָרבענער פּיאָדאָר פּעטראָוויטש געקויפט פאַרן סאַמע טייט, 18 רובל האָט ער געגעבן. וויפיל איז דען פאַראַן, ווי ער איז געשטאָרבן? איננאַנצן אַ נייע זאַך, און דו גיסט אָנדערטהאַלבן!...“

און דער פאַרשטאָרבענער פּיאָדאָר פּעטראָוויטש ליגט אָט דאָ־אָ אויפן דיל: אָט איז זיין גרויסער, פּאַטלאַטער קאָפּ מיט די געדיכטע כאָכלישע וואָנצעס.

— גאָט, דערבאַרעם זיך! — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש אַ זיפץ געטאָן. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען פון פאָטעל, האָט אַראָפּגעשטעלט די בלומען פון פענסטער אויף דער דיל, און אליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף זייער אָרט.

הינטערן פענסטער איז געווען שטיל און אומעטיק. די ביימער אין גאָרטן זיינען געשטאַנען אומבאַוועגלעך, צונויפגעגאָסן דורך

דער נאַכט אין אַ געדיכטער, פֿינצטערער וואַנט, וואָס הינטער איר האָט זיך געהערט עפּעס שרעקלעכס. און פֿון דעם מילראָך האָט הילכיק אין מאָנאָטאָן געטריפֿט דאָס וואַסער, גלייך עס וואָלט געערעכנט די צייט. אונטערן סאַמע פֿענצטער האָבן זיך שלעפֿעריק געוויגט די לאַנגע שטענגלעך מאַלווע. טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט זיך איבערגעצלמט און האָט פֿאַרמאַכט די אויגן. דעמאָלט האָט זיך אין זיין פֿאַנטאַזיע לאַנגזאַם געגומען פֿאָרמירן די שטאָטישע געשיכטע, וואָס האָט אים אַראָפּגעשלאָגן פֿון וועג.

איבער דער שטייביקער, מיט ברענענדיקע זונענשטראַלן פֿאַרגאָסענער גאַס, באַוועגט זיך שטיל אַ טרויער-פּראָצעסיע. די ריזעס פֿון דעם גלח און דעם דיאַקאָן בלענדן די אויגן מיט זייער גלאַנץ; אין דעם דיאַקאָנס הענט קלינגט די וויהרויך-כלי, די קליינע קנוילן בלויען רויך צעגייען אין דער לופֿטן.

— הוי-יילו... — דרייט אויס דער קליינטשקער אַלטיטשקער גלח מיט אַ דינינקן טענאָר.

— קער! — ברומט דער דיאַקאָן — אַ הויכער מאַנספּאַרשוין, מיט אַ געדיכטער טשופּרינע שוואַרצע האָר און מיט גרויסע, גוטע אויגן — מיט אַ דונערדיקן באַס.

— גאָ-אָט, — גיסן זיך צוגויף ביידע שטימען צוזאַמען און טראָגן זיך אַוועק אין דער וואָלקנפֿרייער הייך צו דער בלענדנדיק-שימערירנדיקער זון, וואו ס'איז אַזוי ווייט און רויק.

— אומשטערבלעכער! — רעוועט דער דיאַקאָן און פֿאַרהילכט מיט זיין מעכטיקער שטימע אַלע קלאַנגען פֿון גאַס, די טראַסקערייי פֿון די דראָשקעס, דעם רויש פֿון די טריט איבער דעם ברוק און די איינגעהאַלטענע רייד פֿון דעם גרויסן המון, וואָס באַגלייט דעם נפֿטר, — רעוועט און, ברייט צעעפֿנט די אויגן, קערט ער אום זיין באַבערדיקט געזיכט צום עולם, גלייך ער וואָלט אים וועלן זאָגן:

— עכוואַ! כ'האָב גוט אויסגעדרייט די נאָטע!?

אין טרונע ליגט אַ הער אין אַ סורדוט, מיט אַ מאָגערן און שאַרפֿן געזיכט. אויף דעם דאָזיקן געזיכט איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אַן ערנסטע און רויקע מינע. די טרונע טראָגט מען ניט גלייך, און דער קאָפּ פֿון דעם נפֿטר וויגט זיך פֿאַרטיפֿט פֿון

אין זייט אויף דער צווייטער. טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם געזיכט פון דעם נפטר, האָט אַ זיפץ געטאָן, איבערגעצלמט זיך אין, מיטגעריסן פון דעם המון, איז ער אַוועק נאָך דער טרונע, באַטראַכטנדיק דעם דיאַקאָן, וואָס האָט אים פאַראינטערעסירט מיט דער מאַסיווקייט פון דער שטימע און מיט דער פיגור. דער דיאַקאָן איז געגאַנגען און געזונגען, און ווען ער האָט ניט געזונגען, האָט ער געשמועסט מיט עמעצן פון די מיטגייער. קענטיק, אַז דער מענטש, וואָס איז געלעגן אין טרונע, האָט ביי דעם דיאַקאָן ניט אַרויסגערופן קיין טרויעריקע מחשבות וועגן דעם, אַז אויך ער איז אונטערגעוואָרפן דעם דאָזיקן נאַטירלעכן פליכט, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, ווען אויך אים וועט מען טראָגן אַזוי איבערן גאַס, כדי צו באַגראָבן אים אין דער ערד; און ליגנדיק אין טרונע, וועט ער אויך אַזוי טרייסלען מיטן קאָפּ, און דאַמאָלסט וועט ער שוין ניט קענען נעמען קיין איין נאָטע, אַפילו די סאַמע איינפאַכע.

און טיכאָן פּאַוולאָוויטשן איז געוואָרן אומאָנגענעם צו קוקן אויף דעם פריילעכן דיאַקאָן; ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און, דורכלאָזנדיק פאַרביי זיך אַ סך פּובליקום, האָט ער געפרעגט ביי אַ גימנאַזיסט:

— וועמעס לוויה איז דאָס, ליבער?

יענער האָט אויף אים אַ וואָרף געטאָן אַ בליק און האָט אים גאָרנישט ניט געענטפערט. דאָס האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטשן באַליידיקט.

— אַזאַ שנעק און האָט ניט קיין דרך-ארץ פאַר עלטערע! קאָסטעווען דאַרף מען אייך! וואָס קלערסטו זיך, אַז איך ווייס ניט, וואָס איך דאַרף? אַ שרדה אַ בּיטל!

ער איז אַוועק ווייטער און האָט זיך ווידער אָפּגעפונען לעבן דער טרונע. די טרונע האָבן געטראָגן פיר מענטשן, דערביי איז מען געגאַנגען זייער שנעל און ניט אין פוס. ביי איינעם פון די טרעגער איז נאָכאַנאַנד אַראָפּגעפאַלן די פּענסנע פון נאָז, און אַרויפוואַרפנדיק זיי ווידער אויף דעם נאָז-וואָטל, פלעגט ער אומבאַדינגט אַ טרייסל טאָן דערביי מיט דער געדיכטער גריווע פון די געלע האָר.

— דער מת — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש אַ טראַכט געטאָן, — איז, קענטיק, אַ גרינגינקער; — אַ טשינאָווניק, ווייזט אויס — זיי זיינען אויסגעמאָגערט...

מען איז געגאַנגען אַזוי שנעל, גלייך דער מענטש, וואָס איז געלעגן אין טרונע, וואָלט נאָך ביים לעבן באַוויזן אַלעמען שרעקלעך צו דערעסן, און אַלע וואָלטן זיך איצט געפּלייסט וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון אים. טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט עס באַמערקט.

— גלייך מ׳טרייבט זיי!

— וואָדען, אַיילן זיי זיך? איך גאָטס מענטשן! נישקשה, בעת דער מענטש האָט געלעבט, איז געווען אי דאָס, אי יענץ, אָבער ווי נאָר צוגעמאַכט מיטן אַן אויג — איז וואַ״ך וואָס־גיכער אין גרוב אַריין: מיר האָבן קיין צייט ניט!

און טיכאָן פּאַוולאָוויטשן איז געוואָרן אומעטיק: ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען מע וועט אים אויך אַזוי שלעפּן. מעגלעך, אַז באַלד טאַקע — אים איז אַכט־און־פערציק יאָר.

— און וואָס איז דאָס? — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש זיך אַליין געפרעגט, דערזעענדיק אויף דעם דעקל פון טרונע קרענץ, לענטעס מיט אויפשריפטן פון גאָלדענע אותיות און בלומען.

— נ־יאָ... הייסט עס, פאָרט אַ וויכטיקע פּערזאָן. אָבער די באַגלייטער — די זיינען פון די באָרוועסע. דורכאויס אָרעמע לייט, קענטיק... וועמען באַגלייט מען דאָס? — האָט דער מילנער געפרעגט אַ הדרת־פּנימדיקן הער מיט ברילן און מיט אַ קיילעכיקער באָרד, וואָס האָט זיך אויסגעגלייכט מיט אים.

— אַ שרייבער.... — האָט זיך יענער שנעל אָפּגערופן און, אָפּמעסטנדיק טיכאָן פּאַוולאָוויטשעס פיגור, האָט ער איבערצייגנדיק צוגעגעבן: — אַ פּאַ״פּאַסער....

— מיר פאַרשטייען, — האָט זיך טיכאָן פּאַוולאָוויטש אָפּגערופן — מיר שרייבן אויס די „ניוואַ”, דאָס טעכטערל האָט געלייענט וועגן זיי. דער פאַרשטאָרבענער איז פון די וויכטיקע לייט?

— נ־ניין.... ניט פון די וויכטיקע... — האָט זיין מיטשמועסער געשמייכלט.

— יאָ... ס'מאַכט ניט אױס... דאָך אַ מענטש מוט פאַרדינסטן פאַר דער װעלט. אַן אַנדער לױב איז פאַר דער זון, אַן אַנדער לױב איז פאַר דער לבנה... אַ שטערן פון אַ שטערן שײדט זיך אונטער אין לױב... קרענק פונדעסטװעגן...

טיכאָן פּאַװלאָװיטשן האָט צוליב־עפּעס פאַרקלעמט דאָס האַרץ, האָט אַזױ פאַסקודנע געקלעמט — דאָס אַזױ װי ס'װאָלט אים געצופּט, דאָס — אַזױ װי ס'װאָלט אים געשטיקט.

און דער דיאַקאָן מיט דער הילכיקער שטימע האָט אַלץ געזונגען:

— הײ—ײליקער, אומשטערבלעכער!....

און דער ציטעריקער טענאָר פון דעם גלח, װאָס האָט זיך קוים דורכגעשלאָגן דורך דער געדיכטעניש פון דעם דיאַקאָנס באַס, האָט שעמעװדיק און שטיל געבעטן:

— דערבאַרעם זיך איבער או—ו—נז....

דער המון באַגלײטער האָט שטומפּיק געטופּעט מיט די פיס און אױפגעהױבן אַ שטױב פון װעג; דער מת האָט אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ, און איבער דעם אַלעמען האָט גלײכגילטיק געשײנט די זון, דער יולי־הימל.

און אָט איז טיכאָן פּאַװלאָװיטשן באַפאַלן עפּעס אַ מרה־שחורה — ס'האָט זיך ניט געװאָלט ניט טראַכטן, ניט רײדן. ער האָט זיך צוגעפּאַסט צו די טריט פון די שכנים און, באַהערשט פון דער אַלגעמײנער קאָלאַמוטנער שטימונג פונם המון, איז ער מיט אים געגאַנגען, האָט געשפּירט בלױז די אײן איבערדריסיקע נאָגעניש ערגעץ־טיף אין דער ברוסט און האָט ניט געפונען ניט קײן כּוחות, ניט קײן װילן אָפּצוטשעפּען זיך פון איר.

מע איז געקומען אױפן בית־עולם, אָפּגעשטעלט זיך לעבן גרוב און אַװעקגעשטעלט די טרונע אױף דעם בערגל ערד, װאָס איז אַרױסגענומען געװאָרן פון דער גרוב. געמאַכט האָט מען דאָס עפּעס אַזױ אומגעשיקט, אַזױ אומגעראָטן. דער מת האָט זיך אַ רוק געטאָן צו דעם ברעג פון דער טרונע, דערנאָך האָט ער װידער אָנגענומען די פריערדיקע פּאָזע; ס'האָט זיך אױסגעדוכט, אַז ער האָט זיך אַרומגעקוקט און איז געבליבן צופרידן, װאָס מע האָט

אים איבערגעהערט צו טרייסלען און וואָס באַלד וועט מען אים איבערן צו בראָטן אויף דער זון. דער דיאַקאָן האָט, צעטרייסלענדיק די לופּט, כּסדר אַרויסגעוויזן זיין גיבֿציקייט; דער גלח איז נישט אָפּגעשטאַנען פון אים; עמעצער פון עולם האָט אונטערגעזונגען מיט אַ הימפּן קול. די קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן איבערן בית־עולם און, פּלאָנטערנדיק זיך צווישן די צלמים און די פאַרדאַרטע ביימער, האָבן זיי טיכאָן פּאַוולאָוויטשן געשטיקט.

און אָט איז — דאָס לעצטע ווינקעלע.

דער הדרת־פּנימדיקער העד, וואָס ביי אים האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש געהאַט געפּרעגט וועגן דעם מת, איז צוגעגאַנגען צום ברעג קבֿר און, אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די האָר, האָט ער געזאָגט:

— מיינע הערן!...

ער האָט עס אַזוי געזאָגט, אַז דער מילנער האָט אַפילו אַ ציטער געטאָן און האָט אויסגעשטעלט אויף אים די אויגן. דעם העדס אויגן האָבן אויסטערליש געפינקלט. ער האָט זיי דאָ אַראָפּגעלאָזן אויף דער טרונע, דאָ באַטראַכט דעם עולם, און די פּויזע צווישן זיין הערנדיגן און דעם אָנהייבן רייד איז געווען אַזוי לאַנג, אַז אַלע, וועד עס איז געווען איפּן בית־עולם, האָבן באַוויזן אַנטשוויגן און פאַרגליווערט צו ווערן פול מיט דערוואַרטונג. און אָט האָט זיך דערהערט אַ ווייכע, אַ ברוסטיקע, אַזאַ פאַרטראַכטע און טרויעריקע שטימע. דער רעדנער האָט ריטמיש געפאָכט מיט דער האַנט צום טאַקט פון זיינע ווערטער; זיינע אויגן האָבן געברענט אונטער די ברילן און, הגם טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט שלעכט פאַרשטאַנען דאָס, וואָס דער דאָזיקער העד האָט גערעדט, האָט ער זיך דאָך דערוואוסט פון זיינע רייד, אַז דער פאַרשטאָרבענער איז געווען אַן אָרעמאַן, הגם ער האָט צוואַנציק יאָר אומדערמידלעך געאַרבעט לטובֿת הכּלל; אַז ער האָט נישט געהאַט קיין פאַמיליע; אַז ביי זיין לעבן האָט זיך מיט אים קיינער נישט אינטערעסירט און קיינער האָט אים נישט געשעצט, און אַז ער איז געשטאָרבן פון אויסצערונג, אין אַ שפּיטאָל, פּונקט אַזוי איינזאַם, ווי איינזאַם ער איז געווען דאָס גאַנצע לעבן זיינס. טיכאָן פּאַוולאָוויטשן איז געוואָרן באַנג אויף דעם פאַרשטאָרבענעם, און דער נאָגנדקער ווייטאָג אין

ברכה האָט זיך פאַרשמאַרקט. ער האָט זיך אין אים שאַרף אײַנגעקוקט, האָט אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן זיין מאָגער, אויסגעמאַרעט געזיכט, די קלײנינקע, דינע און גלײכע פיגור און האָט פּלוצלינג איינגעפונען, אַז דער בר־מינן איז ענלעך אויף אַ נאָגל. ער האָט אַ שמייכל געטאָן פון זיין געדאַנק, און אין דער זעלביקער צייט האָט דער הער מיט דעם אָנשטענדיקן אײַזען אויפגעהויבן די שטימע און געזאָגט: „די קלעפּ פון דעם גורל זיינען איינע נאָך די אַנדערע געפאַלן אויף זיין קאָפּ, און אַט האָט דער גורל צולעצט דערהרגעט דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס האָט זיך געווידמעט דער אומדאַנקבאַרער, שוואַרצער צוגרייטונגס־אַרבעט, צו באַשאַפן אויף דער ערד אַ גוט לעבן פאַר מענטשן! פאַר אַלע מענטשן, אָן אונטערשייד...“

פונקט אין דער צייט האָבן זיך דעם רעדנערס אויגן אָפּגעשטעלט אויף טיכאָן פּאַוולאָוויטשעס געזיכט און, כאַפּנדיק זיין שמייכל, האָבן זיי שטרענג אַ פינקל געטאָן. דער מילנער האָט זיך פאַרלאָרן און איז אָפּגעטראָטן אויף צוריק, שפּירנדיק זיך שולדיק סיי פאַר דעם געשטאָרבענעם, סיי פאַר דעם מענטשן, וואָס האָט וועגן אים דערציילט.

די זון האָט געבאַקט אָן רחמנות, דער בלויער הימל האָט געקוקט רויק אויף דעם טויטן־פעלד, אויף דעם המון אַרום דעם פרישן קבר, און דעם אָראַטאָרס שטימע, אַ טרויעריקע און אַ האַרציקע, האָט אַלץ געקלונגען.

טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט געדרייט מיטן קאָפּ, האָט באַטראַכט די פינסטערע געזיכטער פון די צוהערער און האָט געשפּירט, אַז ניט אים אַליין, — אַלעמען איז דער דאָזיקער אומעט באַפאַלן.

— „מיר האָבן פאַרשאָטן אונזערע נשמות מיט מיסט פון טאָגטעגלעכע דאגות און האָבן זיך צוגעוויינט צו לעבן אָן אַ נשמה, אַזוי ווייט זיך צוגעוויינט, אַז מיר באַמערקן שוין ניט, ווי מיר זיינען אַלע געוואָרן פאַרהילצערט, געפיללאָז, טויט. און אַזעלכע מענטשן, ווי ער, זיינען אונז אומפאַרשטענדלעך“.... — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש געהערט.

— ריכטיק! — האָט ער דעמאָלט געזאָגט צו זיך — איז דאָס... צי דען האָב איך ניט פאַרגעסן אָן מיין נשמה? גאָט! — טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט אַ זיפץ געטאָן און אויפגעעפנט די אויגן. אַ שטראָם פרישע לופט האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דער פינסטערניש פון גאָרטן און האָט דעם פאַרטרויטן מענטשן באַהויכט מיט אַ ריח פון טרוקן גראָז, בלומען און דומפּיקן וואַסער פון סאַזשאַלקע. די שאָטנס אויפן דיל האָבן געציטערט שטאַרקער, גלייך זיי וואָלטן זיך געפרוווט איפהייבן און אַוועקפליען. דער מילנער איז אויפגעשטאַנען פונם פענסטער, האָט ווידער צוגערוקט דעם פאָטעל צום פענסטער און איז צוגעגאַנגען צום בעט: אַ וואָרף געטאָן זיך איף דער פּערענע, האָט דאָס ווייב געסאָפּעט און געכראָפּעט, ברייט צעשפּרייט די פולע הענט. די דאָזיקע הענט און די אַנטבלויזטע ברוסט האָבן טיכאָן פּאַוולאָוויטשן אויסגעוויזן, ווי זיי וואָלטן אין דער דאָזיקער נאַכט עפּעס ניט געווען איף אַן אָרט און גלייך זיי וואָלטן זיך מיט אים געריצט. אַ וואָרף געטאָן מיט כעס דעם ליילעך איף דעם ווייבס לייב, האָט ער גענומען אַ קישן און, צוגייענדיק צום פענסטער, האָט ער זיך ווידער אַריינגעזעצט אין פאָטעל, האָט אַוועקגעלייגט די קישן אויפן פענסטער, האָט זיך אָן איר אָנגעשפּאַרט און האָט גענומען טראַכטן. אים איז פּלוצלונג געקומען אויפן געדאַנק די מחנה ווייסע טויבן, וואָס האָבן געשוועבט הייך אין הימל איבערן בית־עולם אין דעם געדענקווערדיקן טאָג פון דער לויה. פאַרמאַכנדיק די אויגן, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט די דאָזיקע ווייסע פּינטעלעך אין בלויען הימל... און שווייגנדיק האָט ער זיך אַליין געטאַדלט...

— וואָס, ברודער, קענטיק, ס׳האָט דיך גוט דורכגענומען? אָט איצטער לעב... פּלאָג זיך.

אין אַרום איז אַלץ געווען אַזוי קלאָר און דייטלעך און אין דערזעלבער צייט אַזוי אומרויִק שטיל, גלייך עפּעס וואָלט געדאַרפט געשען. און די אומרויִקע, מחוץ די טאָג־טעגלעכע געדאַנקען, וואָס שטערן דעם נאָרמאַלן לעבנסגאַנג, האָבן זיך אַלץ געצאַפּלט אין דעם מילנערס קאָפּ, וואָס איז געווען ניט געוויינט צו זיי; איינע נאָך די אַנדערע זיינען זיי געקומען, פאַרשוואונדן און ווידער גע-

קומען, נאָר שוין אין אַ גרעסערן פאַרנעם, שווערער. אַזוי פליט דורך אין אַ ליכטיקן זומערדיקן טאָג איבערן הימל אַ לייכט אָפּגעריסן שטיקל וואָלקן און באַהאַלט זיך, צעגייענדיק, ערגעץ אין די זונען־שטראַלן.... נאָר אָט איז נאָך איינער... נאָך.... נאָך... און דער פינסטערער געוויטער־וואָלקן קריכט לאַנגזאַם איבער דער ערד, אָנגעבראָגזט און וואַרטשענדיק טריב.

פון זיינע טראַכטענישן האָט זיך ביי דעם מילנער אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער מין פעיקייט, וואָס איז אים פריער ניט געווען באַקאַנט, אַ פעיקייט צו באַמערקן און פאַרגעדענקען אַלץ און צו אַלץ צוגעבן די פראַגע: „און צו וואָס דאַרף מען דאָס?"

— מיר אונטערדריקן די נשמה! — האָט זיך דער מילנער דערמאָנט אָן דעם רעדנערס איבערגעשריי און האָט זיך צונויפגעקנוילט.

— ריכטיק — די נשמה לעבט ניט. דער עיקר זיינען — די געשעפטן. ווען דער נשמה איז ניטאָ ווען צו טראַכטן. און פּלוצלונג איז זי... איז זי אויפגעשטאַנען, הייסט עס, האָט אָפּגעטשאַטעוועט אַ פוסטע צייט, און האָט ערוואַכט.... אָט האָסטו דיר געשעפטן! און צו וואָס אָנציען אומגעהייער פיל געשעפטן, אַז סיי ווי דאַרף מען דאָך שטאַרבן? צו וואָס זאָלן מיר זיך גרייטן, בעת מע דאַרף נעמען דאָס לעבן נאַקעטערהייט? צוליב.... דעם טויט... מיט וואָס וועלן מיר קומען פאַר גאָט? אָט דעריבער דערמאָנט עס די נשמה: טשוכע זיך פונאַנדער, דו מענטש איינער, דען דו ווייסט ניט, ווען דיין צייט וועט קומען.... גאָט, דערבאַרעם זיך! — טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט אַ ציטער געטאָן, האָט זיך איבערגעצלמט און האָט אַ קוק געטאָן אין ווינקל אויף דעם הייליקן בילד פון דעם דערלייזער. די שאָטנס פון דער לאַמפּאַדע האָבן אויף אים נאָכאַנאַנד געציטערט, ער איז געווען אַזוי טונקל און שטרענג און ס'האָט אויסגעזען, ווי אַלץ וואָלט געטראַכט זיין גרויסע מחשבה. ביי דעם מילנער אין האַרצן איז געוואָרן קאַלט. און טאָמער וועט ער פּלוצלונג באַלד... אָדער ניין, מאָרגן... טאָמער שטאַרבט ער פּלוצלונג מאָרגן! דאָס פּאַסירט אַמאָל מיט אַ מענטשן — פּלוצלונג, אָן קיין שום מחלה, אַנידערגעפאַלן און געשטאָרבן....

— אַננאַ! — רופט טיכאָן פּאַוולאָוויטש הויך. — אַננאַ, כאַפּ

זיך אויף, כאָטש אויף אַ מינוט, איך בעט דיך זייער. אַ מענטש מאַטערט זיך, און זי שלאָפֿט!

נאָר דאָס ווייב, הערדריקט פֿונם שלאָף, הערט ניט. און ניט דערוואַרט זיך אויף איר ענטפֿער, האָט זיך טיכאָן פּאַוולאָוויטש אָנגעטאָן און, באַגלייט פֿון איר כראָפּען, איז ער אַרויס פֿון צימער אויפֿן גאַניק, איז געשטאַנען אויף אים ביי אַ מינוט און איז שטיל אַוועקגעגאַנגען אין גאָרטן. ס'האָט שוין געטאָגט. דער מזרח איז געוואָרן אַלץ בלאַסער, און דער דינער ראָזער פּאַס פֿונם מאָרגנרויט איז געלעגן אויפֿן קאַנט פֿון אַ תּכלתדיקן וואָלקן, וואָס איז אין אַן אומבעוועגלעכער פּאָזע פֿאַרגליווערט געוואָרן אויף דעם האָריזאָנט. די קליאָנעס און די ליפּעס האָבן שטיל געוויגט זייערע שפּיצן. די ראָסע איז געפֿאַלן אין אומזעעוודיקע טראָפּנס; ערגעץ־ווייט האָט געקנאַקט די ריטהון, און אין וועלדל, הינטער דער סאַזשלקע האָט טרויעריק אונטערגעפּייפֿט דער שטאָר. ס'איז פֿרי... אין דעם שטאָר איז, ווייזט אים, קאַלט...

— אָבער האָט ער אַ קאָפּ, דער דאָזיקער הער! הייכע געדאַנקען פֿאַרמאָגט ער... אָט מיט אים וואָלט געווען גוט אויסריידן זיך חאָס האַרץ. ער וואָלט מיר הערק'עט, ווי און וואָס... איך קען דען עפּעס אַליין? דער קאָפּ טויג גאָר ביי מיר צו דעם ניט!

דער מילנער האָט צראָפּעלאָוט זיין קאָפּ, וואָס איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו די הויכע געדאַנקען, און האָט דאָך ווייטער געטראַכט.

— אפֿשר זאָל איך גאָר אַ פּאָר טאָן צו דעם לערער קיין יאַמקע? ער איז אויך, ווי זאָגט מען דאָס... אַ נאָגל. דער פּאָפּ אַלעקסעי זאָגט, אַז דאָס האָט ער מיך אָפּגעדריקט אויף די גאַזעטן. עך, די פּיפּערנאָטער איינער מיטן געלן שנוק!

טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט זיך דערמאָנט, ווי מיאוס ס'איז אים געווען, בעת די טאָכטער האָט איבערגעלייענט אין צייטונג וועגן זיין געלונגענער אָפּעראַציע מיט די קרוישינער פּויערים, און ווי זי האָט, פֿאַרדעקנדיק דאָס געזיכט מיט דער צייטונג, שטיל געפֿרעגט:

— טאַטעשי, ניט שוין־זשע איז טאַקע אַזוי געווען?

ער האָט זיך דעמאָלט צעבייזערט:

— דיין טאַטעשי איז דען אַ היבער? אַזוי איז געווען: פּראָ-אָדם, וואָס לערנסטו דאָרטן אין דער גימנאַזיע?

און געווען איז דאָס טאַקע פּונקט אַזוי, ווי דער לערער האָט אָנגעשריבן. נאָר איך וועל דאָך ניט גיין מודה זיין זיך פאַר דער טאָכטער! וואָס פאַרשטייט זי? איצט איז ער מיט די קריזישינער קוויט: בעת די הרעבליע איז בײַ אים איינמאָל שיר ניט אַראָפּגע-שווענקט געוואָרן, און זיי האָבן זי פאַרפעסטיקט — האָבן זיי אַ העלפט אומגעקערט צוריק: דריי קערבלעך אַ טאָג האָבן זיי בײַ אים געריסן. ס'איז אַ קאַמף! האָסט זיך אָפּגעלאָזן — איז אַ סוף — נאָך דיר. יאָ... דער לערער איז דערבײַ געווען.

— וואָס, — זאָגט ער, — סוחר, איך האָט מען דען אויך צוגעשטיקט? און לאַכט. דאָס געזיכט איז בײַ אים אַ טרוקנס, אַ געלס, אַ שטרענגס.

— איר זייט פאָרט אַ שלעכטער סוחר... איר זייט גייציק און שלעכטלעך.

דער מילנער איז בייז און שפּירט — ס'איז אמת: אי דאָס, וואָס ער איז גייציק, אי דאָס, וואָס ער איז שלעכט.

— גאָט, ס'וועט שוין ווערן אַמאָל טאָג? — האָט ער מיט צער אַ טראַכט געטאָן. — שוין באַלד: — דער ראָזער פּאַס אויף דעם ברעג וואָלקן איז געוואָרן אי העלער, אי ברייטער...

אָט ריידן עדגעץ מענטשן. דער מילנער איז צוגעגאַנגען צום פּליט און האָט זיך געלייגט לעבן אים אויפן באַנק; ער האָט געשפּירט, אַז פון דער שלאָפלאָזיקייט איז ער ניט געזונט. און די שטימען פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך הילכיק צעטראָגן אין דער קלינגענדיקער פאַרטאָגיקער לופט, האָבן זיך אַלץ מער דער-נענטערט...

— בעט ניט, מאַטריאַ. פּטר ניט אומזיסט קיין רייד — ב'וועל ניט בלייבן!

טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט איבערגעציטערט, האָט זיך אויפגע-הייבן אַ ביסל פון באַנק און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן איילנ-בויגן. מע האָט גערעדט נאָענט הינטערן פּליט, אין די בוזינעס-

קוסטעס: דאָס איז געווען קוזמאַ קאָסיאַק, דער שיטער, מיט נאָך עמעצן.

— איך זאָג דיר, בעט ניט! כ'קען דאָ ניט בלייבן. כ'וועל אַוועקגיין הינטער קובאַן.

— און וואָס וועט זיין מיט מיר, קוזיאַ? דו גיב נאָר אַ טראַכט, וואָס וועל איך טאָן אָן דיר? כ'האָב דאָך דיך ליב, פייגעלע מיינס, כ'האָב ליב, פרייער מענטש די מיינער! —ן האָט קוזקען אָפּגעענטפערט אַ נידעריקער פרייענקאָנטראַלטאָ.

— ע, מאַטריאַ! פיל האָבן שוין מיך ליב געהאַט, מיט אַלעמען בין איך זיך צעגאַנגען, און גאָרנישט — האָבן חתונה געהאַט און זיינען פאַרזויערט געוואָרן אין דער אַרבעט! באַגעגנסט אַמאָל, גיסט אַ קוק — און גלויבסט דיינע אויגן ניט. אָט דאָס זיינען זיי די זעלביקע, וואָס איך האָב געקושט און געצערטלט! נו-נו! איינע מכשפהדיקער פאַר דער צווייטער. ניין, מאַטריאַ, ניט מיר איז אָנגעחתמעט געוואָרן צו חתונה האָבן, יאָ, נאַרעלע, ניט מיר. מיין פרייהייט וועל איך אויף קיין שום וויב, אויף קיין שום כאַטע ניט ביטן. כ'בין געבאָרן געוואָרן, פאַרשטייסטו מיך, הינטער אַ פלויט און וועל שטאַרבן הינטער אים. ס'איז אַזוי באַשערט. ביז גרויע האָר וועל איך זיך אַרומשלעפּן וואו די וועלט האָט אַן עק... און זיצן אויף איין אָרט איז מיר אומעטיק...

— און מיך, קוזיאַ? מיך? וואו וועל איך זיך אַהינטאָן פון דיר? גיב נאָר אַ טראַכט! אָדער האָסטו מיך שוין אפשר ניט ליב? אָדער די שאַנעווען מיך אפשר ניט?

— דיך, דיך... דיך וועל איך דאָ לאָזן... מיט דעם אַלמן משעקמאַרעוון וועסטו חתונה האָבן... ער האָט קינדער... אָבער כ'מאַכט ניט אויס, אַ פייער איז ער אַ וואַיילער.

— האָסט מיך ניט ליב!... — האָט די פרוי שטילערהייט געזאָגט.

— ניט ליב!... זעסט דאָך, אַז כ'האָב ליב, אַז איך רייד מיט דיר. כ'וואָלט ניט ליב געהאַט, וואָלט איך ניט געמאַכט קיין מחזקות. דערפאַר טאַקע ברענגט מען אויס די צייט מיט מיידלעך, ווייל מען האָט זיי ליב, און אַז מע זאָל זיי ניט געווען ליב

האָבן — וואָס וואָלטן זיי זיך דערמאָלט אָהינגעטאָן? און ס'איז מיר טאַקע אַ רחמנות אויף דיר... אָבער וויפֿל דו זאָלסט אויף עמעצן ניט רחמנות האָבן, איז אויף זיך אַליין שטענדיק אַ גרעסערער רחמנות. כ'לעבן, ס'וואָלט געווען אַ סך ערגער, ווען מיר וואָלטן זיך צעקריגט און פֿונאַנדערגעגאַנגען. ריכטיק? אָבער איצט־אָ קומט אַליין אַרויס אָפֿנהאַרציק־ליבשאַפֿטלעך, צערטלעך. איך וועל, הייסט עס, גיין אין מיין זייט, דו — אין דיין זייט, וואָס וועמען דאָס מזל וועט באַשערן. עכמאַ, וואָס איז דאָ צו ריידן! גיב, מילאַ, טייבעלע, נאָך אַמאָל אַ קוש!

די קלאַנגען פֿון די קושן האָבן דערגרייכט צו טיכאָן פּאַוולאָוויטשן און זיינען צעגאַנגען געוואָרן אין דעם רויש פֿון די בלעטער. דער שטאָר האָט זיך צעזונגען העכער און פֿרייליכער, די הענער הינטערן מיל האָבן מקבל־פּנים געווען דעם באַגינען, און ער איז שנעל געגאַנגען אַנטקעגן דער אויפֿגעוואַכטער ערד.

— אַך, מיין ליבער קוזיאַ... גוטער דו מיינער! נעם מיך מיט, די בידנע! — האָט דאָס מיידל ווידער הייך גענומען שעפּטשען.

— אָט האָסטו דיר — זי איז ווידער דאָ מיט אים.... איך קוש זי, האָלובע זי, ווי אַ רעכטן מענטשן, און זי הענגט זיך מיר אויפֿן האַלדז, ווי אַ שטיין. נו, אַ מיידל! און שטענדיק איז מיט אייך די זעלביקע פּאַרדרייעניש.

— יאָ, אָבער כ'בין דען ניט קיין מענטש?

— נו, יאָ, אַ מענטש. נו? און איך? איך בין, הייסט עס, ניט קיין מענטש? דערציילסט מיר מעשׂיות... מיר זיינען זיך ביידע צונויפֿגעגאַנגען מיטן גוטן ווילן... נו, און אָט איז געקומען די צייט זיך פֿונאַנדערצוגיין. דאַרף מען אויך מיטן גוטן ווילן.... דו דאַרפֿסט לעבן, און איך אויך; פּלאָנטערן זיך איינער דעם אַנדערן דאַרפֿן מיר ניט.... און דו כליפּעסט! נאַרעלע! דו דערמאָן זיך נאָר: ס'איז זיך זיס צו קושן מיט מיר? נו! עך, דו... לאַטקע....

ווידער האָבן גענומען קלינגען קושן, וואָס זיינען איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ ליידנשאַפֿטלעכן, זיך פֿאַרכליניענדיקן פֿליסטערן און טיפֿע זיפֿצן.

פּלוצלונג האָבן די שפּיצן פֿון די ביימער און אַלץ אַרום און דער הימל גופֿא אַזוי ווי אַ ציטער געטאָן און זיך צעשמייכלט מיט אַ פֿרישן, פּורפּור-רויטן שמייכל — דאָס האָט דער ערשטער זו־נענשטראַל אַ קוק געטאָן אויף דער ערד. און גלייך, ווי אַ באַ־גריסונג צו אים, האָט זיך דערהערט אַ ליבער געוויש פֿון דעם שלעפֿעריקן גאָרטן, וואָס האָט גענומען אויפֿוואַכן; ס'האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטעלע, אַ פֿרישס, אַ מונטערדיקס, פֿול מיט פֿאַרשיידענע ריחות.

די קלינגענדיקע טענאָריקע רייד פֿון קוזקע קאָסיאַקן, דער טרוי־עריקן ליידנשאַפֿטלעכער קאַנטראַלטאָ פֿון דעם מיידל האָבן אַזוי ווי ווייך געמאַכט דעם וויטאָג, וואָס האָט גענאָגט אין טיכאָן פּאַוולאָ־וויטשעס ברוסט.

— אַך, דו טייוול! האָט ער אויסגעשריען אין געדאַנק אויף דעם אַדרעס פֿון דעם מילנער-געהילף. — אַך, דו, פּלאַפּלער!

און שפּירנדיק אַ קנאה צו דעם דאָזיקן פֿרייען מענטשן, צו זיין זיכערקייט און זיין גערעכטיקייט, איז ער איינגעשטאַנען, האָט אַ זיפֿץ געטאָן און האָט געוואָלט אַוועקן אַהיים.

— שוין צייט, מאַטריאָ! שוין צייט מיר צו גיין צו דער אַרבעט! געדענק, זאָלסט קומען!

— כ'וואָלט ניט געקומען, נאָר כ'האָב ניט קיין כוח — ניט צו קומען, פֿויגל מיינס! — האָט דאָס מיידל אַ קרעכץ געטאָן.

— ע, זאָרג זיך ניט! ס'וועט קומען אַ צייט — און דיין טרויער פֿאַרמיידט. און ביז יענער צייט וועלן מיר זיך נאָך ניט איינמאָל זען. ניט אַזוי? אַדיאָ!

הינטער טיכאָן פּאַוולאָוויטשעס פּלייצעס האָט גענומען קנאַקן דער פּלויט.

„ווי אין סטעפּ דער ווינט,
„טראָגט זיך אום און שפּילט...'

— עט!... גוט מאָרגן, באַלעבאָס.

טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל פֿון קאָפּ און האָט מיט פֿאַרוווּנדערונג אַ קוק געטאָן אויפֿן יונג.

— גוטמאָרגן!

יענער איז געשטאַנען פאַר אים אין אַ פרייער, שטאַרקער פּאָזע: פון אונטער דער אָפּגעשפּיליעטער רויטער העמד האָט זיך געזען די ברייטע, אָפּגעברענטע ברוסט, וואָס האָט געעטעמט טיף און גלייך, די געלע וואָנצעס האָבן זיך איראָניש באַוועגט, די ווייסע, געדיכטע ציינער דוקאַן געפינקלט פון אונטער די וואָנצעס, די בלויע, גרויסע אויגן האָבן זיך כיטרע געשמייכלט, און דער גאַנצער קוזמאַ האָט אויסגעוויזן זיין באַלעבאָס אַזוי שטאָלץ און חשיבותדיק, אַז דעם מילנער האָט זיך וואָס גיכער געוואָלט אַוועקגיין פון אים, כדי דער שיכער זאָל ניט באַמערקן זיין העכערקייט איבער אים.

— די הוליעסט אַלץ?

— כל־זמן ס'איז דאָ חשק און צייט — פאַרוואָס זאָל מען ניט הוליען? ס'טקומען אַן אַנדער צייט — וועל איך אַרבעטן! וועמעס זאָל איך היינט פאַרשיטן? ענדיקן מאָלן פּאַפּאָווס קאָרן, צי וואָס מע דאַרף איך, זען טאָן מכּה דער גרויפּנמיל־מאַשין!

— יאָ, מע דאַרף... אָט האָב איך דאָס... — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש אַ זאָג געטאָן און האָט פּלוצלונג קעגן זיין ווילן פאַר־ענדיקט: און איך בין, ברודער, געלעגן דאָ אויפן באַנק און האָב געהערט, ווי די ביסט זיך... מיט דעם מיידל הייסט עס... באַגאַנגען... די מאַכסט מיט זיי געשייט...

— אַ באַקאַנטע מעשה! — האָט קוזמאַ געזאָגט.

— אַ היבש ביסל מיידלעך האָסטו, משמעות, קאַליע געמאַכט?

— כ'האָב ניט געציילט... וואָס שטעקט דאָ אין דעם פאַר אַ שאָדן? כ'לעבן, איך מאַך דאָך זיי ניט פאַר קיין קאַליקעס...

— ריכטיק איז עס אַפילו — נאָר דאָך... צום ביישפּיל, ניט שיין־זשע, קוקע, האָסטו אויף דעם דאָזיקן מיידל קיין רחמנות ניט?

— אַ רחמנות... ס'איז שטענדיק אַ רחמנות... אָבער אויף זיך איז אַ גרעסערער רחמנות!

— און ווי איז, אַז ס'ווערט, צום ביישפּיל, אַ קינד? ס'האָט דאָך אַמאָל, מסתמא געטראָפן, אַ?

— מסתמא געטראָפן, — ווער ווייסט זיי...

קוזמען, האָט, קענטיק, דער פאַרהער אָנגעהויבן צו דערעסן. ער האָט געקלאַפּט מיט די פיס און, צונויפגעדריקט מיט פאַרדראָס די ליפּן, האָט ער אַ קרעקע געטאָן.

טיכאָן פּאַוולאָוויטשן איז געפעלן געוואָרן, וואָס דער אַרבעטער קומט אין פאַרלעגנהייט פון זיין פאַרהער, און ער האָט, שוין שטרענג, מיט אָנגעכמורעטע ברעמען, ווייטער גערעדט:

— ס׳איז דאָך אָבער אַ זינד — ווי? ס׳איז דאָך פונדעסטוועגן אַ זינד!

— וואָס אַ זינד?

— אָט אַזוי צו טאָן...

קינדער ווערן דאָך געבאָרן אויף איין שטייגער, אַלץ איינס, צי פון אַ מאַן, צי פון אַ פאַרביגייער, — האָט קוזמאַ געזאָגט און האָט סקעפּטיש אויסגעשפּייט אָן אַ זייט.

— לחלוטין אומזיסט מיינסטו עס אַזוי. פון אַ מאַן איז עס אַ געזעצלעכס, און אויב פון דיר — וואו זאָל מען עס אַהינטאָן? זי, דאָס מיידל, הייסטו עס, וועט נעמען און וועט — פון בושה — אַריינרוקן דאָס קינד אין אַ סאַזשעלקע. און דו נעמסט אויף זיך אַ זינד! — האָט דער מילנער גענומען דעם אַרבעטער דעם לונג, און האָט געשפּירט דערביי עפּעס אַ באַזונדערע הנאה.

— באַלעבאָס, אָבער אַז מע זאָל שטאַרקער אַ טראַכט טאָן, — האָט קוזמאַ ערנסט און טרוקן גענומען ריידן, — קומט דאָך אויס אַזוי, אַז ווי דו זאָלסט ניט לעבן, איז אַלץ אַ זינד! אי אַזוי אַ זינד, און אי אַזוי זינד, — האָט קוזמאַ דערקלערט און האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט רעכטס און לינקס. — געזאָגט — אַ זינד, געשוויגן — אַ זינד, געטאָן — אַ זינד און אַז ניט געטאָן — איז אויך אַ זינד. קענסטו זיך דען פונאַנדערקלייבן? סיידן זאָלסט אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר! כ׳האָב אָבער קיין חשק ניט אויף דעם.

אַ ווײַלע האָבן זיי געשוויגן. פון דער פרימאָרגנישקייט האָט קוזמאַ אויפגעציטערט.

— האָסט אַ פריילעך לעבן, ברודער, אַ לייכטס, — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש אַ זיפץ געטאָן.

— איך באַקלאָג זיך ניט, — האָט קוזמאַ, ציענדיק מיט די פּלייצעס, געזאָגט.

— אַן אָנגענעם לעבן.... יאָ... נו מילא? גיי, פאַרשיט!

— פּאָפּאָווס?

— שיט פּאָפּאָווס. כ'וועל קומען אַהין שפּעטער.... ווי דו אור-טיילסט עס אַזוי פּשוט... באמת! אַלץ איז אַ זינד... — נו-יאָ.. ביסט ליכט, קוזמאַ, ווי אַ.... באַלאָן.

קוזמאַ האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף דעם באַלע-באָס.

— אויף מיין וואָרט. אָט דאָרטן לאָזט ביי מיר מיטקע: ער בלאָזט אים אָן אויף אַ שטרויעלע און אינגאַנצן איז ער עפּעס אַזוי — שפּילט מיט רעגנבויגנקאָלירן און פליט, גיט אַ פלי אַ ביסל און— פּלאַצט.

קוזמאַ האָט אַ שמייכל געטאָן.

— געפינען צו וואָס צו פאַרגלייכן.

— ס'איז אָבער ריכטיק. און דו וועסט טאַקע פון מיר אַוועקגיין?

— כ'וועל אַוועקגיין.

— אָבער וואוהין וועסטו גיין? וואָלסט זיך דאָ געלעבט, כ'וואָלט דיר געהערט דעם געהאַלט.

— ניין, מע דאַרף ניט. ס'איז לאַנגווייליק דאָ, כ'וועל סיי-ווי אַוועקגיין.

— ס'איז מיר אַ שאָד דיך אָפּצולאָזן: אַן אַרבעטער ביסטו אַ גוטער, — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש געזאָגט פאַרטראַכט.

— ניין, — כ'וועל שוין גיין. און איר וועט מיר אויך זיין אַ שאָד — צוגעוווינט זיך. כ'וועל אָבער אַוועקגיין, ווייל עס ציט! איך דאַרף זיך ניט שטעלן קעגן זיך אַליין. ווען עמעצער שטעלט זיך אַנט-קעגן זיך אַליין, מאָגסטו שרייבן — פאַרלאָרן געגאַנגען אַ מענטש.

— אָט דאָס, קוזמאַ, איז ריכטיק. אַך, ווי ריכטיק! — טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט זיך אַפילו אינגאַנצן אָנגעצונדן און האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, פעסט פאַרזשמורענדיק די אויגן. — אָט איך איך... איך שטעל זיך אַנטקעגן....

— טיכאָן פּאַוולאָוויטש: גיי טרינקען טיי, — האָט דאָס ווייב פון ערגעץ אויסגעשריען.

— כ'גיי! גיי דו אויך, קוזמאַ, הייב אָן מיט מזל.

קוזמאַ האָט קרום אַ קוק געטאָן דעם באַלעבאָס און געזיכט אַריין אין איז, אונטערפייפנדיק, אַוועק.

---

אין דעם גערוימען, זייבערן צימער לעבן פענסטער איז געשטאַנען אַ טיש מיט אַ הודזשענדיקן סאַמאָוואַר, מיט אַ לעבל ווייסברייט און מיט אַ קריגל מילך. בײַ דעם טיש איז געזעסן דאָס ווייב, אַ געזונטס, אַ פרישס, אַ רויטס, אַ גוטמוטיקס און אומעטום אין צימער איז פול געווען מיט דער צערטלעכער און ניט הייסער פרימאָרגן-זון.

טיכאָן פּאַוולאָוויטש איז, בייסנדיק די באָרד, לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום טיש, געהאַלטן די הענט אויף הינטן און ברוגזדיק געקוקט אויף דעם ווייבס רוקן.

— גוט מאָרגן, פּאַוולישׂ, האָט זי, אומקערנדיק זיך צו אים מיטן קאָפּ, געזאָגט און פריינדלעך געשמייכלט. — וואָס, היינטיקע נאַכט האָסטו ווידער ניט געשלאָפן? דו וואָלסט בעסער באַדאַרפט מיט עפּעס זיך צו היילן, וואָרעם איך ווייס שוין ניט וואָס איבערצוטראַכטן....

— אָט דאָס האָסטו טאַקע אַ גאַנצע נאַכט געהודזשעט מיט דײַנע בראַכטענישן, אַזוי ווי אַ פאַבריק-קוימען, — האָט הער מילנער געלאַכט.

— דו רעדסט שוין.... כאָטש אַדאַנק גאָט, וואָס דו האָסט אַ שמייכל געטאָן, וואָרעם די לעצטע צייט לאַכסטו גאָרניט. ס'איז בײַ דיר לחלוטין פאַרפאַלן געוואָרן דער געלעכטער... ביסט רק בייז...

— שרעק זיך ניט, ס'מיז פאַרפאַלן ווערן פון אַזאַ לעבן, — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש געזאָגט מיט אַ שטילן קול.

— זיינען אפשר די געשעפטן בײַ דיר ניט אין אָרדענונג? — האָט דאָס ווייב געפרעגט מיט שרעק.

— ניט מיט ברויט אַליין, שטייט געשריבן אין די הייליקע שריפטן.... נו אָט איז עס מקוים געוואָרן. ס'האָט אָנגעכאַפּט פאַרן

הארצן אין ס'זויגט.... און ס'וועט זויגן אזוי לאנג, ביז דו וועסט די נשמה ניט לויז מאכן... מיר האבן אנגעוואלגערט אויף דער נשמה פארשיידענע מיסט, נו איז קרעכצעט זי און לופט.

— מע דארף עפעס מנדב זיין אין קלויסטער — וועט עס איבער־גיין, — האט דאס ווייב געעצהט.

דער מילנער האט געשוויגן און האט געטראכט וועגן דעם פאטער אלעקסעי. זייער א גייציקער פאפ; פיל מאל האט ער אונ־טערגעשטעלט א פוס דעם מילנער און זיינע אפעראציעס מיט די ארומיקע פויערים....

— אדער גאר נעמען צו זיך א יתומה....

— דאס איז א ענין. ווי ביי די דיאבילקינס, למשל...

— אגניסן נאך טיי? וואס האסטו עפעס צוגעדעקט דאס גלאז?

— איך וויל ניט.

טיכאן פאוולאוויטש האט געקוקט דעם ווייב אין געזיכט אריין, און זי האט אים אויסגעוויזן אזוי פעט, פריקרע, נאריש. וואס שמייכלט זי אליין?

— מע דארף פונדעסטוועגן רופן א דאקטאר. רופן?

— גיי שוין מיט דיין דאקטאר צוזאמען, — האט דער מילנער ביז געזאגט, און, ארויסגייענדיק אין א צווייטן צימער, האט ער זיך אנגעשטויסן אויף דעם זון, וואס איז געשלאפן אויף דער דיל. טיכאן פאוולאוויטש האט זיך אפגעשטעלט איבער אים און האט גענומען דורכדרינגלעך קוקן אויף דעם שווארצן קוטשעראווען קאפ, וואס האט זיך דערטרינקען אין די פאלבן פון דעם קישן און האט זיך פארפלאנטערט אין א קופע ליילעך. אויף די אפגע־ברענטע באקן און אויף דעם קינדישן שטערן זיינען ארויסגעטראטן קליינע טראפעלעך שוויים.

— געזען.... ווי ער האט זיך עס צעשפרייט, — האט טיכאן פאוולאוויטש א טראכט געטאן. שלאפסט... און וואס פאר א וועג ליגט פאר דיר אנגעגרייט אין לעבן?....

— טיכאן פאוולי־יטש! קוזמא רופט איך!

דאס שרייט מארפיטקע מיטן קרומען מויל, פון דער גרויסנ־מיל. פאראיארן האט דער מילנער איבגערן געמאכט א תל פון

איר גאַנצער פֿאַמיליע און איצטער האָט ער זיך אָן דעם דערמאָנט. מאַרפּוטקעס טאַטע, פּאָמאַ, האָט, אַוועקגייענדיק ערגעץ אויף אַרבעט, געזאָגט אים, ווען ער איז געשטאַנען אויפֿן גאַניק:

— הייסט עס, קען מען ניט פּראָלאָנגירן? יאָ—אָ... נו, גוט. איך הייסט עס, אַדיע, פּאַווליטש! גאָט זאָל דיך משפּטן. מע דאַרף האָפֿן, אַז ס'וועלן דיר ניט געשוויגן ווערן אונזערע יתומישע טרערן, וועסט איך אַמאָל אַזוי יאָמערן, ליבער פֿריינד מיינער! אַדיע!

און לאַנג נאָך איז פּאָמאַ געשטאַנען פֿאַרן גאַניק, האָט דאָ געקראַצט די זייט, דאָ דעם ריקן, האָט מיט אַן אָנגעשטרענגט געזיכט איבערגעחזרט איין און דאָס זעלבע וואָרט צו פֿינף מאָל און האָט געצויגן טיכאָן פּאַוולאָוויטשן פֿאַר דער נשמה.

— ס'איז ניט ערלויבט צו פּראָלאָנגירן? יאָ־אָ... — צום סוף האָט אים דער מילנער הערכגעטריבן....

— יאָ, פֿאַרשיידענע זאַכן פּאַסירן, — האָט ער איצט געטראַכט. — ס'טרעפֿט אַמאָל אַ זאַך, וואָס איז ווירקלעך ניט לייטן געזעץ. אָבער ניט טאָן זי קען מען ניט. ס'וועט שאָדן דער רעפּוטאַציע.

נאָר דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים ניט באַרויקט. די מחשבות האָבן, איינפֿאַמלענדיק זיך, אַלץ שווערער געדריקט די ברוסט.

— כ'וועל פֿאָרן קיין יאַמקי, — האָט ער פּלוצלונג באַשלאָסן. — מאַרפּאַ, זאָג יעגאָרן — ער זאָל שפּאַנען די פֿערד.

בײַ דער טיר פֿון דער גרויפּנמיל איז געשטאַנען קוזמאַ, אינגאַנצן גרוי פֿון דעם שטויב, און האָט אומטערפּייפנדיק געקוקט אין הימל אַריין, וואו אין די זונען־שטראַלן האָט זיך געשמאָלצן אַ קליינטשיק פֿרעכטיק וואָלקנדל. אין דעם גרויפּנמיל האָט עפּעס געקלאַפּט און געסקריפּעט; און הינטער איר זיינען פֿון מיל געפֿלויגן זילבערנע שפּריצן וואַסער און אַ געדיכטער שאָרך. די גאַנצע לופֿט איז געווען פֿול מיט שווערע קרעכצנדיקע קלאַנגען און אויסגעבעט מיט אַ דינעם היכל פֿון שטויב.

— טיכאָן פּאַווליטש, אָט ווערסטו זען, אַז דער רימען וועט זיך איבעררייבן, — האָט קוזמאַ, אויסשפּייענדיק אָן אַ זייט, געזאָגט.

— נעם האָרטן בײַ דעם װײַב אַ נײַעם...װי גײען די געשעפטן?...

האָט מיכאָן פּאַװלאָװיטש געפֿרעגט בײַ דעם אַרבעטער און תּיכּף מאַקע האָט ער באַמערקט אויף זיך, אַז ער האָט קײנמאָל פֿריער ניט גערעדט מיטן אַרבעטער אַזױ ליבלעך, װי הײַנט.

— זײ דרײען זיך, — האָט קוזמאַ געענטפֿערט, — און האָט באַטראַכט דעם באַלעבאָס מיט אַ צאָרנדיקן בליק.

— נו, איז גוט.... און דו ביסט, הײסט עס, — אַ באַלאָן?

— נו, זאָל זײַן אַ באַלאָן, אויב איר װילט, — האָט קוזמאַ ניט גערן מסכּים געװען און האָט אַ פּיר געטאָן מיט די פּלײצעס.

— דו האָסט אַ לײַכט לעבן!.... יאָ....

— פֿאַרװאָס זאָל זײַן שװער?

— אמת, — האָט דער מילנער מסכּים געװען און האָט אַ זיפֿץ געטאָן. ער האָט מיט װערטער בשום אופֿן ניט געקענט משיג זײַן יענע מחשבה, װעגן װעלכער ער האָט געװאָלט פֿרעגן קוזמען, און האָט געשפּירט, אַז, שטײענדיק פֿאַר אים אַזױ — שװײַגנדיקערהײט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ — פֿאַרלירט ער בײַ דעם אַרבעטער די װירדע פֿון אַ באַלעבאָס.

— און אַז ס'װעט.... אױסקומען צו שטאַרבן... װאָס װעט זײַן דעמאָלט?

— אַז ס'װעט אױסקומען — װעלן מיר זיך לײגן און שטאַרבן,— האָט קוזמאַ געענטפֿערט און האָט מיט אַלײן אַ גרעסערן חשק באַקוקט דעם באַלעבאָס.

— יאָ—אָ. און די איבעריקע, — די אַנדערע מענטשן?

— און װאָס זײַנען די אַנדערע? זײ װעלן אויך שטאַרבן, אויך, זײער צײַט װעט קומען...

— יאָ—אָ! — האָט מיכאָן פּאַװלאָװיטש אַ זיפֿץ געטאָן. — דאָס איז ריכטיק, — אַלע װעלן שטאַרבן.... פֿאַר דעם מענטשן איז עס מתײריק....

קוזמאַ האָט אַ שאָקל געטאָן מיט די װאָנצעס, האָט אַרײַנגעלאָזן אין האַנט אין זײַנע געלע האָר, די צװײטע האָט ער אַרײַנגערוקט אין קעשענע פֿון די ברײטע הױזן און, קלאַפּנדיק מיט דער פּיס, האָט ער זיך פֿלױצלונג ברײט צעשמײכלט.

— איר האָט באַדאַרפֿט, באַלעבאָס, פֿאָרן אין שטאָט אַריין און אַ הולייע טאָן, אַז ס'זאָל גיין אַ רויך; אָט וואָלט עס אײַך געהאָלפֿן! וואָרעם בײַ אײַך איצט האַרצן איז, קענטיק, ווי בײַ אַ קימפּעטאָרין אין בויעם. ניט אַזוי?

און קוזמאַ האָט זיך צוגערירט מיט דער האַנט צום באַלעבאָס פּלייצע און האָט זיך שטאַרק צעלאַכט. זיין באַוועגונג און זיין געלעכטער האָבן דעם מילנער איבערראַשט. ער האָט אַזוי ווי פֿאַרלאָרן דעם באַוואוסטזיין פֿון זיין פֿעדוועלעכקייט און האָט נאַריש געשמייכלט צום אַרבעטער, שפּירנדיק אין דער זעלבער צייט, אַז ער איז פֿון אים באַליידיקט ביז ווייטאָג.

— אַך, חי, קוזמאַ... ווי זאָגסטו עס אַזוינס? קיין יאַמקי וועל איך פֿאָרן, דאָס איז ריכטיק... צום לערער...

— פֿאָר! דאָרטן וועט אײַך הינאַשע דיקאָווּאַ מכבד זיין מיט אַזאַ שמיעס, אַז אַלע אייערע מחשבות וועלן פֿון אײַך אַרויסשפּרינגען, אַזוי ווי פֿליי פֿון פֿייער, — האָט זיך קוזמאַ געזעגנט מיט דעם באַלעבאָס, וואָס איז פֿון אים אַוועקגעגאַנגען.

אין אַ מינוט פֿינף אַרום איז דער זאַטער קאַשטאַנעוואַטער פֿערד לוקיטש געלאָפֿן מיט אַ סאַלידן געלאַף איבער דעם געשלענגלטן, ווייכן וועג, וואָס איז געווען פֿון ביידע זייטן געדיכט באַוואַקסן מיט קוסטעס פֿון נים־ביימלעך און קאַלינע. די עלאַסטישע צווייגן האָבן אָנגערירט טיכאָן פּאַוולאָוויטשעס קאָפּ, האָבן אים אַריינגעקוקט אין געזיכט אַריין, און בעת אַ בלאַט פֿלעגט אַריינפֿאַלן אין די ליפּן, פֿלעגט דער מילנער אָפּקערן דעם קאָפּ, פֿלעגט אויסשפּייען און פֿלעגט אַליין טראַכטן וועגן זיין לעבן, וואָס האָט זיך גענומען וואַקלען.

„ס'איז רק שלעכט, אין שלעכט", — האָט ער זיך געטראַכט.

„איך מיר אַ לעבן! דו לעבסט אַזוי ווי אַלע און ס'וואָלט געווען גוט... נאָר פּלוצלונג פֿאַלט אויף דיר אַרויף עפּעס אַ צווייפֿלעניש, און אַליין קערט זיך, איבער מיט די פֿיס אַרויף".

און אַ מאָדנער טאַנצנדיקער אומאָרדענונג האָבן די מחשבות באַלאַגערט דעם מילנערס קאָפּ, און די אַלע מחשבות זיינען אים

געווען אומגעווינלעך, פרעמד, ניי. און אים איז געווען אַ שאָד די פריערדיקע רויִקע טעג, בעת אַלץ איז געווען אַזוי קלאָר און גוט.

ס׳פלעגט טרעפן, אַז נאָך דעם אָוונט־טיי, זיצנדיק איבן גאַניק, פלעגט ער צווינגען מיטקען, ער זאָל לייענען די שרעקלעכע דערציילונגען פון דעם זשורנאַל „אַרום דער וועלט“, אַרום אים זיצט די גאַנצע משפחה: די פרוי, די טאָכטער, און אַרום אים איז אַלץ אַזוי שטיל, אַזוי נאָענט. די נשמה איז רויִק. ניטאָ וועגן וואָס צו טראַכטן. טיילמאָל פאַלט אַריין אַ אינטערעסאַנט בילדל: אויף דעם בילדל זיינען אויסגעמאָלט ביימער מיט אַזעלכע ריזיקע אויסגעצירטע בלעטער; אַ טייך פליסט; אַ רחבות, אַ ווייטקייט, אַ ברייטקייט, ניט אונזער רוסישע ברייטקייט — די וויסטע און די אומעטיקע — נאָר אַזאַ פאַרלאָקנדיקע. און די משפחה באַטראַכט: „אָט וואו ס׳וואָלט גוט געווען אַוועקצושטעלן אַ מיל!“ דורכגערעדט זיך וועגן דעם, פאַרזינקען אַלע אין עפּעס וואַרעמס אַזעלעכס און ווייכס, ווי אַ פוכענע קישן, און מער ווילט זיך שוין וועגן קיין זאַך ניט ריידן. אָט אַזוי וואָלט איך רק געזעסן שווייגנדיקערהייט און ניט גערירט זיך פון אָרט.

ס׳האָט זיך באַוויזן יאַמקי. די שייערס, וואָס זיינען געווען צעשאָטן איבערן בערגל, די שטעלכעלעך און די כאַטעס האָבן אויסגעוויזן, ווי זיי וואָלטן פון עמעצן אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט אַמאָל אויף דער ערד, און זיי האָבן זיך אַזוי צוגעטוליעט דערשראָקן און דערשלאָגן, און ניט געוואַגט אויסצושטעלן זיך אין איין גלייכער ליניע. בלאָטיק־גרויע, נישטיקע, האָבן זיי אויסגעזען נאָך רחמנותדיקער און עלנטער אונטערן צודעק פון דעם גלייכגילטיקן, טיפן הימל, וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער זיי פאַרטראַכט און חשיבותדיק.

— איך וואוינונגען פאַר מענטשן! — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש, צופאָרנדיק צו זיי, געטראַכט. — אין יעדער פון די דאָזיקע סטאָדאָלעס לעבט איך אַ מענטשלעכע נשמה, ס׳באַכט ניט אים, וואָס דער בנין שטייט אויף הינערשע פיסלעך.

— איך פאָר צום לערער.... אָבער צו וואָס? דורכשמועסן זיך....

איסטערליש... אָבער וואָס פאַר אַ שמועס וועט עס זײַן? ער וועט מיך טאַדלען, ער וועט זאָגן: אַך, דו מענטש איינער, גיב אַ טראַכט וועגן דער נשמה!" — און וועט מיר — מיך, געבן צו דערקלערן. און איך וועל אים זאָגן — דערלאַנג, שטער זיך ניט!... כ'בין זיך מודה — כ'בין זינדיק... האָסט ריכטיק געשריבן אין די צײַטונגען... כ'האָב זיי באַשווינדלט. און דאָס זיי האָבן מיך איך באַשווינדלט. אָבער זיי האָבן מיך בלויז איין מאָל, און איך זיי — דרײַ מאָל! ווילסט שרײַבן — שרײַב! דערלאַנג! נאָר קודם=כּל דערקלער מיר, פאַרוואָס האָב איך פריער געלעבט און בײַ מיר איז גאָרנישט ניט געווען, קיין שום נאַרישקייטן, און הײַנט=אָ, האָב איך זיך פאַרפּלאָנטערט? איז דאָס דער גרענעץ פאַר דעם מענטשן, אָדער דאָס איז זײַן אייגענע נאַרישקייט? איז דאָס אָנגעחתמעט פונם גורל, אָדער ער האָט עס אַליין אויסגעטראַכט.

לוקיטש האָט געפּאָרשקעט פון דעם שטויב, וואָס איז אים אַרײַן אין די נאָזלעכער, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט, וואַרפנדיק סאָליד מיט די פיס, צוגעפירט זײַן זינדיקן באַלעבאָס צו יאַמקי.

אָט איז די שול, וואָס איז מער ענלעך צו אַ באַרקע, וועלכע מע האָט איבערקערט מיט די פיס אַרויף, איידער אויף אַ טעמפּל פון וויסנשאַפט. לעבן איינעם פון די דרײַ פענסטער זיצט דער לערער, שניצט מיט אַ מעסער עפּעס אַ שטעקעלע און קוקט גלײַכגילטיק אויף דעם אָנגעקומענעם מילנער.

— שלום=עליכם, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש! כ'בין געקומען צו דיר אין געסט; וועסט צונעמען?

— מיטן גרעסטן כבוד — האָט דער לערער געזאָגט און איז אַוועק פון פענסטער.

דער טריקענער טאָן פון לערער און זײַן ערנסט, מאָגער, האַרט געזיכט האָבן טיכאָן פּאַוולאָוויטשן געבראַכט אין פאַרלעגנהייט, און זײַן האַרץ האָט זיך אומאָנגענעם צונויפגעפּרעסט.

איידער ער איז אַרײַן אין שול האָט ער זיך לאַנג געפּאָרעט לעבן וועגעלע, אָנבינדנדיק די לייצעס אָן זײַן ראַנד, און בעת ער איז פאַרבײַגעגאַנגען פאַרבײַ אין פענסטער, האָט ער דערזען, אַז

דער לערער שטעלט אַוועק אויף דער ביכער־פּאָליצע עפּעס אַ דיק ביכעלע און שמייכלט דערביי אַזוי בייסיק.

— נאָך אַמאָל שלום־עליכם! האָט דער מילנער געזאָגט מיט אַ געצוואונגענער האָפעדיקייט און האָט דעם לערער אויסגעשטרעקט די האַנט. — פ—פּו, ווי הייס!

דער לערער האָט אים שווייגנדיק אַריינגערוקט די קאַלטע, ביינערדיקע פינגער און, אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ אויף דער באַנק, האָט ער קורץ אַ וואָרף געטאָן:

— זיצט....

— מירן זיצן, — האָט דער מילנער מסכים געווען און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן באַנק לעבן פענסטער, וואו ס'איז פריער געזעסן דער לערער, וועלכער האָט איצט, פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און אונטערהוסטנדיק, אַרומגעשפּאַצירט איבערן צימער און האָט אַלץ מער פאַרגיכערט די טריט.

מע שווייגט. טיכאָן פּאַוולאָוויטש איז געזעסן, האָט אומגעשטערט געווישט מיט דער לינקער האַנט די קני, און מיט די פינגער פון דער רעכטער האָט ער פונאַנדערגענומען די באָרד און האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף דער וואַנט.

דער לערער איז צוגעגאַנגען צו דער ביכער־פּאָליצע און האָט גענומען באַטראַכטן די ביכער, גלייך ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי דאָס זיינען די זעלביקע ביכער, וואָס זיינען דאָ געשטאַנען, ביז דער גאַסט איז געקומען. ביידן איז געווען אומבאַקוועם און ביידע האָבן דאָס געשפּירט, און פון דעם איז זייער שווייגן געוואָרן אַלץ שווערער...

— וואָס פאַר אַ ענין האָט איר צו מיר? — האָט דער לערער געפרעגט און איז צוגעגאַנגען פון דער ביכער־פּאָליצע צום גאַסט און געקוקט אויף אים מיט עקשנות. דער שטערן האָט זיך ביי אים צונויפגעקנייטשט, די ברעמען האָבן זיך צאָרנדיק אָנגעשפּיצט. אים האָט זיך פאַרוועלט הוסטן, נאָר ער האָט זיך צוליב־עפּעס איינגעהאַלטן און האָט פעסט פאַרדריקט די ליפּן. אויף זיין געזיכט האָבן זיך באַוויזן ברייטע פלעקן, די דאַרע, איינגעפאַלענע ברוסט האָט זיך געהויבן הויך און נערוועז.

— כמ-ממ... — האָט דער מילנער, אָפּווענדנדיק זיין בליק פון דעם לערער, אַ בתּים געטאָן און האָט אַ טראַכט געטאָן פאַר זיך:

— אַ שטאַרבן... ווערסט לאַנג, ברודער, ניט ציען...

— ווי זאָל איך דיר, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, זאָגן?

און ריידנדיק אַזוי, טראַכט זיך דער מילנער: אויך — אַ נאָגל... אַזוי ווי יענער... דער געשטאָרבענער... וועגן דעם וועט ניט זיין ווער ווער אַ וואָרט צו זאָגן.... אַזוי וועט ער איינזאַם אויסגיין. די פייערימלעך וועלן אים באַגראָבן אין דער ערד — און אויס מיט אַלץ. און מער איז קיין זאַך ניטאָ.... הגם ער שרייבט אויך... דאָך איז ביי אים, קענטיק, די קישקע אַ שוואַכע. ער שרייבט — און לעבט אין חאָרף... ווי זאָל איך אָנהייבן דעם שמועס?

— אפשר וועט איר טרינקען טיי? — האָט דער לערער געפרעגט און, ענדלעך, האָט ער זיך שרעקלעך פאַרהוסט און האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט אָן דער ברוסט. דאָס געזיכט איז ביי אים געווען גרוי, ער האָט זיך אינגאַנצן צונויפגעבויגן, און אין ברוסט האָט עפּעס געפּייפט, געקלאַפּט, געסקריפּעט, גלייך דאָרטן וואָלט געווען באַהאַלטן אַן אַלטער וואַנטזייגער און איצט האָט ער זיך גענומען שלאָגן.

— מע קען טרינקען טיי. — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש באַשלאָסן. די הוסט גאָר היבש! דוכט זיך, פון וואָס? ס'איז זומער-צייט, וואַרעם... אַ?

— אַזוי איז דאָס... — זאָגט דער לערער און לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול. דער מילנער האָט דערפילט, אַז פון די דאָזיקע פּשוטע און גאָרנישט זאָגנדיקע ווערטער האָט אויף אים אַ בלאָז געטאָן מיט קאַלטן אומעט.

— איוואַנאָווע! שטעלט דעם סאַמאָוואַר. — האָט דער לערער אויסגעשריען אין פענסטער. באַלד האָט זיך אין פירהויז דערהערט אַ געטיש פון אייזן. טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט געוואוסט, אַז דאָס רוישט די סאַמאָוואַר-טרויב, נאָר ער ווייס ניט פון וואָס אָנצוהייבן דעם שמועס מיט דעם לערער.

יענער שווייגט אויך, כמורעט די ברעמען און לאָזט אַראָפּ

דעם שטערן צו דער ערד. און ווידער ציט זיך לאַנג דאָס דאָזיקע שווייגן און מאַכטביידן בייז.

— די טרויב איז אַנידערגעפאַלן, — מעלדעט טיכאָן פּאַוולאָוויטש דעם לערער. יענער איז אויפגעשטאַנען און, צוגייענדיק צום טיר, זאָגט ער:

— איוואַנאָוויטש, די טרויב איז אַנידערגעפאַלן!

— כ'זע, הוסט זיך, איך בין דאָך דאָ, — ענטפערט זי אים וואָרטשענדיק.

דאָס פאַלן פון דער טרויב האָט אַזוי ווי געגעבן גערעכט די דאָזיקע צוויי מענטשן, וואָס האָבן איינע די אַנדערע געדריקט.

— ניי, איז אָט.... — זאָגט דער לערער, רייבנדיק די לינקע זייט. — ווילסט איר, הייסט עס, ריידן מיט מיר....

— אָט טאַקע דאָס... איז דער מילנער, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, מסכים.

— גוט... איך שטוים מיך אָן, וועגן וואָס אייגנטלעך...

— ניי? — פרעגט טיכאָן פּאַוולאָוויטש, אויפהייבנדיק די ברעמען און שמייכלענדיק מיט אומצוטרוי.

— געווים וועגן דעם, וואָס איך האָב געשריבן אויף אייך אין די גאַזעטן, — זאָגט דער לערער און קנייטשט דערביי די ברעמען, און ער בלאָזט אָן צוליב־עפּעס מיט אַ פאַרזאָרגטער מינע די באַקן און כמורעט נאָך פינסטערער דעם שטערן.

— אַזוי האָב איך טאַקע געטראַכט, אַז דאָס האָסטו געשריבן! — האָט דער מילנער אויסגעשריען. — אַך דו!.... ס'איז אומבאַדינגט ער! מחמת בלויז צוויי קענען דאָס... דו און דער פּאָפּ אַלעקסעי. ער איז אויך בייז אויף מיר....

— דאָס הייסט, ווי קען דאָס זיין אייך? איך בין דען אויף אייך בייז? — האָט זיך דער לערער געחידושט.

— אַוודאי!

— פאַרוואָס אָבער?

— ווער ווייסט דיך! האָסט אָנגעשריבן — און שוין; און איך פאַרשטיי, ווי איך וויל...

—ערלויבט! ניט אויס פערזענליכער שנאה צו אייך האָב איך עס געשריבן, נייערט אויס דעם געפיל פון גערעכטיקייט, — האָט דער לערער, אויפציטערנדיק, אַרויסגערעדט און, אויפהויבנדיק דעם טאָן, האָט ער צוגעגעבן מיט כעס:

— איר האָט ניט קיין רעכט צו זאָגן, אַז איך האָב געשריבן דערפאַר, וואָס איך בין געווען אין כעס... יאָ.

— וועמען דערציילסטו מעשיות!—האָט דער מילנער כקעפּמיש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. און פאַרוואָס האָסטו געשריבן?

— דערפאַר, וואָס איר זייט זיך באַגאַנגען מיט די קרישינער פּויערים... ניט אָרענטלעך!

— אָ! ווי ער האָט זיך עס צעזיפצט! ניט אָרנטלעך! און זיי, בעת ביי מיר האָט חורבגעריסן די הרעבליע, — זיי האָבן געטאָן אָרנטלעך? נישקשה, וועגן זיי האָסטו ניט געשריבן??!

— אָבער ערלויבט! — האָט זיך דער לערער אַלץ שטאַרקער געקאָכט.

האָס געזיכט האָט זיך ביי אים באַדעקט מיט ח"טע פלעקן, ער האָט גענומען שטאַמלען, וועלנדיק, קענטיק, זאָגן אַ סך און ניט געפינענדיק די נייטיקע ווערטער. ביי אים האָבן מאָדנע געציטערט די אייערן, די אויגן האָבן געפינקלט. און דער מילנער האָט, קוקנדיק אויף אים, זיך אויך גענומען קאָכן.

— וואָס — ערלויבט! וועגן מיר האָסטו געשריבן — איז שרייב איך וועגן זיי. אויב איך בין זיך מיט זיי באַגאַנגען ניט געוויסנהאַפטיק, ווייסטו אַליין, אַז זיי דיינען זיך מיט מיר אויך אַזוי באַגאַנגען; פאַר דיר אין די אויגן איז עס געווען. פונדעסטוועגן שווייגסטו! דו זאָגסט נאָך — אויס גערעכטיקייט! עך דו...

— נו, וואָס איז ווייטער? — האָט דער לערער געפרעגט, און פּלוצלונג, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אינגאַנצן איינגעבויגן, האָט ער, היסטנדיק און איילנדיק, אָנגעהייבן שטאַרקער:

— איר פאַרשטייט ניט... איך האָב ניט געקאָנט... ד. ה. איך.... איר זייט מיך חושד דער טייוול ווייסט אין וואָס! וואָס פאַר אַ.... שנאה איז ביי מיר פאַראַן צו אייך? ד. ה. ניין..... זי

איז פֿאַראַן! זי וועט שטענדיק זיין! — האָט ער פּלוצלונג הויך אויסגעשריען.

— נו אָט! אַהאַ! און דו זאָגסט נאָך: אויס גערע־עכטיקייט! ווי איז עס אויס גערעכטיקייט, אַז ס'איז אויס רישעות? עך, דו! דיר איז דאָך קיין סך ניט געבליבן צו לעבן, און דו פֿאַרטומלסט מענטשן די מוחות. ווי די טאָכטער האָט עס מיך אַ ביסל אויסגעשמירט מיט דיין שרייבעכץ! אַ ליבלעכע טאָכטער — באַגרייף! פֿאַרוואָס?

— ערלויבט! — האָט שוין דער לערער געשריען. — וואָס פֿאַר אַ עסקים האָב איך מיט אייער טאָכטער? איך זאָג ניט, אַז איך שפּיר צו אייך פּערזענלעך אַ שנאה, איך זאָג נאָר — צו דער גרופּע, צו דעם קלאַס.

— חו רייד מיר ניט קיין הייכע ווערטער, מע דאַרף ניט! איך פֿאַרשטיי דיך אַזוי אויך גאַנץ גוט.

— ניין, איך... איר באַליידיקט מיך מיט אייערע חשדים! איר קענט מיר אָפּליקענען מיט פֿאַקטן, איר קענט דערווייזן, אַז איך האָב ניט ריכטיק פֿאַרשטאַנען די געשעעניש, אַז איך בין ניט גערעכט... אָבער זאָגן...

— אַליין קען איך מיט דיר ריידן, — האָט, אַ זעץ טוענדיק זיך אין ברוסט מיט דער האַניע און אויפֿהויבנדיק זיך פֿון שטול — געזאָגט דער מילנער מיט דעם באַוואוסטזיין פֿון זיין אייגענער ווערדע: — איך בין אַן אָנגעזעענער מענטש אין דעם געגנט... מיך קען מען אויף הונדערט ווייאָרסט אַרום, און דו ביסט אינגאַנצן ווערט אַכצן רובל אַ חודש.

— איך וויל ניט... — האָט דער לערער אַ טופּע געטאָן מיטן פֿיס און, טרייסלענדיק זיך אינגאַנצן, האָט ער זיך פֿאַרכליניעט פֿון אויפֿרעגונג און פֿון דעם הוסט־אָנפֿאַל. און כל־זמן ער האָט געהוסט און האָט זיך געקאָרטשעט פֿון ווייטאָג און פֿון ווייניק לופֿט אין די אָנגעריפֿענע לונגען, האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש, שטייענדיק פֿאַר אים אין אַ פּאָזע פֿון אַ זיגער, הויך און דייטלעך, מיט אַ רויטן, אויפֿגערעגטן געזיכט און מיט דעם באַוואוסטזיין פֿון זיין גערעכטיקייט, אָפּגעזאָגט אים:

— עך דו, אָרנטלעכער מענטש! דו רייסט אַראָפּ די מאַסקע פֿון אַנדערע, און פֿון זיך אַליין האָסטו דאָך אויך אַראָפּגעריסן די מאַסקע! וואָס ביסטו נאָך דעם אַלעם ווערט? איך בין געקומען צו דיר, כּדי דורכצורײדן זיך מיט דיר, ווי מיט אַ קלוגן מענטשן... דורכשמועסן זיך אָפֿנהאַרציק... און דו וואָס? האָסט מיך דען פֿאַרשטאַנען? אָנגעשריבן! נו, איז וואָס? האָסטו אָנגעשריבן! ווער האָט עס געלייענט? בלויז דער פּאָפּ אַליין האָט עס געלייענט... איך בין דער זעלבער: ווי איך בין געווען, אַזוי בין איך פֿאַרבליבן... נײַאָ... איך בין געקומען צו דיר מיט פֿרײַנדשאַפֿט און ניט מיט שׂנאה, און דו האָסט דײַנס, און שרײַסט נאָך אויף מיר. קענסטו דען אויף מיר שרײַען? באַקומסט 18 רובל אַ חודש, לעבסט אָן קיין שום געזעץ, אײנער אַליין, ווי אַ פֿינגער, און דאָ — זאָל דאָס זײַן אָרנטלעכקייט: עך־עך! אַדיע, ברודער! איך האָב אויף דיר קיין פֿאַריבל ניט פֿאַר דײַן עזות, נאָר ס'איז מיר אַ רחמנות אויף דיר... אַ רחמנות... אַדיע! שלעכט איז דײַן לעבן, און אַלע וועלן מיר שטאַרבן... מע דאַרף עס ניט פֿאַרגעסן... יאָ!

טיכאָן פּאַוולאָוויטשן איז ענדלעך געוואָרן אומעטיק, כּמעט ביז טרערן. באַפֿאַלן פֿון דעם הוסט, איז דער לעדער געזעסן אײַנגעדרייט אויף אַ שטול און, אָנבייגנדיק נידעריק דעם קאָפּ פֿאָראויס, האָט ער אינגאַנצן געציטערט. מיט איין האַנט האָט ער זיך געהאַלטן פֿאַר דער זייט, און מיט דער צווייטער האָט ער קאָנוואולסיוו געפּאַכט אין דער לופֿטן, וועלנדיק, משמעות, אָפּשטעלן דעם סוחר, וואָס האָט זיך צעלאָזן.

דעם מילנער איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף אים און אין דער זעלבער צייט האָט זיך אים געוואָלט זאָגן עפּעס פּילבאַרס, וואָס זאָל פֿאַרקלעמען דעם לערערס האַרץ מיט דעם זעלבן געפֿיל, מיט וועלכן זײַן, דעם מילנערס האַרץ, איז געווען אָנגעפֿילט. נאָר קיין פּילבאַרע ווערטער זײַנען ניט געווען, הגם די שטימע האָט געציטערט און האָט זיך איבערגעגאָסן אין נידעריקע און אַזוי ווי ווײַנענדיקע טענער. דער מילנער האָט אָנערקענט, אַז אַליין, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישן אים און דעם

לערער, באַליידיקט שטאַרק ביידן, און אים האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער איבעררייסן די האַזיקע שווערע סצענע.

— אַדיע! דערמאָן מיך ניט צום שלעכטן... וועסט דאַרפֿן אָפּגעבן חשבון פֿאַר גאָט... — און, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, האָט ער טיף אָנגערוקט דאָס היטל אויפֿן קאָפּ און איז איילִיק אַרויסגעגאַנגען.

— ניין, ערלויבט... — האָט זיך גלייך נאָך אים דערהערט דער הייזעריקער, איבערגעריסענער אויפֿגעשריי פֿונם לערער.

— גוט! — האָט אונטערן נאָז אַ מורמל געטאָן דער מילנער, אָפּבינדנדיק די לייצעס.

— קערט זיך אום... מיר דאַרפֿן... — האָט זיך דער לערער באַוויזן אין פֿענסטער. ער האָט זיך אַרויסגערוקט ביז העלפֿט אויפֿן גאַס, האַלטנדיק זיך מיט איין האַנט אָנעם ביישטידל און מיט דער צווייטער שטאַרק זשעסטיקולירנדיק.

— קיינער דאַרף גאָרנישט... אַלע זיינען מיר — מענטשן...— האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש געמורמלט און האָט אַרויפֿגעשטעלט די פֿוס אויפֿן טרעפּל פֿון זיין פֿורל.

— קערט זיך אום! — האָט דער לערער אויסגעשריען.

ער האָט זייער מאָדנע אויסגעשריען. טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט זיך אומגעקוקט און האָט אַ קוק געטאָן אויף אים. דאָס געזיכט איז ביי אים געווען שרעקלעך, די אויגן טריב, דער שטערן באַדעקט מיט שווייס און די האַלדז האָט זיך ספּאַזמאַטיש צונויפּגעדריקט.

דעם מילנער האָט עפּעס אַ שטאָך געגעבן.

— ע... כ'וועל קומען אַ צווייטן מאָל! אַלץ איינס!

און אַ מאַך געטאָן פֿאַרצווייפֿלט מיט דער האַנט, האָט ער ווייטאָגלעך אַ שמיץ געטאָן לוקיטשן מיט די לייצעס, און יענער האָט תיכף אונטערגעכאַפּט דאָס פֿורל אין אַ פֿלינקן גאַלאָפּ. דער לערער האָט אים עפּעס נאָכגעשריען.

— פֿיר! — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש נאָך אַמאָל אויסגעשריען, האָט געגעבן אַ זעץ דעם פֿערד, און האָט אַפֿילו אַ סקריפּע געטאָן

מיט די ציינער, וועלנדיק פארשטיקן אין זיך דאס ביטערע געפיל, וואס האט אים אנגעפילט.

ארויספארנדיק פון דארף, האט ער זיך א ביסל אפגעקילט. לוקיטש איז געלאפן מיט דריבנע טריט איבער דעם געשלענגלטן וועג צווישן דעם גאלדענעם מדבר פון דעם ציטיקן ברויט. פאראויס פאר דעם וועג האט זיך אויף דעם האריזאנט געקליבן א כמארע: די טונקל-בלויע, פאטלאטע וואלקנס זיינען זיך צונויפגעקראכן אין א שווערער, כמעט שווארצער מאסע, וואס האט זיך באוועגט אנטקעגן דעם מילנער. און האט געווארפן פון זיך אויף דער ערד א געדיכטן שאטן. און אויך אויף דער נשמה האבן זיך ביי אים געלייגט שאטנס. ער האט א ציי געטאן מיט די לייצעס, און, ניט טראכטנדיק, פארקערעוועט אויף לינקס, אויף א מער ברייטן און אויסגעטראטענעם וועג. די כמארע איז איצט געבליבן רעכטס, און פאראויס האט זיך אין דעם געלן ים פון תבואה געזען א טונקעלער וואלד-אינזעלע און ערגעץ-וואו צווישן דעם בערגלדיקן מדבר, וואס איז געווען פארגאסן מיט זון, האבן זיך געווארפן אין די אויגן ברייטע שווארצע סטענגעס צעאקערטע ערד, איינזאמע אין דעם שפעדיקן פעלד, ארעמע, מרה-שחורהדיקע. פון זיי האט א ווייע געטאן אויף דעם מילנערס נשמה מיט עפעס נאענטס פאר איר. לוקיטש איז געלאפן און אים אנטקעגן האט זיך, גרינענדיק, דערנענטערט דאס וואלד-אינזעלע און איז אלץ רעליעפער ארויסגעטראטן אויף דעם העל-געלן פאן פון די ברויט-פעלדער און דעם טריב-בלויען הימל.

— דאס פאר איך דאך צו דער סטאנציע! — האט דער מילנער א טראכט געטאן, בעת הינטער דעם בערגל האט זיך באוויזן די לוניע פון די טעלעגראף-סלופעס.

— אפשר זאל איך גאר פארן אין שטאט? דאס פערד וועל איך פון דער סטאנציע אפשיקן מיט עמעצן אהיים... נ-יא. געפארן צום לערער, דורכגערעדט זיך, כע-כע! א לערער! לערנען מאנסטו טאקע, אבער אליין מאנסטו זיך אויך א ביסל לערנען, באגרייף זיך פון אלע זייטן, ווי און וואס. וואס פאר א רוח וואלט מיך געבראכט צו דיר, ווען די נשמה וואלט

מיך דערצו ניט געצוואונגען? און דו, לערער, דאַרפסט שטיין אויף אַזאַ מדרגה, אַז אַ מענטש זאָל קענען צוקומען צו דיר, ניט דאַרפנדיק זיך קאַליעטשען. וואָרעם אַזוי — גענוג אַ ביסל! פאַרקראָכן ערגעץ מיט זיין שטרענגקייט העכער פון דעם קוימען, און נעמט זיך פון דאָרטן זאָגן נביאות... הונדערטפודיקע בעלי־טובֿות!

וואָס ווייטער ער האָט געטראַכט, אַלץ קלערער איז געוואָרן, אַז דער לערער איז שולדיק אַנטקעגן אים, און דעם מילנער איז געווען אָנגענעם צו אָנערקענען דאָס...

— עך, מענטשן וואָס איר זייט! איר קענט ניט לייגן קיין אַכט אויף אַ צווייטן, אויב ער איז אייך ניט נייטיק און איר שרעקט זיך ניט פאַר אים. און דאָס זיינען נאָך לערער! קענטיק, אַז אָפּהיטן אייער שטרענגקייט איז אייך טייערער פאַר דעם צווייטנס נשמה....

לוקיטש איז מונטער צוגעלאָפן צו דער סטאַנציע, און אַנטקעגן אים, פייפנדיק און שלײדערנדיק אין דער לופט אַ דיקן קנויל ווייסן דאַמף, האָט זיך דערנענטערט דער צוג. און האָט אָנגעפילט די לופט מיט אַ שווערער קלאַפּעריי.

און דער קלאַפּעריי פון דעם צוג האָבן אָפּגעענטפערט די דונער־קנאַלן פון דעם געוויטער, וואָס האָט שוין געדאַט אַרומגענומען מיט פינצטערניש כמעט צוויי דריטל הימל. אין עטלעכע מינוט אַרום איז טיכאָן פּאַוולאָוויטש געזעסן אין וואַגאָן און האָט זיך געטראָגן דורכן סטעפּ און נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן די תּבֿואה־שטחים און די צעאַקערטע ערד, וואָס האָבן דורכגעשימערט פאַרביי די פענסטער.

דעם שוואַרצן הימל האָבן כּסדר פונאַנדערגעריסן פייערדיקע בליצן־פיילן, און דער דונער האָט געברומט איבער דעם שנעל פליענדיקן צוג. דער רויש פון די רעדער אויף די פוגעס פון די רעלסן און דער בראַזג פון די קייטן זיינען פאַרפאַלן געוואָרן אין דעם רעווען פון דעם דונער, און די האַסטיק־שנעלע בליצן האָבן, פאַרביישווינדלענדיק פאַרביי די פענסטער, געבלענדט די אויגן.

— צו וואָס דאַרף איך אין שטאָט? — האָט דער מילנער טהייעריק ביי זיך געפרעגט.

ס'האט געוואָרפן, געוויגט; דער שימער פון בליץ האט אים געצוואונגען אלע ווײלע צו פארזשמורען די אויגן, די קנאלערײ פונם דונער — האט אים געצוואונגען אויפצוציטערן און צו צלמען זיך. און ענדלעך האט ער איינגעדרעמלט.

.2

— וואוהין־זשע זאל איך א שטייגער גיין? צו וועמען? — האט טיכאן פאוולאָוויטש בײ זיך געפרעגט, אפגייענדיק צוויי קווארטאלן פון וואָקזאל און דערשפירנדיק, אז ער וויל קיינעם ניט זען פון די באקאנטע, און אז אים ווילט זיך בכלל קיין זאך ניט.

דער גאנצן וועג איז ער געשלאָפן; געקומען צו פארן אין שטאט, איז ער אוועק אין א האָטעל, געגעסן דאָרטן הייסע קרייט מיט פלייש, געטרונקען טיי און געקוקט אין פענסטער, ווי דער רעגן איז געגאנגען.

א רעגן איז געגאנגען א גרייסער, און לאנג איז ער געגאנגען — א שעה דריי, און די גאנצע דריי שעה האט דער מילנער פארבראכט אין זיינע מחשבות, וואס האבן אויף אים ארויפגעיאָגט עפעס א פארגליווערטקייט. דערנאך האט ער באשלאָסן צו פארן צוריק אהיים, נאר בעת ער איז געקומען אויפן וואָקזאל, האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער צוג איז שוין אוועק. האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף דער פלאטפארמע פון וואָקזאל און האט געקוקט, ווי די צוגן האבן מאנעווירט און עס האבן ארומגעשפייעט פארשיידענע שמוציקע, דעמפיקע מענטשן — די שמירער, די צונויפשטעלער, די פארקייטלער, די קאנדוקטאָרן פון די משא־צוגן. די צוגן זיינען געקומען און זיינען אוועק, און טיכאן פאוולאָוויטש האט די גאנצע בהלה פון דעם סטאנציע־לעבן אויסגעוויזן עפעס אן א ממשות, ניט דורכגעטראכט. צו וואס דארף מען אזוי פיל האווען און זארגן, אפילו אָפפירן און צופירן, אז אלע מענטשן וועלן שטארבן, בעת ס'וועט קומען די צייט? און מעגלעך נאך, אז מאָרגן וועט זי קומען?... מע וואָלט זיך באדארפט מערער זארגן וועגן ה'... און דעם מילנער האט זיך ווידער פארגלוסט רו, טיפע, שלעפעריקע

דן, אָן מחשבות און אָן דאגות. און דער דאָזיקער פֿאַרלאַנג האָט אים אַ צי געטאָן ערגעץ. דעמאָלט איז ער ווידער אַוועק אין שטאָט, און איצט איז ער שוין געגאַנגען קאַלט און גלײַכגילטיק צו אַלץ, אויסער צו דעם, וואָס ס'האָט זיך נעפּלהאַפֿט געצאַפּלט אין זײַן נשמה און וואָס ס'איז אים געווען אַזוי אומפֿאַרשטענדלעך און האָט אַזוי געשטערט צום לעבן.

אויף דער גאַס איז שטיל און טונקל. איבערן הימל זײַנען שנעל געפֿלויגן אָפּגעריסענע שטיקלעך וואָלקן, און איבער דעם ברוק און איבער די ווענט פֿון די הײַזער האָבן געפֿריזעט געדיכטע שאָטנס. די לופֿט איז געווען פֿײַכט און שטיקנדיק, ס'האָט געשמעקט מיט פֿרישן בלאָט, מיט צעווייכטער ערד און מיט דעם שווערן ריח פֿון שטאָט. דורכפֿליענדיק איבער די גערטנער, האָט דער ווינט געריישט אין די בלעטער פֿון די ביימער — אַ שטיל און ווייך פֿליסטערן האָט זיך געטראָגן אין דער לופֿט. די גאַס איז געווען שמאָל, וויסט און נידערגעשלאָגן פֿון דער דאָזיקער פֿאַרטראַכטער שטילקייט, און דאָס טויבע קלאַפּן פֿון אַ דראָשקע, וואָס האָט זיך געהערט פֿון ווײַטן, האָט געקלונגען עפּעס באַליידיקנדיק-פֿרעך. דער מילנער איז געגאַנגען די הענט פֿאַרלייגט אויף אַהינטער און האָט געטראָגן מיט זיך זײַנע פֿאָרמלאָזע האַלבע מחשבות, האַלבע שפּרונגען, וואָס האָבן אײַנגעהילט זײַן האַרץ אין קעלט און נעפּל.

פֿליצלונג האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון ערגעץ אַ מחנה אוימטערלישע נאָטעס פֿון רעליגיעזער מוזיק, גלײַך זיי וואָלטן זיך אַלע אינאײנעם צונויפֿגעקלאַמערט, און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבערן שטאָט אין אַ שטורעמדיק-הויכן וואַלס. איין נאָטע איז געווען אַזאַ שווערע, אַזאַ אָפּגעריסענע — אוף, אוף! זי האָט זיך לחלוטין ניט געבונדן מיט די איבעריקע.... ס'האָט אויסגעזען, ווי עפּעס שווערס און גרויס פּרוּווט זיך אַרויסצורײַסן אויף דער פֿרײַהייט מיט שווערע שפּרינגען און קען ניט.

— אַרײַנגיין אפֿשר? — האָט דער מילנער, אָפּשטעלנדיק זיך לעבן אָפֿענע טירן מיט צוויי העל-ברענענדיקע לאַמטערנעס, געפֿרעגט בײַ זיך. גלײַך פֿון טויער האָט זיך ערגעץ אַוועקגעצויגן

אין דער ווייט אַריין אַן אַלייע פֿון אַקאַציעס. און נאָך ניט באַשלאָסן, צי זאָל ער אַריינגיין אין סאַד, צי ניט, איז שוין טיכאָן פּאַוולאָוויטש געגאַנגען איבער דער אַלייע און געקוקט אויף די לאַמטערנעס, וואָס זיינען געווען צעהאַנגען אויף אַ דראָט איבער איר לענג און האָבן אָפּגעוואָרפן פֿון זיך אויף דעם ברוינעם שטעגעלע פֿאַרשיידנפֿאַרביקע פֿלעקן. די אַלייע האָט זיך פֿלוצלונג פֿאַרקערעוועט אויף רעכטס, און טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט דערזען אַן עסטראַדע, אויף וועלכער עס האָט געשפּילט אַ מיליטערישער אָרקעסטער. פֿאַר דער עסטראַדע שטייען בענקלעך, אויף זיי — עפּעס טונקעלע פֿיגורן. אים האָט זיך ניט געגלוסט צו גיין אַהין — האָט ער זיך געזעצט אויף איינעם פֿון די בענק, וואָס זיינען געשטאַנען ביי די זייטן פֿון דער אַלייע.

די ביימער האָבן גערוישט, און איבער זיי האָבן זיך איבערן הימל געטראָגן שטיקלעך, וואָלקן און האָבן אים אַלץ מער אָפּגערייניקט. עפּעס אַ פֿרוי איז פֿאַרבייגעגאַנגען פֿאַרביי טיכאָן פּאַוולאָוויטשן.... ער האָט גלייכגילטיק אַ קוק געטאָן אויף איר רוקן, זי האָט זיך אומגעקוקט און איז ווידער פֿאַרבייגעגאַנגען. דעמאָלט האָט ער זי ביי זיך אויסגעזידלט.... פּלוצלונג האָט זי זיך געלאָזט גיין צו אים, האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און האָט אים אַריינגעקוקט אין געזיכט. פֿאַר אים האָבן אַ שימער געטאָן טונקעלע, פֿאַרשנדיקע אויגן, גרויסע רויטע ליפּן און אַ גלייכע, שיינע נאָז. ער האָט זיך אַרטיק און מיט ווידערווילן אָפּגערוקט פֿון איר, און איז געוואָרן עפּעס נאָך אומעטיקער.

ס'איז אומעטיק, סוחר? — האָט די שכנטע ביי אים געפֿרעגט.

— יאָ־אָ... — האָט ער אויסגעצויגן, נאָר תיכף האָט ער זיך געכאַפּט און האָט איר געזאָגט מיט רוגזא: — טראָג זיך אָפּ.... ניט כדאַי צו לופּטערן אומזיסט די צונג.... איך בין ניט פֿון די....

זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַ טיפֿן, ברוסטיקן געלעכטער.

— אַ בייזער... שרעק זיך ניט, כ'וועל ניט טשעפּען... מיר איז אַליין אויך אומעטיק, איז אָט... האָב איך געפֿרעגט....

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, און געוואַרט, אַז זי זאָל אויפֿשטיין און אַוועקגיין. נאָר זי איז ניט אַוועקגעגאַנגען, נאָר איז, גע־

נעצנדיק, ווייטער געזעסן מיט אים. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פֿון דער זייט און האָט דערזען, אַז זי איז זייער יונג און שיין. די מוזיק האָט אויפֿגעהערט און ווידער אָנגעהויבן צו שפּילן, דאָס מאָל שוין עפּעס ווייניקער רוישיק.

— וואָס־זשע שטעקסטו דאָ, אויב דיר איז אומעטיק? — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש פּלוצלונג עפּעס אומבאַמערקט אַ פֿרעג געטאָן בײַ זיין שכנטע.

— און דו? — האָט זי, ניט קוקנדיק אויף אים, קורץ אַ זאָג געטאָן.

— איך בין אַ גאַסט... וואוהין זאָל איך גיין?...

— אין דעם האָטעל, וואו דו האָסט זיך אָפּגעשטעלט, גיי, אָדער אין אַ טראַקטיר.

— אָהאָ! — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש געזאָגט — און שוויַגנדיק אַ ווײַלע, האָט ער צוגעגעבן: — אָבער דאָרטן איז אויך איינעם אַליין אומעטיק...

— איז זוך זיך אויס אַ קאָמפּאַניע...

— פֿון גאַס זאָל איך זי אפשר אויפֿקלייבן?

— אין אַ טראַקטיר איז שטענדיק דאָ אַ קאָמפּאַניע.

— דאָס איז אפשר ריכטיק... — האָט דער מילנער אַ זיפֿץ געגעבן און האָט זיך פֿאַרטראַכט: — פֿאַרוואָס ניט, פֿאַרוואָס זאָל איך באמת ניט גיין אין אַ טראַקטיר? און זי... אָט די־אָ נעמען מיט זיך... אפשר וועט עפּעס אַרויסקומען דערפֿון? — וועסט גיין מיט מיר אין טראַקטיר? — האָט ער געפֿרעגט.

זי האָט גלייך ניט געענטפֿערט און האָט עפּעס גענומען שטאַמלען.

— ביטע זייער... נאָר איינער אַ מענטש וועט מיך דאָ זוכן.

— נו, ווייס איך, וואָס איז דאָרטן פֿאַר אַ מענטש?

— ניין, ריכטיק... איינער אַן אַרבעטער...

— אויף וואָס דאַרפֿסטו אים? לאַך זיך אויס, לאָמיר גיין...

אים האָט ווירקלעך גענומען שמייכלען דער געדאַנק וועגן אַ גוטער הוליאַנקע.

— איך גיי... ער וועט אפשר אָנקומען אונז אַנטקעגן...

— נייטיק דאַרפסטו אים! — האָט דער מילנער געזאָגט און איפגעהויבן זיך פון באַנק. האַידאַ!

זי האָט זיך איפגעהויבן און איז אַוועק, אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אין אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ, לעבנאַנאַנד מיט אים, דעם שטאַרקן מענטשן, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פאַדיאָווקע.

— ניין, ווען מע זאָל אים באַגעגענען, וואָלט געווען גוט, — האָט זי געזאָגט, און דערנאָך האָט זי דערקלערט: — דאָס איז אַ מענטש אָן אַ האַנט...

— וואָס הייסט עס?

— אַ האַנט האָט אים אָפּגעריסן פון אַ מאַשין.

— איז אייך וואָס דאַרפסטו אים? — האָט זיך טיכאָן פּאַוולאָוויטש אַ ביסל געחידושט.

— אָבער ער זינגט זייער גוט

— נו?

— מיר האָבן היינט ביידע געוואָלט גיין איבערן טייך אין וועלדל...

— יאָ... — האָט דער מילנער געשמייכלט. — נו, איז וואָס-זשע איז איצט?

— גאָרנישט, — האָט זי קורץ געזאָגט.

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון כאַט, און פרעגנדיק, וואוהין מע דאַרף גיין, האָט דער מילנער אַ ריף געטאָן אַ פורמאַן. אונטערשפרינגענדיק איבער דעם ניט גלייכן ברוק, האָט זיך די דראָשקע מיט אַ טראַסקעדיי אַוועקגעקייקלט צווישן צוויי רייען הייזער. ס'איז נאָך געווען ניט שפעט. פון די פענסטער אַרויס האָט זיך אויפן גאַס געגאָסן דאָס ליכט פון די לאָמפן און די קלאַנגען פון די שטימען. פאַרבייפאָרנדיק פאַרביי אַ קליין ווייס הויז מיט אַ גערטעלע פון פאָרנט, האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש דערהערט טרעלן פון אַ באַסיקן געלעכטער, וועלכן עס האָט אָפּגעענטפערט אַ קלינגענדיקער האַרציקער געלעכטער פון אַ פרוי.

— סילעבן זיך מענטשן... מאַכן זיך ניט נאַריש און פילאָסאָפירן ניט, — האָט ער מיט עגמת-נפש אַ טראַכט געטאָן, און אים איז געוואָרן פאַרדראָסיק פאַר זיך אַליין.

— איז האָסטו — אָן הענט? — האָט ער, שווייגנדיק אַ ווײַלע, אַ פֿרעג געטאָן בײַ דער פֿרוי.

זי האָט זיך צו אים פֿעסט צוגעטוליעט, האַלטנדיק זיך מיט איין האַנט פֿאַר דעם פֿליגל פֿון דער דראָשקע און מיט דער אַנדערער — פֿאַר זײַן קני.

— מישע? יאָ... — האָט זי געזאָגט.

— אַזוי. וואָס איז ער דײַנער? אַ ליבער פֿרײַנד, צי וואָס?

— נ־נו! איך גערעדט... ער איז דאָך שוין אַן אַלטער, אַ קראַנקער. ער איז אונדזערער אַן אַלטער באַקאַנטער — ער האָט מיך אַ קליינינקע געפֿלעגט ניאַנטשען אויף די הענט.

— אַט־וואָס דו ביסט! און ווער איז דײַן טאַטע?

— געווען אַ שטובן־מאָלער.

— געשטאָרבן?

— געשטאָרבן פֿון כאָלערע... מיר וועלן שוין באַלד קומען.

— אַזוי... און ביז איצט וואָס האָסטו געטאָן? — איז דער מילנער געווען נײַגעריק צו וויסן, און האָט געשפּירט, אַז בעת ער האָט גערעדט, איז אים אַזוי ווי לײַכטער געוואָרן.

— אַ נייטערין, — האָט זי געענטפֿערט.

אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען זיי געזעסן אין אַ ווינקל פֿון אַ גרויסן טראַקטיר־זאַל. דער טראַקטיר איז געווען אַ שמוציקער, אַן ענגער, אַ דעמפּיקער. אינמיטן זאַל האָט לעבן איינעם אַ טישל געטומלט אַ קאָפּטע שיכורע פֿורמאַנעס; לעבן איינעם פֿון די פֿענצטער, וואָס זײַנען געווען פֿאַרשטעלט מיט טעפּלעך געראַן און פֿוקסיעס, האָבן עפּעס צוויי פֿאַרדעכטיקע פֿאַרשוינען געטרונקען טיי; איינער איז געווען אַ פֿליכעוואַטער, מיט אַ שפּאַרבער־נאָז און האָט אַלע ווײַלע געהוסט, דער צווייטער — אַ שוואַרצער, מיט זעלנערישע וואָנצעס און האָט מעלאַנכאָליש געפּיפּט דורך די ציינער, קוקנדיק אויף זײַן גלאָז. אין אַ ווינקל לעבן דעם קאַכל־אויוון איז געזעסן אַ גרוינקער, אַלטיטשקער מיט אַ פּרום, מיד גע־דיכט אין זיס פֿאַרשמורעטע אייגעלעך. ס׳זײַנען געווען נאָך עטלעכע מענטשן, — אַלע זײַנען זיי זייער מאָדנע געווען צעוואָרפֿן

איבער דעם גריטן, פאַרריכערטן צימער און קיינער האָט אויף קיינעם ניט געלייגט קיין אַכט.

דער מילנער מיט זיין פריינדין האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ פינסטערן ווינקל, לעבן טיר אין אַ קליין צימערל, און האָבן גוט געקענט זען דעם גאַנצן טראַקטיר, וואָס איז געווען באַלייכטן מיט פינף וואַנט־לאַמטערנעס. זייער טיש איז געשטאַנען לעבן אָפענעם פענסטער; פון גאַס האָט אויף זיי געבלאָזן אַ וואַרעמער ווינט, וואָס איז געווען געדיכט פון די פאַרשיידענע געמישטע ריחות.

— ווי רופט מען דיך, שיינהייט?

— אַננאַ.

— אַנו, אַנושקע, לאָמיר מאַכן לחיים פאַר אונזער באַקאַנטשאַפט.

ער האָט פון דעם פלעשל, וואָס מע האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אים, אָנגעגאָסן צוויי קעלישקעס בראָנפן; זיי האָבן זיך אָפגעקלאַפט און אויסגעטרונקען. אַנושקע האָט אַראָפגענומען פון קאָפ דאָס טיכל און איז געוואָרן נאָך שענער: די האָר זיינען ביי איר געווען כוואַליקע, קאַשטאַנענע, די אויגן — אָוואַלע, ברוינע. זי האָט זיי דאָ צוגעשמורעט, דאָ אויפגעעפנט, איבערקלייבנדיק מיט די פינגער פון דער פולער און ווייסער האַנט די ופאַלבן ופון דעם סיצענעם קאָפטל אויף דער ברוסט.

— און טאַנצן קענסטו? — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש געפרעגט און זי באַטראַכט, און געפונען, אַז זי דאַרף זיין באַזונדערס שיין אין טאַנץ, ווען זי גייט אַזוי מיט אַ זייט און דרייט מיט די אַקסלען, און לאַכט מיט די אויגן....

— איך טאַנץ... — האָט זי געענטפערט און ווידער אָנגעגאָסן די קעלישקעס.

— קענטיק, אַז דו מוזט טאַקע טרינקען? — והאָט ו דער מילנער געחוזקט.

— ווי־זשע דען? אַ לעבן אַזאַ... מיר קענען ניט — ניט טרינקען.... — האָבן זיי רויק געזאָגט.

— ס'איז דען אַזוי שווער? — האָט דער מילנער אויסגעפרעגט.

ניט באַהאַלטן דעם אומצוטרוי צו איר און כסדר געשמייכלט איראָניש.

זי האָט ניט באַלד געענטפֿערט: תּחילת האָט זי צורעכט געמאַכט די האָר אויפֿן קאָפּ, האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיקעלע שוואַרץ ברויט, האָט אים אַ שמעק געטאָן מיט אַ מינע פֿון אַ געאיבטן שיכּור, דערנאָך האָט זי אים אַרײַנגעלייגט אין מויל און האָט, לאַנגזאַם קייענדיק, געזאָגט:

מיר דוכט זיך, אַז ווען מע זאָל אײַך צווינגען צו קושן זיך מיט יעדער פֿרייענצימער, וואָס וועט עס פֿון אײַך פֿאַרלאַנגען, וועט אַפֿילו אײַך גופֿא, וואָס איר זייט שוין אַ מאַנסביל, אויך מיאוס ווערן. און אונזערע אַ שוועסטער מוז.... און צווישן אײַך זײַנען האָך זייער ווייניק דאָ גוטע, דאָס רוב זײַנען עם אַלין... אַזעלכע, וואָס ווי דו גיסט נאָר אַ קוק אויף זיי, נעמט דיך עקלען. ווידער אין אַן עבֿירה.... מיר זײַנען ניט אַבי־וועלכע געפֿיללאָזע מענטשן — מיר געדענקען פֿינדעסטוועגן אָן גאָט... דאָס האַרץ לאָזט ניט. טיילמאָל — דערהייפט נאָכן אויפֿניכטערן זיך — ווערט אַזוי אומהיימלעך, אַז איך וואָלט אָט גענומען און אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ אין אַ פּעטליע.... נו, איז נעמסטו תּיכף אַ האַלבע פֿלעשעלע און לאָזט זיך באַטויבן אויפֿן ניכטערן האַרצן.... און די ציסט זיך אַרײַן.... און בראָנפֿן טאָר מען אויף אַזאַ אַרבעט ניט אַרויסגיין — וועסטו ניט קענען.... ס'ווערט אומעטיק....

נאָך ביים אָנהייב פֿון געשפּרעך האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש דערשפּירט, אַז אירע אייגן קנייפּן אים עפּעס פֿאַרן האַרצן, שטעלן זיך אָפּ אויף זײַן געזיכט און גלייך ווי זיי פֿלייסן זיך ניט צו פֿאַרגעסן אים. בעת זי האָט געזאָגט דאָס וואָרט „אַזעלכע”.... איז האָט געמאַכט אַ הפּסקה נאָך דעם דאָזיקן וואָרט — האָט ער דערשפּירט, אַז אין דער הפּסקה ליגט אַ סך באַליידיקנדיקס פֿאַר אים. און דערנאָך האָט זי גענומען ריידן וועגן גאָט. ער האָט זי איינגעלאַדן גאָרניט צוליב דעם. און דעמאָלט האָט זיך עפּעס אָנגעצונדן אויף איר אין זײַן נשמה. ער האָט שטרענג און וואָגיק גענומען ריידן:

— אויב עמעצן איז עפּעס באַשערט, דאַרף יענער טראָגן די

לאָסט... נײַאָ. אָט בין איך מיט דיר געקומען אַהער צו הוליען, און ניט אויף פּוסטע שמועסן. אַזאַ מין שמועס — האָט קיין שום שייכות ניט צו אונזער ענין. איך וויל אַ הוליע טאָן און טאַקע מיטן גאַנצן ברען.... פאַרשטאַנען? הונדערט קערבלעך וואַרף איך אַרויס, אָבער די נשמה זאָל קענען אָפּרוען. ס'זאָל גיין אַ רויך! קענסטו מיר מיטהעלפן אין דער זאַך? אַרבעט — וועסטו קריגן אַ צענערל! אָבער — ס'זאָל זיין אָט אַזוי אָ!

ער האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער האַלדז און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און פאַרדשמורעט די אויגן.

זי האָט אים פאַרשטאַנען און האָט זיך אויך תיכף אָנגעצונדן. ביז יענער צייט האָט ער איר אויסגעוויזן פאַר אַ לעמעשקע, פאַר אַ באַבערדיקטן משפחה-מענטש, וועלכער האָט אַפילו חשק צו זינדיקן, אָבער בלויז ביז אַ געוויסער גרענעץ. נאָר איצט איז איר געוואָרן קלאָר, אַז ער קען זיך ברייט צעגאַרטלען. און אַ בליק געטאָן מיט די אויגן, איז זי אויפגעשטאַנען פון שטול, אַרויפגעוואָרפן אויפן קאָפּ דאָס טיכל און געזאָגט:

— האָט איר באַלד אַזוי באַדאַרפט צו זאָגן, וואָרעם איר רייבט דעם צונג און מע קען ניט פאַרשטיין — צו וואָס. זיצט אַ ווײַלע, אין אַ מינוט אַרום וועל איך קומען. באַלד וועט קומען דער האַרמאָניסט, וועלן מיר זינגען לידער, מיר וועלן אַ ביסל טאַנצן.... און איר קלייבט זיך אַריבער דערווײַלע אָט אַהער, ביז וואַנען איך קום... — זי האָט באַוויזן מיט דער האַנט אויף דעם דערבייִקן צימער, — און באַשטעלט טיי, בראָנפן און פאַרבייסן... אַנו, כ'וועל אַרייִנגיסן נאָך איינע!

— זי האָט „אַרייִנגעגאָסן" אַ גלעזל בראָנפן, האָט אַ שמייכל געטאָן און איז פאַרשוואונדן.

און ער האָט צוגערופן דעם האָטעל-דינער, האָט אים געזאָגט אַלץ, וואָס איז געווען נייטיק, און איז אַריבער אין דעם שכנות-דיקן צימער. אין דעם דאָזיקן צימער זיינען געווען דריי פענסטער, אַלע צום גאַס; אויף איין צווישנווענטל איז געהאַנגען אַ בילדל, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ געיעג אויף חיות, אויף דעם צווייטן — אַ נאַקעטע פדי. טיכאָן פאַוולאָוויטש האָט אַ קוק געטאָן אויף זיי

און האָט זיך אַוועקגעזעצט הינטער אַ קיילעכיקן טישל, וואָס איז געשטאַנען פאַר אַ בריַיטן לעדערנעם דיוואַן, איבער וועלכן ס'איז ווידער געהאַנגען אַ בילד, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ לאָנקע, צי אַ ים אין אַ שטורעם. אין צענטער פון דעם בילד איז געווען אַ ברוינער פלעק, וועלכן מע האָט גאַנץ פיין געקענט אָננעמען אי פאַר אַ שטיבעלע, אי פאַר אַ שיף. ביי די זייטן פון דער ראַם האָבן געברענט צוויי לאָמפּן. אין דעם שכנותדיקן צימער האָט געהודעשט דער עולם, וואָס איז אַלץ מער צוגעקומען, ס'האָבן געקלונגען גלעזער, ס'האָבן געקנאַקט פּראָפּנס.

לאָמיר פּרוּוון זיך אַ ביסל פאַנאַנדערוויגן... — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש געטראַכט, האָט אָנגעגאָסן בראָנפן און אַראָפּגעשלונגען. ווער ווייס, אפשר וועלן מיר נאָך דעם צוריק אָפּלעבן. געגענג אַרומגעשלעפּט זיך מיט זיך אַליין. ווען איך וואָלט געקענט פאַרשטיין, ווי און וואָס — וואָלט געווען אַן אַנדער זאַך. נאָר פאַרשטיין קען איך ניט. עס פּייניקט מיך, אָבער וואָס פּייניקט? — ווייס איך ניט. עס נאָגט — און שוין... נו, לאָמיר זאָגן, ס'איז געשטאָרבן אַ מענטש — איז וואָס־זשע? אַ קלאָרע זאַך — פאַרוואָס איז ער געשטאָרבן, ווייל ער האָט געלעבט. איך וועל אויך שטאַרבן... די נשמה פאַרגעסן דאַרף מען ניט — דאָס איז ריכטיק, אָבער וואָס וויל זי? ווען איך וואָלט דאָס געקענט פאַרשטיין! — ער האָט זיך דערמאָנט אָן קוזקען. — אָט ער איז אַ פרייער מענטש. ער לעבט און וויל פון קיין זאַך ניט וויסן... און איז קיין שום מחשבות ניט אונטערגעוואָרפן. און ער האָט דאָך אויך אַ נשמה, אויב מע זאָל ריכטיק באַטראַכטן. און דער לערער האָט אויך אַ נשמה. דאָך זיינען אַלע מענטשן — פאַרשיידן. אָט זאָגט דאָס דאָזיקע ווייבעלע איך: צו לעבן — זאָגט זי — דאַרף מען האָבן אַ האַרץ. און צו וואָס דאַרף מען האָבן אַ האַרץ, ווייבאַלד, אַז אַזוי איז באַשערט? אָ, גאָטס ווילן וועט ביי דיר אַפילו קיין האָר פון קאָפּ ניט אַראָפּפאַלן...

ער האָט שווער אָפּגעזיפצט, האָט ווידער איבערגעטרונקען און, אָפּוואַרפנדיק זיך אויף דעם אָנלען פון דיוואַן, האָט ער זיך צוגעהערט צו זיך.

אים האָט זיך צוליב עפּעס פאַרגעשטעלט אַ גרויסע טראָמפּייט פון מיליטערישער מוזיק אין גאָרטן.

אוף, אוף, — האָט זי געברומט אַרויסשטויסנדיק זיך פון דער מחנה אַנדערע נאָטעס. דערנאָך האָט ער זיך קלאָר דערמאָנט אָן דער טראַסקערייַ פון דער דראָשקע, וואָס האָט אַזוי גראָב צעשטערט די טרויעריקע שטילקייט פון דעם אָוונט.

— צי איז דען מעגלעך זיך אַליין צו באַגרייפן, ווען אַ מענטש איז, קען מען זאָגן, ווי אַ מיל: פאַר אַ גאַנצן טאָג צעמאָלט ער מיט זיין שכל פאַרשיידענע זאַכן? — האָט טיכאָן פאַוולאָוויטש אַ קלער געטאָן איף עמעצן מיט פאַרדראָס.

אים האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט זיך אַזוי ווי צעטיילט איף צוויי טייל: איין העלפט פלייכט זיך אומבאַמערקט פון דער צווייטער אַוועקגעשטויסן זי ערגעץ—אָדער אַזוי ווי ער וואָלט זיך אַליין פאָרזיכטיק באַשווינדלט, פּונקט ווי ער האָט באַשווינדלט די פאַרשיידענע פייערלעך, וואָס האָבן מיט אים געהאַט צו טאָן.

— איך אַמפער זיך דען? — האָט ער כמורענדיק דעם שטערן זיך אַליין דערוויזן. — אַז איך בין זינדיק און אָפּגעשטאַנען — האָס פאַרשטיי איך.... אָבער ווי זאָל איך זיך לייז מאַכן? אַז ס'וועלן קומען די פאָסט-טעג — וועל איך פאַסטן, און ביז יענער צייט דאַרף מען ליידן — ווי עס זאָל ניט זיין.

און דאָך האָט ער סוף-כל-סוף געשפּירט, אַז אים אַליין לויינט ניט אָפּצושטעלן זיך דאָ לאַנג, אַז בּיסלעכווייז קלאַמערט אים ווידער אַרום און נאָגט אים אויס דער אומעט. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט אָנגעטאָסן אַ קעלישאָק בראָנפן, אויסגעטרונקען און איז אַרויסגעגאַנגען אין יענעם צימער, וואו ער איז פריער געזעסן.

— און וואו איז האָס די טייוולישע ליאַלקע אַנטרונען געוואָרן? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן מיט צאָרן.

פאַר אים איז געשטאַנען אַ הייכער מענטש אין אַ רויטער העמד, וואָס אירע פּוסטע אַרבל האָבן זיך פריי געבאָמבלט ביי די זייטן און אַראָפּגעפאַלן פון די אַקסלען. די קליינפאָרמיקע טונקלבלאָנדע באָרד האָט געמאַכט לענגער זיין בלאַס, אויסגעצערט גע-

זיכט מיט די פיבערהאַפט גלאַנציקע גרויע אויגן; די לאַנגע האַלז מיט דעם גאָרגל־קנאָפּ, וואָס איז געווען אויסגעבויגן און אויסגעצויגן אויף פאָראויס, האָט צוגעגעבן דער דאָזיקער פיגור עפּעס באָטשאַנישס. אויף די פיס האָט ער געטראָגן וואָליקעס און פליזשענע ברייטע הויזן, וואָס זיינען געווען אויסגעריבן אין די קני. אים איז געווען געווים אַ יאָר פופציק, נאָר די אויגן האָבן אים געמאַכט יונג. ער האָט אָפּגעמאָסטן מיכאָן פּאַוולאָוויטשן מיט די אויגן און איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אים אין דעם לאַנגן צימער.

— הייסט עס, זייט איר עס דער סוחר?... — האָט ער געזאָגט, בעת ער האָט דערזען, אַז דער מילנער איז אַריינגעגאַנגען נאָך אים.

— איך...

— גיט מיר אָן אַ קעלישעקל.

— ביטע.

— אָן טראָגט צו.

— איך קען.

דער מילנער האָט אָנגעגאָסן בראָנפן, האָט צוגעטראָגן צו די ליפּן פון דעם קריפּל און יענער האָט עס תיכף, אַריינציענדיק אין זיך לופט מיט עפּעס אַ באַזונדערן פייף, אויסגעזשלאָקעט ביז אַ טראָפּן.

— פאַרבייסן ווילט איר?

— נאָך דעם ערשטן גלעזל פאַרבייס איך ניט.

— אָנגיסן נאָך?

— איך דאַנק אייך זייער.

ער האָט גערעדט מיט אַ הייכער מעטאַלענער שטימע, און נאָך די צוויי גלעזלעך האָבן זיינע אויגן גענומען פינקלען נאָך העלער, און אויף די באַקן האָבן זיך באַוויזן צוויי רויטע פלעקן. מיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט אים געגעבן אַ שטיקל ברויט מיט עפּעס פיש אַזעלכע, יענער האָט גענומען מיט די ליפּן, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן דיוואַן און, אָנגעבויגן דעם קאָפּ אָן טיש, האָט ער דעם פאַרבייסן אַוועקגעלייגט אויפן ברעג טיש און האָט געגעסן. בעת ער האָט געגעסן, האָט ער ווייט אויסגעצויגן די אונ־

טערשטע ליפּ און האָט איינגעהאַלטן מיט איר די שפּייז, זי זאָל ניט אַראָפּפֿאַלן איבן דיל. טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט אויף אים געקוקט, און אים האָט באַנג געטאָן אויף דעם דאָזיקן פֿאַרקריפּלטן מענטשן.

— ווי אַזוי האָט עס געטראָפֿן מיט דער האַנט?... — האָט ער געפֿרעגט מיט אַ טאָן פֿון מיטגעפֿיל.

— גאָר פּשוט: כ'בין שיכורערהייט אַריינגעפֿאַלן אין דעם טרייבּרימען — איינס און צוויי! — דריי חדשים אין שפּיטאָל, און — אַוועק בעטלען! — האָט דער קריפּל שנעל דערציילט און האָט אָפּגעמאָסטן דעם מילנער מיט די אויגן.

— ס'האָט געמוזט שטאַרק וויי טאָן! — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש, טשמאָקענדיק מיט די ליפּן, אויסגעשריען.

— ס'האָט וויי געטאָן... נאָר דאָס איז פֿאַראיבערגעגאַנגען. און וואָס ס'איז פֿאַראיבער, דאָס עקסיסטירט שוין ניט. שלעכט איז דאָס, וואָס עקסיסטירט, אָבער אַזוי איז אַלץ ווערט אַ שפּיי.

— דאָס הייסט, וואָס מיינט איר? — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש ניט פֿאַרשטאַנען.

— גאָר פּשוט: לעבן אָן הענט איז אוממעגלעך, ס'איז אַפֿילו ניטאָ מיט וואָס צונעמען קיין נדבה — אָט וואָס פֿאַר אַ פּאַסקודנע זאַך! כאַפּן מיטן מויל — וועט מען אויסדאַקן די ציינער.

— דאָס איז ריכטיק, — האָט זיך טיכאָן פּאַוולאָוויטש צעלאַכט.

אין דעם קריפּל איז געווען עפּעס לעבעדיקס, ענערגישס, מונטערדיקס, און זיינע אויגן האָבן געפֿינקלט אַזוי קלוג. טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט געטראַכט, אַז ער איז, משמעות, אַ גוטער און אַ פֿרייִלעכער יונג, טראָץ דעם וואָס ער איז אָן הענט.

— וואָס קען נאָך זיין ריכטיקער... — האָט דער קריפּל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט זיך הויך אויסגעהוסט.

— און אַנושקע וועט באַלד? — האָט דער מילנער געפֿרעגט.

דער קריפּל האָט שנעל אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און האָט שאַרף אַריינגעקוקט טיכאָן פּאַוולאָוויטשן אין געזיכט אַריין. יענעם האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז עפּעס אַ באַזונדערער קוק, אַן אומ-

פריינדלעכער, און ער האָט אויסגעקרימט די אויגן אויף אַ זייט, אַ ביסל פאַרווירט.

— וואָר האָט איר זי... געפאַנגען? — האָט דער קריפּל גע־פרעגט.

— אין גאָרטן.... זיך באַגעגנט...

— אַ!....

— וואָס?

— אַזוי...

אַ שיינע מייד... — האָט מיכאַן פּאַוולאָוויטש געזאָגט, שפּיציק, אַז ביי זיין מיטשמועסער וואַקסט אַלץ מער די אומפריינד־שאַפט צו אים.

— איך אַ קריפּל.... — האָט ער קורץ אַ וואָרף געטאָן.

— וואָס הייסט?

— ניטאָ קיין נשמה. ביי מיר האָט די מאַשין איינגעריסן אַ האַנט, און ביי איר האָט דאָס לעבן די נשמה אויסגעריסן. דאָס לעבן איז ביי אָרעמע מענטשן אַ פאַרשאָלטנס — עס קאַלעטשעט און שיט שכל. אַ גרויזאַם לעבן.

אַ ווײַלע האָבן זיי געשוויגן. דער קריפּל האָט זיך געדרייט אויפן דיוואַן, גליך ער וואָלט געווען אויפגערייצט פון עפּעס אַן אומגעדולדיקייט, און קוקנדיק אויף אים, האָט זיך מיכאַן פּאַוולאָ־וויטש געשפּירט אומבאַקוועם און האָט געכעסט, און האָט פאַר עפּעס מורא געהאַט.

— נאָך אַ גלעזעלע?

— ניט... נאָך מער דאַרף מען ניט, אַניט וועל איך ניט זינ־גען.

— געווען אַ זינגער?

— איך? געווען אַלץ — געווען אַ זייגערמאַכער, אַ זינ־גער, אַ שמידער אויפן באַן, געהאַנדלט מיט האָרנאויסאַרבעטונגען, געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ וואַלד.... איך לעב שוין לאַנג!

— נ־יאַ... אַזוי גאָר... — האָט מיכאַן פּאַוולאָוויטש געזאָגט און איז געוואָרן איבערראַשט פון דעם מיטשמועסערס פלינקייט. ווי־דער זיינען זיי אַנטשוויגן געוואָרן.

— עפּעס זאַמט זי זיך לאַנג, די אַנושקע?...

— אַניוטע? — האָט זיך בײַ דעם קריפּל עפּעס אינגאַנצן צעקרימט דאָס געזיכט און ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ טרוקענעם געלעכטער. — זי וועט אומבאַדינגט קומען... איר האָט איר געוואָלט געבן צען רובל; זי וועט קומען — נאָך ווי! פֿאַר צען רובל! אַז פֿאַר אַ רובל... עך! און צונויפֿגעקנוילט זיין לאַנגן קערפּער, האָט ער זיך פֿאַרהוסט. — איר ווייסט, איך קען די דאָזיקע אַניוטע פֿון פֿינף יאָר אָן. ני־אָ... וואָס זאָגסטו דערצו? איך האָב זי אויף די הענט געטראָגן, געקויפֿט איר לעקעכלעך, און איצט אַט לעב איך אַליין אונטער איר שוץ... איך האָב זי געקעכלט מיט לעקעכלעך, און זי גיט מיר איצטער ברויט, מיט בראַנפֿן.... צייטן בייטן זיך... און מענטשן — זיינען בהמות. איבעריקנס, אַלץ האַלט זיך אין זיינע געזעצן, און אַפֿילו דער מענטש אויף דער ערד איז אויך ניט מער, ווי אַ נישטיקע וואַנץ. אַלץ איז אין אָרדענונג, קרעכצן און וויינען איז ניט כּדאַי — ס׳וועט צו קיין זאַך ניט ברענגען. לעב און וואַרט, ביז ס׳וועט דיך איבערברעכן. און האָט דיך שוין איבערגעבראָכן -- איז וואַרט אויפֿן טויט! אויף דער ערד זיינען נאָך פֿאַראַן קלוגע רייד. פֿאַרשטאַנען? סיי אַניוטע, סיי איך, סיי איר — אַלע האָבן מיר אין אונדזער יוגנט פֿאַרלאָרן אַלץ, און געפֿונען האָבן מיר ביז איצט אַ פֿייג! ריכטיק! אין מער קיין זאַך. אַלע ריידערייען זיינען ווערט אַן אויסגעבלאָזענע איי. פֿריער האָב איך געהאַט אַן אַנדער קוק אויפֿן לעבן און האָב זיך זייער באַאומרויִקט פֿאַר זיך און פֿאַר אַנדערע — ווי אַזוי, הייסט עס, און וואָס, און וואָס פֿאַר אַ זינען, און אין וואָס ליגט דער תּוך פֿון דער זאַך, און צוליב וואָס, און פֿאַרוואָס... היינט — לאַך איך זיך אויס פֿון אַלץ! דאָס לעבן גייט דורך אין אַ געוויסער אָרדענונג. נו, איז זאָל עס זיך גיין, — מסתּמא דאַרף אַזוי זיין, און איך האָב דערצו קיין שום שייכות ניט. ס׳איז אַ געזעץ; קעגן אים קען מען ניט גיין.... און ס׳איז ניט כּדאַי, וואָרעם אַפֿילו דער, וואָס ווייס אַלץ, ווייס אויך גאָרנישט. אין דעם פֿאַל פֿאַרלאָזט זיך שוין אויף מיר — כ׳האָב מיט די קליגסטע מענטשן געפֿירט געשפּרעכן וועגן די דאָזיקע

ענינים — מיט סמידענטן און מיט פיל הײליקע דינער פון דעם קלױסטער. כע־כע!

ער האָט געברענט און זיך געקאָכט, דער דאָזיקער אָנהענטיקער קריפּל, און האָט געװאָרפן טיכאָן פּאַװלאָװיטשן אײנע נאָך די אַנדערע אָפּגעהאַקטע און נעפּלדיקע פראַזן. דער טאָן פון זײן רײדן איז געװען אױסטערליש: אין אים האָט געקלונגען אי ביטערער פאַרדראָס, אי האָפענונגסלאָזיקײט, אי איראָניע אױף עפּעס אָדער אױף עמעצן, אי אַ מורא פאַר די דאָזיקע געזעצן און כּוחות — פאַר די װערטער, װאָס ער האָט אַרױסגערעדט מיט עפּעס אַ באַזונדער באַטאָנונג און אַראָפּלאָזונג פון דער שטימע.

טיכאָן פּאַװלאָװיטש האָט פון זײנע רײד װײניק פאַרשטאַנען, נאָר זײ האָבן אים אָנגעשטעקט מיט עפּעס אַ נערװעזן ציטער, און ער האָט געשפּירט, אַז ער ערקלערט אים עפּעס. און בעת דער קריפּל האָט געמאַכט אַ הפסקה און האָט זיך פאַרכלינעט פון דעם אַלעם, װאָס ער האָט געזאָגט, האָט ער אים שרעקעװדיק און פאַרטראַכט געפרעגט:

— הײסט עס, אַז דער מענטש האָט זיך ניט װאו אַהינצוטאָן?

— אױף קײן אײן שפּאַן ניט! — האָט דער קריפּל, אַ פינקלענדיק מיט די צײנער, געזאָגט און, אַ רוק געטאָן זיך מיטן גאַנצן קערפּער אין טיכאָן פּאַװלאָװיטשעס זײט, האָט ער מיט אַ געדריקטער און שטרענגער שטימע צוגעגעבן: — געזעצן! געהײמע סיבות און כּוחות — איר פאַרשטײט? — ער האָט אױפגעהױבן אין דערהױך די ברעמען און האָט פילבאַדײטנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — קײנער װײס גאָרניט... ס'איז פינסטער! ער האָט זיך צונױפגעקנױלט, אײנגעצױגן דעם קאָפּ אין זיך, און דעם מילנער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז װען זײן מיטשמועסער װאָלט געהאַט הענט, װאָלט ער אים געװיס אַ דראָע געטאָן מיט אַ פינגער. — איז, הײסט עס, לעב, אָבער קלער זיך ניט און גיב זיך אונטער! מער גאָרנישט...

— נ־יאָ־אָ! — האָט דער מילנער, צופנדיק פאַרטראַכטערהײט די באָרד און קנײטשנדיק דעם שטערן, אױסגעצױגן. — נו, און װי איז מיט דער נשמה?

— די נשמה?... איר האָט געזען די עופעלעך, די קליינע קינדער אין די שענקלעך און אין אַנדערע אַזעלכע ערטער? אָט — די נשמה און אויף דער ערד! זי דאַרף בײַשטיין אַ נסיון...

— איז, הייסט עס, איז ווי איז איצטער, אויב דאָס געוויסן?...

— אָט — גייען זיי... — האָט דער אָנהענטיקער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

און מיר איז געשטאַנען אַנושקע, אַ פֿאַררויטלטע און אַ שווער אָטעמענדיקע: הינטער איר פּלייצע האָט זיך אַרויסגערוקט אַ באַוואָנצטע פיגור אין אַ היטל, וואָס איז געווען וואָילעריש אַראָפּגערוקט אויפן אויער, און מיט איראָניש-צוגעשמורעטע אויגן.

— מיכאַל אַנטאָניטש! קאָסטיאַ איז געקומען... און איך בין פֿאַרמאַטערט!

— קאָסטיאַ? — האָט זיך דער אָנהענטיקער אַ כאַפּ געטאָן. — דאָס איז אַ זאַך! ס'וועט שוין זײַן, הייסט עס, איינמאָל אַ שמחה! קאָסטיאַ, קום נאָר אַהער!... אָט איז אַ סוחר, אַ מענטש, קען מען זאָגן, אַ טאַלאַנט! אָט, לעבן מיינס!

פֿון הינטער אַנושקעס אָרעם איז אַרויסגעשוואומען אַ מאָגער און רויט בחורל, אין אַן אײַנגעהויקערטס, מיט אַן אײַנגעפֿאַלענער ברוסט, מיט דינע ליפּן; זיי זײַנען בײַ אים געווען האַלב אָפֿן, און צוליב דעם האָבן זיך אַרויסגעזען צוויי רייען שוואַרצע ציינער, וואָס זײַנען געווען באַשעדיקט פֿון אַלקאָהאָל-שטיין.

אין צימער איז מיט אַמאָל געוואָרן רויִשיק — די געקומענע האָבן געבראַכט מיט זיך אַ גאַנצע כוואַליע פֿאַרשיידנאַרטיקע קלאַנגען. דער באַוואָנצטער מענטש מיט די שפּאָטיקע אויגן איז געווען דער האַרמאָניסט; ער האָט זיך תיכף אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל דיוואַן, האָט אַוועקגעשטעלט בײַ זיך אויף די קני אַ גרויסע האַרמאָניק מיט אָן אַ שיעור רעקעלעך און האָט גענומען עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכן הויכן און שטאַרקן אַקאָרד, און נאָך דעם האָט ער מיט טריומף אַ קוק געטאָן אויף מיכאַן פּאַוולאָוויטשן און האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראָנפֿן.

אויסער אַנושקען, איז געקומען נאָך אַ פֿריילין — טאַניאַ, ווי עס האָט זי גערופֿן עפּעס אַ יונגערמאַן אין אַ רעקל, וואָס איז געווען ענלעך אי אויף אַ פֿראַנטישן בעל־מלאכה, אי אויף אַן אָנגעשטעלטן. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט לעבן פֿענצטער, און אַנושקע, דער האַרמאָניסט, טיכאָן פּאַוולאָוויטש, דער קריפּל און קאָסטיאַ האָבן לעבן טיש געבילדעט אַ גרופּע. דאָרט, אין דעם גרויסן צימער, האָט זיך שוין אויפֿגעזאַמלט אַ גרויסער עולם, כמעט אַלע טישן זיינען געווען פֿאַרנומען און ס'איז געשטאַנען אַ מעכטיקער, שיכורער גערויש.

דער קריפּל און קאָסטיאַ האָבן עפּעס גערעדט צווישן זיך אין דער שטיל; קאָסטיעס געזיכט איז געווען באַלויכטן מיט די טיף איינגעפֿאַלענע בלויע אויגן, אונטער זיי זיינען געווען גרויסע, טונקעלע פֿלעקן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פּאָדיאָווקע, אין אַ רויטער העמד און אין שטיוול מיט קנייטשן. אַנושקע האָט עפּעס איינגערוימט דעם האַרמאָניסט, שמייכלענדיק כיטרע, און יענער האָט זי געהערט און האָט קאַלטבלוטיק געקוקט אויף דעם מילנער.

אַלע האָבן זיך געשפּירט אַ ביסל ניט פֿריי, דערהויפּט האָט זיך געשפּירט ניט פֿריי טיכאָן פּאַוולאָוויטש, וואָס האָט זיך פֿאַרלאָרן, בעת ער האָט דערזען די אומבאַקאַנטע פּנימער. ער האָט זיך תּיכּף דערשפּירט אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַרויסגעריסן פֿון ערגעץ, און דווקא פֿון דעם אויסגעטרונקענעם בראָנפֿן און פֿון דעם געשפּרעך מיט דעם קאַליקן האָט זיך ביי אים דער קאָפּ אָנגעפֿילט אַזוי ווי מיט אַ נעפּל, האָט ער דאָך פֿאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף שפּילן די ראָלע פֿון אַ באַלעבאָס.

דער מילנער האָט אַ קרעקע געטאָן, ווילנדיק ציען דערמיט אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט, און מע האָט אים פֿאַרשטאַנען. אַלע האָבן עפּעס גענומען שמייען, האָבן זיך מיטאַמאָל צוגערוקט נעענטער צום טיש; אַנושקע איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון דיוואַן און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול לעבן דעם מילנער; די פּאָר פֿון פֿענסטער זיינען אויך צוגעגאַנגען צום טיש.

— לאָמיר אויסטרינקען פֿאַר דער התחלה, מיינע הערן פֿון דער

קאָמפּאַניע! — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש אויסגערופן, און אים איז זייער געפעלן געוואָרן וואָס ער האָט די דאָזיקע ווערטער געזאָגט אַזוי אַרטיק, סאָליד, וואַגניק.

— מיר האָבן אויסגעטרונקען. דעם קריפּל האָט דערלאַנגט קאָסטיאַ, וואָס איז געזעסן לעבן אים.

— איר — האָט זיך טיכאָן פּאַוולאָוויטש געווענדט צו דעם קריפּל, — ווי אַ מענטש, הייסט עס, אַזעלכער.... — ער האָט זיך פאַרדאַקט און האָט אַ קוק געטאָן אויף די אַקסלען פון דעם דאָזיקן מענטשן. — איר פירט אָן מיט אַלעמען. כדי ס'זאָל זיין פריילעך, כדי אַלץ זאָל גיין ווי אויף רעדלעך... לאָמיר אויסטרינקען נאָך צו איינע פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער זאַך!

— מע קאָן, — האָט דער קאַליקער מסכים געווען. וואָס מער ער האָט געטרונקען, אַלץ מער זיינען ביי אים ברייטער געוואָרן די אויגן און אין קנאָפּ פון גאָרגל האָט עפּעס אָנגעהויבן צו זידן. — לאָמיר אויסטרינקען און עפּעס אויפזינגען צוזאַמען! גייט עס? ס'וועט זיין גוט! דו, קאָסטיאַ, וועסט אונטערהאַלטן, אַנושקע וועט זיין די פאַרזינגערין, און איר, מאַרק איוואַניטש, וועט אונטערהאַלטן אויפן האַרמאָניק.

אַלע האָבן מיט אַמאָל גענומען ריידן. דאָס בחורל אין רעקל האָט געפונען, אַז קיין כאָר וועט ניט אַרויסקומען — ווייניק שטימען; דער האַרמאָניסט האָט איינגעשטימט מיט אים און, וועלנדיק, משמעות, אַרויסווייזן זיך פאַר אַ ידען, האָט ער באַנוצט פאַרשיידענע ספּעציעלע טערמינען.

— ס'וועט בשום אופן ניט אַרויסקומען, ווייל אַלע זיינען מאַזשאָרע, ד. ה. הויכע שטימען, און ס'וועט זיין איין געשריי. אַ טריאָ — דאָס זעט איר, קען מען באַלד, מע דאַרף, הייסט עס, זינגען זאַלבעדריט.

בגילופנדיק און אויפגערעגט, האָט זיך אַנושקע געלאַשטשעט, ווי אַ קאַץ, צו דעם מילנער. ער האָט זיך אַפילו געפּלייכט איינצוהיטן די סאָלידקייט, נאָר ער האָט שוין בוימלדיק געשמייכלט און האָט זי אַ קניפּ געטאָן אין זייט. זי האָט שטיל אַ קוויטש געטאָן און האָט אים געגעבן אַ קלאַפּ איבער דער האַנט. ביסלעכוויי־

זיינען זיי מיטגעריסן געוואָרן איינע פֿון די אַנדערע, און לעבן זיי האָט זיך אַלץ הייסער צעברענט די מחלוקת וועגן דעם, וואָס און ווי מע זאָל זינגען.

— מאַרק איוואַניטש, דאָס איז ניט אַזוי! — האָט דער קריפּל אויסגעשריען מיט טרויער אין דער שטימע.

— ניין, ניין! — האָט דער האַרמאָניסט געשניטן מיט אַ שטומפּיקן באַס. קאָסטיאַ האָט אין דעם וויכּוח קיין אָנטייל ניט גענומען: איינגעשפּאַרט זיך מיטן רוקן אין דעם ווינקל דיוואַן, האָט ער אויסגעשטאַרצט די ברוסט, האָט אויף דער העלפֿט פֿאַרמאַכט די אויגן און איז פֿלוצלונג צוליב עפּעס בלאַס געוואָרן.

— קאָסטיושקע, הייב אָן זינגען! — האָט טאַניאַ אויסגעשריען מיט אַ הויכן קאָנטראַלטאָ און האָט זיך אָנגעלענט אָן טיש, אונטערשפּאַרנדיק די באַק מיטן דער האַנט. איר קאַוואַלער האָט עפּעס אָנגעהויבן אײַנרוימען איר אין אויער און האָט אויסגעדרייט די אויגן אין דער זייט פֿון דעם מילנער, וואָס האָט אַרומגענומען זיין שכנטע אַרום טאַליע און האָט צוגעטראָגן צו איר מויל אַ גלעזל ראַבינעס־בראָנפֿן. זי האָט זיך געבּרעקלט, האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ אָן אַ זייט. טאַניאַ האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אַ פֿולן בליק פֿון די טריבע, בלויע אויגן, האָט ווידער אָנגענומען די פֿריערדיקע פּאָזע און האָט אַ זאָג געטאָן צום האַרמאָניסט:

— הערט אויף!

און דער קריפּל האָט, אָנבייגנדיק זיך צו אים מיטן גאַנצן קערפּער און שפּריצנדיק מיט שפּייעכץ, געשריען מיט אַ הויכער, קלינגענדיקער שטימע:

— ווידער ניט אַזוי! מע דאַרף אָנהייבן אומעטיק, כּדי צו ברענגען די נשמה אין אָרדענונג, כּדי צו צווינגען זי צוצוהערן זיך.

— ד. ה. ווי אַזוי? — האָט דער האַרמאָניסט סקעפּטיש געווידערט, כמורנדיק די ברעמען און באַוועגנדיק מיט די וואָנצן.

— אָט אַזוי — זי איז שפּירעוודיק צו אומעט... פֿאַרשטייט איר? פֿאַרוואַרפֿט איר אָקאָרשט אַ ווענטקע — „דאָס קינעלע‟, אַ שטייגער, אָדער „די שיינע זון איז פֿאַרגאַנגען‟ — וועט זי זיך אָפּשטעלן, וועט ווערן פֿאַרשמעלעט. און דאָ פּאַקט איר זי גלייך מיט די „טשאָבאָטעס‟

אָדער „אין די לאַנקעס“, און מיט שרויט, מיט טאַנץ, עס זאָל ברענען! און אַז איר וועט זי אָפּברענען, וועט זי דעמאָלט ערשט אויפוואַכן! דעמאָלט גייט אַלץ אַוועק מיטן פולן גאַנג. דאָ וועט זיך שוין אָנהייבן דער אמתער טירוף — עפּעס ווילט זיך און קיין זאַך דאַרף מען ניט! אומעט און פרייד — אַלץ וועט נעמען שפּילן מיט קאָלירן פון אַ רעגנבויגן!...

דער קריפּל האָט זיך פאַרכלינעט פון איבערעגונג און האָט מאָדנע געוויגט דעם קערפּער, גלייך ער וואָלט זיך געגרייט אַ וואָרף טאָן זיך אויפן דיל, צו די פיס פון דעם האַרמאָניסט. דער גערויש אין טראַקטיר איז געוואָרן אַלץ כאַאָטישער, באַטויבנדיקער, שיכּורער.

און פּלוצלונג האָט זיך אין אים אײַנגעזויגן אַ הויכע טענאָרנאָטע, אַ שמערצלעך־וויברירנדיקע, אַן אויסגעצויגענע, אַ מרה־שהורהדיקע:

„עך, אין אַ שלעכטן וועטער...

— ש־ש־ש! — האָט דער אָנהענטיקער גענומען צישען ווי אַ שלאַנג, פאַררייסנדיק דעם קאָפּ אין דער הייך, און באַקוקנדיק דעם עולם מיט ברייט צעעפנטע אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט אי געבעט, אי עפּעס אַ מורא, אי פאַרגעניגן. דאָס פּובליקום איז מיט אַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן און האָט גענומען קוקן אויף קאָסטיען, וואָס איז געזעסן אויפן דיוואַן מיט אַ בלאַס געזיכט און מיט קאָנוואולסיוו אָפענע ליפּן, פון וועלכע ס'האָבן זיך, קרײַזלענדיק זיך אַלץ העכער, געגאָסן שיינע, טרויעריקע קלאַנגען...

— טאַניאַ, כאַפּ אונטער, טײַבעלע! — האָט דער קריפּל געשעפּטשעט מיט אַ בעטנדיקן געפּליסטער.

„דער ווינט ברומט און הײַלט...“

איז קאָסטיאַ תּיכּף אַריבערגאַנגען אין רעטשיטאַטיוו.

טאַניע האָט גלײַכגילטיק, נאָר מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס זאָגט: „כ'קען — מיר איז אַלץ איינס!“, אַ קוק געטאָן אויף קאָסטיען און, צולייגנדיק שטאַרקער די האַנט צום באַק, האָט זי

אונטערגעכאַפּט פריער, איידער קאָסטיאַ האָט געענדיקט זיין רע-
טשיטאַטיוו:

„און מיין קע—עפּעלע"

— „דער בייזער אומעט פייניקט!..." —האָט קאָסטיאַ פאַרט-
געזעצט אומבאַוועגלעך און איינגאַנצן פאַרטיפט אין זיך. ער איז
געווען אַ קליינטשקער, אַ דאַרער, אַ געלער. קאָסטיעס שטימע, אַ
דינער, מעטאַלענער טענאָר, האָט געציטערט, אַזוי ווי זי וואָלט
געוויינט, און איז זיך פאַרגאַנגען אין בענקשאַפט, נאָר איידער זי
האָט זיך איבערגעריסן האָט זיך דערהערט טאַניעס דיקער קאָנטר-
אַלטאָ. ער איז פאַרטראַכט און טרויעריק געשוואומען פון איר
האַלז, אַ גלייכער, אַ האָפענונגסלאָז-רויקער; דאָס האָט נאָך
טרויעריקער געמאַכט די ווערטער פון דעם ליד. אין טיר פון צי-
מער איז געשטאַנען אַ מחנה מענטשן מיט רויטע, אויפגערעגטע
פנימער; הינטער זיי האָבן אַזוי ווי פריער ערגעץ-דאָרט אין
צימער געקלונגען די גלעזער און געהודזשעט די שיכורע שטימען,
נאָר זיי זיינען וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער געוואָרן, און דער המון
ביי דער טיר האָט זיך דורכגעשטופּט ווייטער אין צימער.

„עך, כ'וועל אַוועקגיין אין סטעפּ...

האָט קאָסטיאַ טרויעריק דערציילט מיט די רויטע פלעקן אויפן גע-
זיכט. —

„אין סטעפּ...."

האָט טאַניאַ אונטערגעכאַפּט, און איר שטימע האָט געקלונגען בלויז
ווי אַ גלייכגילטיקער עכאָ פון פרעמדן צער:

„כ'וועל דאָרטן זוכן ס'מזל..."

די שטימען האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן און האָבן אַ פלייץ גע-
טאָן גלייכמעסיק אין אַ לעבעדיקן, וואַרעמען שטראָם איבערן צימער,
וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט דעם ריח פון בראָנפן, טאַבאַק און
שווייס. פּלוצלונג האָבן זיי אַ ציטער געטאָן, האָבן זיך פאַרהאַקט,
האָבן זיך צעקלאָגט, גלייך זיי וואָלט דאָ געוואָרן ענג און לאַנג-

ווילדיק. דערנאָך האָט זיך קאָסטיעס שטימע איבערגעריסן און איז אַנטשוויגן געוואָרן, און מאַניע האָט ווייטער געזונגען:

„מאָמעלע-כּדבר...“

— „מאָמעלע-כּדבר!“ — איז ווידער אַריינגעטרעטן קאָסטיע מיט אַ טרויעריקן געשריי:

„טוליע-צו דאָס יתו—ומל...“

— „טוליע-צו דאָס יתומל“ — איז אַריינגעטרעטן אַ דריטע, אַ נייע שטימע. זי האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט קאָסטיעס שטימע און, קלינגענדיק אין אוניסאָן מיט אים, אויך אַזוי בייגעוודיק, ציטערדיק און ווערנדיק אַזוי ווי אַן עכאָ, ווי אַ שאָטן פון אַ גרונטקלאַנג, האָט זי זיך צעוויינט און גענומען זיפצן און האָט אויסגעזונגען בלויז וואָקאַלן. דאָס האָט געזונגען דער קריפל, האָט פאַרמאַכט די אויגן און אויסגעצויגן זיין גאָרגל-קנאָפּ. מאַניעס קאָנטראַלטאָ — אַ נידעריקער, אַ גלייכער, אַ דיקער, האָט געקלונגען און איז געווען ענלעך אויף אַ מין ברייטן פאַס סאַמעט, וואָס האָט זיך געשלענגלט אין דער לופט, און אויף אים, אויף דעם דאָזיקן סאַמעט, האָבן אין פאַנטאַסטישע געמעלן געציטערט גאָלדענע און זילבערנע פעדים פון דעם קריפלס און קאָסטיעס שטימען.

דער עולם איז געווען נידערגעשלאָגן פון דער דאָזיקער דערציילונג פון דעם יתום, וואָס האָט געזוכט זיין מזל. טיכאָן פּאַוולאָוויטש איז שוין לאַנג געזעסן אומבאַוועגלעך אויף דער שטול, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן נידעריק אויף דער ברוסט און דאָרשטיק צוגעהערט זיך צו די קלאַנגען פון דעם ליד. זיי האָבן ווידער געוועקט אין אים אַ בענקשאַפט, נאָר איצט איז צו איר געווען צוגעמישט אַ בייסיק-זיס געפיל, וואָס האָט אַזוי אָנגענעם געשטאָכן אין האַרצן. ער האָט זיך געפילט, ווי מע וואָלט אים באַגאָסן מיט עפּעס אַ וואַרעמער און געדיכטער זאַך, אַזוי ווי מיט פרישן מילך, באַגאָסן און, אַריינגעדרונגען אין זיין אינעווייניקסטן מהות, האָט זי אָנגעפילט אַלע זיינע אָדערן, האָט אויסגעריינקט דאָס בלוט, האָט אויפגערודערט זיין בענקשאַפט און, אַנטוויקלענדיק זי,

און פאַרגרעסערנדיק זי, האָט זי זי אַליין ווייכער געמאַכט. אין דעם מילנערס נשמה איז אויסגעוואַקסן אַ מאָדנער דיסער ווייטאָג, גלייך אַן אײַז־קריע פון בענקשאַפט, וואָס האָט גע־דריקט זיין האַרץ, וואָלט זיך צעשמאָלצן, צעפאַלן אויף שטיק־לעך און די שטיקלעך וואָלטן אים געשטאָכן דאָרטן, אינעווייניק.

אַנושקע האָט אַרויפגעלייגט איר קאָפּ אויף איר שכן און איז, אייַנגעראָבנדיק די אויגן אין דער ערד, פאַרשטאַרט געוואָרן אין דער האָזיקער פאָזע. דער האַרמאָניסט האָט פאַרטראַכטערהייט גע־דרייט די וואָנץ, און דער מענטש אין דעם רעקל איז אָפּגעגאַנגען צום פענסטער און האָט זיך דאָרטן אַוועקגעשטעלט, צוטוליענדיק זיך צום וואַנט און קאָמיש אויסציענדיק דעם קאָפּ אין דער ריכטונג פון די זינגערס, גלייך ער וואָלט מיטן מויל געפאַנגען די קלאַנגען פונם ליד. דער המון אין מיר האָט גערוישט מיט די קליידער און האָט טויב געוואָרטשעט, צונויפגיסנדיק זיך אין איין גרויסער חיה.

דריי זינגער האָבן געזונגען און האָבן זיך אַליין באַצויבערט מיט זייער ליד, און דאָס ליד האָט געקלונגען, דאָ פינסטער און ליידנשאַפטלעך, ווי אַ תפילה פון אַ בעל־תשובה, דאָ טרויעריק און זאַנפט, ווי אַ געוויין פון אַ קראַנקן קינד, דאָ פול מיט פאַרצווייפל־טער און האָפענונגסלאָזער בענקשאַפט, ווי יעדעס גוט רוסיש ליד.

„ע איך זי־יץ — לעבן — י־אַם...“

האָט קאָסטיע געקלאָגט און פון אָנשטרענגונג איז ביי אים אַ שווייס אַרויס אויפן שטערן און האָט זיך געקייקלט איבער די באַקן, אַזוי ווי טרערן;

„עאָ־אַ, ע־אָאָ — ע־אָ־אַ!“

האָט אים אונטערגעהאָלפן דער אָנהענטיקער מיט גאָלע וואָקאַלן. ער האָט פעסט פאַרשמורעט די אויגן, און זיינע נאָזלעכער האָבן נערוועז געציטערט, אויך זיינע ליפּן און די גאָמבע האָבן געציטערט.

„כ׳וואַרט אויף מיין מזל!“

האָט טאַניע געזונגען מיט אַ שטימע, פול מיט האָפענונגסלאָזיקייט,

האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט געשמייכלט מיט אַזאַ טרויעריקן, שאַרפֿן שמייכל.

„מיין נשמה...

האָט קאָסטיעס טענאָר געזונגען און געוויינט.

„די טרע—ערן....
די ברענענדיקע טרערן וואַשן!....

די טענער האָבן אַלץ געוויינט, געשוועבט; ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט־אָט וועלן זיי זיך אָפּרייסן און שטאַרבן, נאָר זיי זיינען ווידער אויפגעשטאַנען תחית־המתים, און באַלעבנדיק די שטאַרבנדיקע נאָטע, האָבן זיי זי ווידער אויפגעהויבן ערגעץ־הויך. דאָרטן האָט זי זיך געצאַפּלט און געוויינט, איז אַראָפּגעפאַלן אונטן. דעם קריפּלס פאַלצעט האָט באַטאָנט איר גסיסה, און טאַניע האָט אַלץ געזונגען, און קאָסטיאַ האָט ווידער געקלאָגט, דאָס אַריבעריאָגנדיק אירע ווערטער, האָט איבערחזרנדיק זיי, און ס'וואָלט, משמעות, קיין סוף ניט גענומען צו דעם דאַייקן וויינענדיקן און בעטנדיקן ליד — צו דער ערציילונג וועגן דעם יתום, וואָס זוכט זיין מזל.

— ברידער! — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש דומפּ אויסגעשריען און איז אויפגעשפּרונגען פון שטול. — מער קען איך ניט! כ'שווער אייך, איך קען מער ניט!

דאָס געזיכט איז ביי אים געווען רויט און דורכאויס אין טרערן, די באָרד, וואָס איז געווען איינגענעצט אין זיי, האָט זיך צונויפגעקאָלטנט, און אין די ברייטגעעפנטע, צעשראָקענע אויגן, וואָס זיינען געווען פול מיט קרענקלעכער שפּאַנונג, האָט געפינקלט עפּעס ווילדס און באַגייסטערטס, נעבעדיקס און היימס. אויפשטייענדיק, האָט ער אָפּגעשטויסן אַנושקען; זי איז שיר ניט אומגעפאַלן, האָט זיך צורעכט געמאַכט און, גלייך זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט זי געקוקט אויף דעם אנהעגטיקן מיט נעפּלדיקע און טעמפּע אויגן — מיט אַ שווערן קוק פון אַ מידער חיה.

— מיין נשמה האָט מען דורכגעשטאָכן! זאָל זיין גענוג —

אומעט מיינער! איר האָט מיר אָנגערירט דאָס קראַנקע האַרץ...
ס'הייסט, אַזאַ־אָ צייט האָב איך נישט געהאַט אין לעבן!

טאַניע האָט טעמפּ אויף אים געקוקט, און פון אירע ליפּן האָבן זיך אַלץ געגאָסן גלייכע, זאַפטיקע נאָטעס, וואַרעמע, אָבער אָן פייער.

— ברידער! אַזוי ווי קוילן וואָלטן אין מיר איצטער געברענט — אָט וואָס פאַר אַן אומעט! וואָס טו איך איצט? כ'וועל גיין אויף מעסערס! — האָט דער מילנער טויב געהודושעט, שרעקלעך גלאָצנדיק מיט די אויגן און רייבנדיק די ברוסט מיטביידע הענט — לאָמיר הוליען! אַז ס'זאָל גיין אַ רויך! עך, דו לעבן!

דער קריפּל און טאַניע האָבן איבערגעריסן דאָס ליד. טאַניע האָט זיך תיכף אָנגעגאָסן אַ האַלבע גלאָז בראָנפן און האָט עס אַריינגעפּלוכעט אין מויל מיט אַזאַ שנעלקייט, גלייך ביי איר וואָלטן דאָרטן קוילן געברענט און זי האָט געוואָלט וואָס גיכער זיי פאַרלעשן. דער קריפּל, וואָס איז געווען אויפגערעגט און מיד, האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, ער איז עפּעס מיט אַמאָל אַרונטער, די באַקן זיינען ביי אים איינגעפאַלן, און די אויגן האָבן געקוקט טעמפּ, פאַרנעפּלט און אומזיניק.

— גיט מיר אָקאָרשט אָן די ריאַבינעס־בראָנפן, מאַרק איוואַניטש!

— זייער וואויל געזונגען... — האָט דער האַרמאָניסט שטיל געזאָגט, צוטראָגנדיק צום מויל דאָס גלאָז.

דער עולם איז געוואָרן לעבעדיק, און ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ כאַאָטישער טומל און אַ ריידעריי, ס'האָבן זיך דערהערט צושטימענדיקע אויפרופן, ליבלעכע זידל־ווערטער.

„מזל מיינער, מזל, וואו ביסטו...“

האָט זיך קאָמטיעס טענאָר פּלוצלונג ווידער צעקלאָגט.

ער האָט די גאַנצע צייט געזונגען מיט פאַרמאַכטע אויגן און, פאַרכאַפּט פון זיין ליד, האָט ער, משמעות, קיין זאַך נישט געהערט, האָט געמאַכט אַ הפסקה און האָט — ווידער גענומען זינגען. ס'האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער. ס'האָבן געלאַכט די, וואָס זיינען

געשטאַנען בײַ דער טיר, און מיט זײַ האָט אויך געלאַכט טאַניע.

די האָזיקע באַגײַסטערונג קאָסטיעס האָט אויסגעזען קאָמיש, און דער געלעכטער האָט אים אויפגעוועקט. ברייט צעעפנט די אויגן, אַ ברענענדיקער און אַ נערוועזער, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף די לאַכעדיקע פּנימער, האָט זיך צונויפגעדריקט, איז בלאַס געוואָרן און איז עפּעס פּלוצלונג פֿאַרלאָשן געוואָרן, האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין יענעם מאָגערן, געלן בחור, אַזעלכער ער איז אַהער אַרײַנגעקומען.

— טרינק, טײַבעלע! — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש מכבד געווען אַנושקען. — טרינק, הוליע! כ׳בעט דיך זייער! איך וואָלט זיך אַליין אומגעבראַכט...

דער האַרמאָניסט האָט גענומען די האַרמאָניק אין דער האַנט, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דערהייך, און האָט איבערגעשפּילט עפּעס אַ לעבעדיקס.

— אָט ווי מיר האָבן צענומען דעם סוחר! אַ!? — האָט אים דער קריפּל געשטויסן אונטערן טיש מיט דער פֿוס. דער האַרמאָניסט האָט, שווייגנדיק, אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ. לעבן טיכאָן פּאַוולאָוויטשעס טיש האָבן זיך באַוויזן עפּעס פֿרעמדע פּיגורן און האָבן געטרונקען זײַן בראָנפֿן. ער האָט געטרונקען מיט אַלעמען און איז שנעל שיכּור געוואָרן. און אַנושקע איז אויך געוואָרן שיכּור.

— כ׳וויל טאַנצן, מאַרק, שפּיל אויף אַ קאַמאַרינסקע! — האָט זי געשריען, קנײַטשנדיק מיט די פּלייצעס. דער קריפּל האָט, אָנבלאָזנדיק זיך, געקוקט אויף איר פֿון דיוואַן אָבער און האָט זיך געביסן די ליפּן.

— נו, מיכאַיל אַנטאָניטש, זײַ ניט ברוגז! וואָס מאַכט עס דען אויס! — האָט זי געשמייכלט צו אים, באַמערקנדיק זײַן מינע. — איין מאָל לעבט מען אויף דער וועלט...

— אַ פֿרויענצימער, ווען זי לעבט אַפֿילו פֿיר לעבנס, וועט זי אַלץ זײַן אַ בהמה! — האָט ער איר בײַז אַ וואָרף געטאָן.

— פֿרײַנד מײַנער! זידל זיך ניט! זי איז — אַ ליבע פֿריילין, כ׳האָב זי ליב! — האָט דער מילנער געבושעוועט. איר האָט בײַ מיר

צענומען מיין האַרץ און עס אויסגעלייטערט. איך שפּיר מיך איצט — אַך, ווי איך שפּיר זיך! כ'וואָלט אין פייער געקראָכן...

— אַ מענטש באַדאַרף אין ערגעץ ניט קריכן... דו גיס מיר בעסער אָן!

— מע באַדאַרף אין ערגעץ ניט קריכן? דאָס איז ריכטיק! די האַנט! יאָ, דו האָסט ניט קיין האַנט... נו, לאָמיר זיך צעקושן. — ער האָט אַרומגענומען דעם קריפּל און האָט אים געקושט. קאָסטיאַ האָט זיך אָנגעגאָסן בראָנפן און זעענדיק, אַז קיינער קוקט ניט אויף אים, האָט ער געטרונקען אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל.

— שפּילן מיר עפּעס אויף אַ רוסיש! כ'וויל טאַנצן! — איז אַנושקע אַליין באַשטאַנען אויף איר. דער האַרמאָניסט האָט אַ נעם געטאָן עפּעס אַ וואונדערלעכן אַקאָרד און האָט גענומען שפּילן:

„איבער דער ברוקירטער גאַס“

די הענט אין די באָקעס און קנייטשנדיק מיט די אַקסלען, האָט אַנושקע, אַ רייצנדיק־שיינע און אַ ברענענדיקע פון אויפרעגונג, פאַרביינגעשוועבט, ווי אַ פּאַווע, פאַרביי דעם מילנער, וואָס איז געזעסן צעהיצט פון דעם ווײַן און האָט צו איר שעלמיש געוואונקען מיט אַן אויג.

— עך דו! איך גיי אויך! — האָט ער וואוילעריש אויסגעשריען און, טופּענדיק שטאַרק מיט די פיס, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן גלייך נאָך איר.

דער קריפּל האָט געקוקט אויף אים, האָט שרעקלעך געשטשירעט מיט די ציינער און געדרייט מיט די וויסלען.

ס'האָט זיך ווידער אויפגעקליבן אַן עולם און האָט געטומלט און געקוקט אויף די טאַנצנדיקע.

— טיכאָן האָט זיך צעהוליעט! — האָט דער מילנער דראָעריש אויסגעשריען. — אַ מענטש האָט זיך באַגייט! ע־עכמאַ!

---

ביינאַכט אַנטקעגן דעם פינפטן טאָג נאָך דעם באַשריבענעם, האָט זיך טיכאָן פּאַוולאָוויטש אומגעקערט פון דער סטאַנציע אַהיים, און זיין כוטאָר.

מיט אַ קראַנקן קאָפּ, אַ צעשראָקענער און אַ פינצטערער, האָט ער זיך געטרייסלט אין וואָגן, מיט אַן עקלהאַפט, ביטער געפיל אין דער ברוסט, נאָך דער פּרטאָגיקער אָגיע. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי דאָס ווייב וועט אים באַגעגענען און נעמען עקבערן: „וואָס, פּאַטערל, זיך ווידער אָפּגעריסן פון קייט?" און נעמען ריידן וועגן די יאָרן, וועגן דער גרויסער באָרד, וועגן די קינדער, וועגן דער חרפּה, וועגן איר אומגליקלעך לעבן, — טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט און האָט בייז געשפּיגן איפּן וועג און האָט שטיל געוואָרטשעט:

— נו—נו, אַ לעבן!....

— וואָס איז מיט אייך? — האָט אים דער באַריידעוודיקער קוטשער „פּאַנטעלעי פון דער סטאַנציע", וואָס האָט זיך אַזוי גערופן אַלס אונטערשייד פון אַן אַנדער פּאַנטעלעי — אַ „ניי-געקומענעם", געפרעגט.

— גאָרנישט, גאָרנישט! דו פיר! — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש געוואָרטשעט.

— אַהאַ! ס'טרעפט: אַ מענטש טראַכט און נעמט ריידן אויפן קול מיט זיך אַליין. חאָס קומט אַמאָל פון אַסך טראַכטן, אויב... — האָט דער קוטשער ניט געקענט אַנטשווייגן ווערן.

— ווער אַנטשווייגן! — האָט אים טיכאָן פּאַוולאָוויטש איבערגעריסן.

— מילאַ! מע קען שווייגן... — האָט פּאַנטעלעי איינגעשטימט און האָט אין אַ ווײַלע אַרום ווידער גענומען ריידן.

די וואָלקנדיקע נאַכט האָט איינגעהילט דעם גאַנצן סטעפּ אין אַ שווערער פינצטערניש און אין הימל זײַנען אומבאַוועגלעך געשטאַנען גרויע וואָלקנס. אין איין אָרט האָט זיך בײַ זיי געזען אַ ווײַסלעכער אויסטערלישער פלעק — דאָס האָט זיך די לבנה געוואָלט דורכשלאָגן דורך די וואָלקנס און האָט ניט געקענט.

מען איז צוגעפאָרן צו דער הרעבליע.

— שטיי! — האָט טיכאָן פּאַוולאָוויטש געזאָגט, איז אַראָפּ פון וואָגן און האָט זיך אַרומגעקוקט. אַ טריט פערציק פון אים האָט זיך געצייכנט דער כוטאָר, ווי אַ טונקעלע, ווינקלדיקע קופּע. רעכטס

פֿון אים איז געווען דער סטאַוו. דאָס טונקעלע וואַסער אין אים איז געווען אומבאַוועגלעך און האָט געדראָט מיט דער דאָזיקער אומבאַוועגלעכקייט. אַלץ אַרום איז געווען אַזוי שטיל און פּחדימדיק. די ווערבעס אויף דעם סטאַוו, וואָס זיינען געווען געדיכט פֿאַרהילט אין שאָטנס, זיינען געשטאַנען אַזוי גלייך, שטרענג און פֿינסטער. ערגעץ־וואו זיינען געפֿאַלן טראָפּנס... פּלוצלינג איז אָנגעפֿלויגן אויף דעם סטאַוו אַ ווינט פֿון וועלדל; דאָס וואַסער האָט זיך אַ וויג געטאָן צעשראָקן. און ס׳האָט זיך דערהערט אַ שטילער, טרויעריקער פּליעסק... און די ביימער האָבן, אָפּטרייסלענדיק פֿון זיך דעם שלאָף, אויך גענומען רוישן.

טיכאָן פּאַוולאָוויטש האָט אַ קוק געטאָן, ווי דאָס וואַסער, באַרירט פֿונם ווינט, איז ווידער איינגעשלאָפֿן, האָט זיך ביסלעכווייז באַרויקט. נאָר הערווײַלע איז עס געווען באַדעקט מיט אַ קליינעם גערונצל און האָט אַזוי ווי געציטערט; ער האָט אַ קוק געטאָן, האָט טיף אָפּגעזיפֿצט און איז אַוועק צום כוטאָר, מורמלענדיק אין דער שטיל:

— דאָס לעבן... איז בלויז איין וויג... אַ וואַסער־גערונצל.

נאָר דאָס דאָזיקע מורמלען האָט אים ניט באַרויקט, און, שפּירנדיק זיך שולדיק פֿאַר עמעצן און פֿאַר זיך אַליין, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט גענומען די באָרד אין האַנט, האָט זי אַ צופּ געטאָן, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט הויך אַרויסגערעדט:

— טישקע, אַלטער טייוול דו!...

— וואָ—אָס? — האָט „פּאַנטעלעי פֿון דער סטאַנציע“ זיך אָפּגערופֿן פֿון דער פֿינסטערניש.

— גאָרניש, גיי צו אַלדי...

ערגעץ־וואו האָבן הענער געקרייט.

# אויף פליטן.

## .1

...שווערע כמאַרעס קריכן לאַנגזאַם איבער דעם שלעפעריקן טייך; דוכט זיך, זיי לאָזן זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער און נידעריקער; דוכט זיך, אַז זייערע גרויע טראַנטעס רירן זיך אָן אין דער ווייט אָן דער איבערפלאַך פון די שטראָמיקע און טריבע פריילינגס־כוואַליעס, און אַז דאָרטן, וואו זיי האָבן זיך אָנגערירט אָן דעם וואַסער — האָט זיך אױפגעהויבן ביזן הימל אַן אומדורכדרינגלעכע וואַנט פון וואָלקנס, וואָס האָט פאַרשפּאַרט דעם שטראָם פון טייך און די פליטן — דעם וועג.

און אונטערשווענקענדיק די דאָזיקע וואַנט, שלאָגן זיך ערפאָלגלאָז אָן איר אָפּ די כוואַליעס מיט אַ שטילן, טרויעריקן געמורמל. שלאָגן זיך אָפּ און, אָפּגעוואָרפן פון איר, צעלויפן זיי זיך רעכטס און לינקס, וואו עס ליגט די פייכטע פינסטערניש פון דער פריילינגדיקער, פרישער נאַכט.

נאָר די פליטן שווימען פּאָראַוים, און די ווייטקייט רוקט זיך אָפּ פאַר זיי אין דעם הים אַריין, וואָס איז פול מיט שווערע וואָלקנמאַסן.

קיין ברעגעס זעט מען ניט — די נאַכט האָט זיי פאַרבאָרגן און עס האָבן זיי אָפּגעשטױסן ערגעץ די ברייטע כוואַליעס פון דעם צעגאָסענעם טייך.

— דער טייך איז ווי אַ ים. און דער הימל איבער אים, וואָס איז דורכאויס פאַרהילט אין וואָלקנס, איז שווער, פייכט און אומעטיק.

דאָס האָזיקע גרויע און טריבע בילד פאַרמאָגט ניט — ניט קיין לופט, ניט קיין בונטע פאַרבן.

די פליטן גליטשן זיך איבערן וואַסער שנעל און רוישלאָז, און אַנטקעגן זיי רוקט זיך פון דער פינסטערניש אַ דאַמפּער און וואַרפט פון דעם קוימען אַ פרייליכע מחנה פונקען און קלאַפּט טויב מיט די ראָד-שופלען איבערן וואַסער...

די צוויי רויטע לאַמטערנעס ביי די פליגלען ווערן אַלץ גרעסער, העלער, און דער לאַמטערן אויפן מאַסטבוים וויגט זיך שטיל אונטער פון איין זייט אויף דער אַנדערער און ווינקט געהיימנישפול צו דער פינסטערניש.

דער רוים איז פול מיטן רויש פון דעם צעפּאַטשטן וואַסער און מיט שווערע זיפצן פון דער מאַשין.

— גיב אַ—אַכטונג! — האָט זיך אַ שטאַרקער ברוסטיקער געשריי דערהערט אויף די פליטן.

ביי די שטייערדודערס, אין עק פליט, שטייען צוויי מענטשן: מיטיע — דער זון פון דעם האָלצטרייבער, אַ טונקלבלאָנדער, קראַנקער, פאַרטראַכטער בחור פון אַ יאָר 22, און סערגעי,— אַן אַרבעטער, אַן אָנגעברוגזטער, אַ געזונטער יונג, וואָס איז אַרומגענומען מיט אַ געלער באָרד; פון אירע רעמלעך קוקן אַרויס שטאַרקע, גרויסע ציינער, וואָס זיינען ניט פאַרדעקט מיט דער אייבערשטער ליפּ, וועלכע איז קאָמיש פאַרריסן אַרויף.

— ליג לינקס! — צעטרייסלט ווידער די לופט אַ הויכער געשריי פאָראויס פאַר די פליטן.

— מיר וויסן אַליין! וואָס רייסטו זיך? — וואָרטשעט סערגעי אומצופרידן און, אָפּזיפצנדיק, שפּאַרט ער זיך אָן מיט דער ברוסט אויפן רודער!

— אָ — איך! קער פעסטעווער, מיטיוק!

— איינשפּאַרנדיק זיך מיט די פיס אין די פייכטע בערוועגעם, ציט מיטיע צו זיך מיט די דינע הענט אַ שווערן שטאַנג — דעם שטייער-רודער — און הוסט הייזעריק.

— ביי!... נעם לינקס!... שדים, טייוואָלים! — שרייט מען אומרויִק און בייז פון פאָרנט.

— רײס די האַלז! דײן שוואַכער זון קען קײן שטרויעלע אין קני ניט איבערברעכן, און דו שטעלסט אים אַוועק בײם שטײער-רודער, און דערנאָך שרײסטו איבערן גאַנצן טײך. דער מיאוסער אשת-אישניק האָט געזשאַלעוועט צו דינגען נאָך אַן אַרבעטער. נו, איז זאָל ער איצט רײסן די האַלז!...

סערגעי וואָרטשעט שוין הויך, משמעות, אַז ער האָט קײן מורא ניט, מע זאָל אים דערהערן, אין גלײך ער וואָלט עס אַלײן געוואָלט...

דער דאַמפער טראָגט זיך פאַרבײ די פליטן און קערט אַרויס פון אונטער די רעדער די שוימיקע כוואַליעס. די קלעצער צעוויגן זיך אויפן וואַסער, און די בינטן, צונויפגעדרײט פון סוקעס, סקריפען מיט אַ טרויעריקן און פײכטן קלאַנג.

די באַלײכטענע פענסטער פון דאַמפער קוקן אויפן טײך, און די פליטן שפיגלען זיך אָפּ, ווי אַ רײ פײערדיקע אויגן, אין דעם צעכוואַליעטן וואַסער מיט ליכטיקע, ציטערנדיקע פלעקן און פאַרשווינדן.

די כוואַליעס פליעסקען זיך שטאַרק אָן די פליטן, די קלעצער שפרינגען, און מיטרי פרעסט זיך, ווינדיקערהײט, פעסט צו צום שטײער-רודער און האָט מורא, ער זאָל ניט אַרײנפאַלן.

— נו, נו! — מורמלט סערגעי מיט געלעכטער, — זיך צעמאַנצט. אָט וועט דער פאָטער ווידער אויף דיר נעמען ברומען... אָדער ער וועט גאָר נעמען און דיר אַרײנלײגן אַ פּאָר מאָל אין די זײטן, וועסטו דעמאָלט ניט אַזוי טאַנצן! נעם רעכטס! אָי—נו! אָ, אָי...

און מיט די הענט, וואָס זײנען עלאַסטיש, ווי שטאָלענע פרוזשינעס, קערעוועט ער מעכטיק דעם רודער, טיף פונאַנדעררײסנדיק מיט אים דאָס וואַסער...

אַן ענערגישער, אַ הײכער, אַ ביסל אַ בײזער און אַ קאָמישער, שטײט ער אַזוי, גלײך ער וואָלט צוגעוואַקסן געוואָרן צו די קלעצער מיט די באָרוועסע פיס, און אין אַן אָנגעשטרענגטער פּאָזע, גרײט יעדע סעקונדע אַ דרײ צו טאָן דעם פליט, קוקט ער וואַכזאַם פאָראויס.

— ען, ווי דיין טאַטע נעמט עס אַהים מאַרקען! נו־נו, טיי־וואַלים! ניטאָ ניט קיין בושה, ניט קיין האַרץ! און פאַרוואָס זאָלסטו, מיטרי, ניט אַוועקגיין פון זיי, פון די האַזיקע פאַסקודנע שדים, עתגעץ־וואָ?... אַ? הערסט, צי ניין?

— כ'הער! — זאָגט מיטרי מיט אַ האַלבן מויל און קוקט ניט אַהין, וואו סערגעי זעט, דורך דער פינסטע־ניש, זיין פאָטער.

— כ'הע—ער! עך דו, פלייענער פויגל, וואָס דו ביסט! — רייצט זיך מיט אים סערגעי אין הירושעט איראָניש.

— געשעפטן! — רעדט ער ווייטער, ווערנדיק אונטערגעהעצט פון מיטרים אַפּאַטיע; נו, איז דאָס דער אַלטער — אַ טייוול! דאָט חתונה געמאַכט דעם זון, האָט אָפּגעשלאָגן די שנור און — איז נאָך גערעכט! אַלטער מנוול!

מיטרי שווייגט און קוקט אויף צוריק־טייך, וואו עס האָט זיך אויך געבילדט אַ וואַנט פון געדיכטע וואָלקנס.

איצט זיינען די וואָלקנס אומעטום, און עס דוכט זיך, אַז די פליטן שווימען ניט, נאָר זיי שטייען אומבאַוועגלעך אין דעם דאָזיקן געדיכטן און שוואַרצן וואַסער, וואָס איז דערשטיקט פון די שווערע, טונקל־גרויע שטיסן כמאַרעס, וועלכע זיינען אין אים אַריינגעפאַלן פון הימל און האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג.

דער טייך, זעט אים, ווי אַ גרונדלאָזע טיפעניש, וואָס איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט הויכע בערג ביזן הימל און איז פאַרהילט מיט אַ געדיכטן צודעק פון נעפל.

אַרום — איז פיינלעך שטיל, און דאָס וואַסער פּלעסקעט זיך שוואַך אין די פליטן, גלייך עס וואָלט אויף עפּעס געוואַרט. אַ סך טרויער און עפּעס אַ ציטעריקע פראַגע הערט זיך אין דעם דאָזיקן עלנדן קלאַנג, וואָס איז איינזאַם אין דער דאָזיקער נאַכט און באַטאָנט נאָך מער איר שטילקייט...

— אַ ווינטעלע זאָל איצט געווען אַ בלאָז טאָן... — זאָגט סערגעי. — ניין, מע דאַרף ניט קיין ווינט — מחמת דער ווינט וועט ברענגען רעגן, — דערווידערט ער זיך אַליין און הויבט אָן אָנצופילן די ליולקע, און קרעכצעט אונטער בשעת מעשה.

ס׳צינדט זיך אָן אַ שוועבעלע, ס׳הערט זיך אַ כריפּען אין דעם פאַרמיסטיקטן ציבוק, און אַ רויט פייערל, דאָ פונאַנדער־געברענט, דאָ צוריק פאַרלאָשן, באַלייכט סערגעיס געזיכט, וואָס וואַלט זיך אַזוי ווי געטונקט אין דער פינסטערניש.

— מיטרי! — דערהערט זיך זיין שטימע. איצט איז זי וויינ־קער אָנגעברוגזט און אין איר קלינגט דייטלעכער אַ קאָמישע נאָטע.

— אַ? — ענטפערט מיטרי מיט אַ שטילן קול און ווענדט אָפּ דעם בליק פון דער ווייט, וואו ער באַקוקט עפּעס דורכדרינגלעך מיט זיינע גרויסע און טרויעריקע אויגן.

— איז ווי־זשע, ברודער־לעבן, איז האָס, אַ?

— וואָס — רופט זיך מיטרי אָפּ אומצופרידן.

— דאָסט חתונה געהאַט?! ס׳איז דאָך צום לאַכן! ווי אַזוי איז דאָס געווען? נו, ביסטו, הייסט עס, אַוועק מיט דער ווייב שלאָפן? נו, ווי?! כאַ,כאַ,כאַ!

— עי! הירזשעט האָרטן ניט! גיט אַ—כט—טינג! — האָט זיך הראָענדיק דורכגעטראָגן איבערן טייך.

— געזען, ווי ער רעוועט עס אַ ביסל, דער פאַרפלוכטער אשת־אישניק! — באַמערקט סערגעי מיט אַנטיציקונג און קערט זיך ווידער אום צו דער טעמע, וואָס אינטערעסירט אים.

— נו, דו זאָגסט, צי ניט? מיטרי! זאָג שוין אַמאָל! אַ?

— לאָז מיך צורו, סערגעיאַ! — כ׳האָב דאָך שוין געזאָגט! — שעפּטשעט מיטרי מיט אַ בעטנדיקער שטימע; אָבער ווימנדיק, משמעות, אַז פון סערגעיען קען מען זיך ניט אָפּטשעפּען, הייבט ער אָן איף גיך:

— נו, זיינען מיר געקומען שלאָפן. איז זאָג איך איר: איך קען מיט דיר, הייסט עס, מאַריע, ניט לעבן, ווי אַ מאַן. דו ביסט אַ מיידל, אַ געזונטע, און איך בין אַ מענטש אַ קראַנקער, אַ שוואַכער. און כ׳האָב גאָר, הייסט עס, ניט געוואָלט חתונה האָבן, נאָר דער טאַטע האָט מיך געניט — האָב חתונה, זאָגט ער, און שוין! איך האָב, קען מען זאָגן, אַייערע ווייבער ניט ליב, און דיך מער פאַר אַלעמען. דו ביסט אַ צו רירעוודיקע.... יאָ... אַז איך קען דאָס

גאָרניט... פֿאַרשטייסט... גאָלע געמיינהייט, און דערצו איז אַ זינד... קינדער אויך... פֿאַר זיי דאַרף מען אָפּגעבן גאָט אַ חשבון....

— געמיינהייט! — האָט זיך סערגעי צעקוויטשעט און צעהירזשעט הויך אויפֿן קול. — נו, און זי וואָס, מאַרקע הייסט עס? אַ?

— נו... איז וואָס־זשע, זאָגט זי, זאָל איך איצט טאָן? זיצט זי און וויינט. מיט וואָס, זאָגט זי, בין איך דיר ניט צום האַרצן? אָדער איך בין אפֿשר אַ פֿאַרזעעניש? זי איז אַ בעזחרפּהטניצע, סערעגאַ!... און אַ שלעכטע. איז וואָס, זאָגט זי, זאָל איך אפֿשר מיט מיין געזונטקייט גיין צום שווער? זאָג איך איר: טו וואָס דו ווילסט... וואוהין דו ווילסט, גיי. איך קען ניט, הייסט עס, טאָן דאָס, וואָס איז דערווידער מיין נשמה... ווען ס׳זאָל געווען זיין ליבע! אָבער אַזוי — וואָס? דער זיידע איוואַן האָט געזאָגט — אַז דאָס־אָ איז אַ שרעקלעכע עבירה. וואָס זיינען מיר דען בהמות? איז נאָכאַנאַנד זי וויינט. גענומען און געפּטרט, זאָגט זי, מיין מיידלשע שיינקייט. איז מיר געוואָרן אויף איר אַ רחמנות. נישקשה, וועסט אויסקומען ווי עס איז. און אויב ניט, איז גיי אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר. האָ האָט זי זיך גענומען זידלען: ביסט אַ שוטה, זאָגט זי, מיטקע, ביסט אַ געמיינער יונג...

— אַי־אַי־אַי! — צישעט סערגעי מיט התפּעלותדיקן געפּליכטער. הי האָסט איר טאַקע אַזוי אָפּגעפּייערט — אין אַ מאָנאַסטיר?

— אַזוי האָב איך מאַקע געזאָגט! — זאָגט מיטיאַ פּשוט.

— און זי דיך — שוטה? — הייבט סערגעי אויף דעם טאָן.

— יאָ... זי האָט מיך אָפּגעזידלט.

— ס׳קומט, ברודער! אַך, ווי עס קומט! מע האָט נאָך דיר באַדאַרפֿט אָנברעכן די ביינער אויך! — גייט פֿלוצלונג סערגעי דעם טאָן. איצט רעדט ער שטרענג און איינדרינגלעך.

— הי קענסט דען גיין קעגן געזעץ? און דו — ביסט געגאַנגען! מ׳איז איינגעשטעלט אַזוי — נו, איז הייסט עס פֿאַרפֿאַלן! טאָר מען ניט דערווידערן. און דו טוסט פּונקט פֿאַרקערט! אַרויסגעריסן דעם בוים מיט די וואָרצלען. אין אַ מאָנאַסטיר! נאַרישער מוח! וואָס דאַרף דען האָבן אַ מיידל? אַ מאָנאַסטיר? נו, זיינען דאָס איצטער מענטשן? גיב נאָר אַ טראַכט — וואָס איז

אַרויסגעקומען: האָסט גענומען, פריש, געזונט און משוגע, און האָסט געפּטרט אַ מיידל... זי איז געוואָרן דעם אַלטנס אַ געליבטע — האָסט דעם אַלטן געבראַכט צו זינדיקן מיט דער שנור. באַטראַכט, וואָס פאַר אַ זינד דו ביסט באַגאַנגען קענען געזעץ? קאָ—אָפּ!

— האָס געזעץ, סערגעי, ליגט אין דער נשמה. איין געזעץ פאַר אַלעמען: טו ניט דאָס, וואָס איז קעגן דיין נשמה, און דו וועסט קיין שום שלעכטס ניט טאָן אויף דער וועלט, — האָט מיטרי געזאָגט שטיל און באַרויקנדיק און האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ.

— און דו האָסט טאַקע געטאָן! — האָט סערגעי ענערגיש דערווידערט. — אין דער נשמה! ער רעדט נאָך... מאַלע וואָס ס'איז פאַראַן אין דער נשמה. אַלץ קען מען ניט פאַרבאָטן — מען קען ניט. די נשמה, די נשמה... מען דאַרף זי, ברודער, פאַרשטיין, אין דערנאָך שוין אויך, ווי זאָגט מען...

— ניין, דו רעדסט ניט ריכטיק, סערגעי! — האָט מיטרי זיך צעהיצט, גלייך ער וואָלט זיך פּלוצלונג אָנגעצונדן. — די נשמה, ברודער, איז שטענדיק ריין, ווי אַ טרעפּעלע. זי ליגט אין אַ שאָ־לעכצל, אָט־וואָס! זי איז טיף. און אַז דו וועסט זיך צו איר צו הערן, וועסטו קיין טעות ניט האָבן. שטענדיק וועט אויסקומען, ווי גאָט האָט געבאָטן, אויב נאָר ס'וועט זיין געטאָן מענטשלעך. אין דער נשמה איז דאָך גאָט, הייסט עס, אַז אין איר איז אויך דאָ דאָס געזעץ. גאָט האָט זי באַשאַפן, האָט זי אַריינגע־בלאָזן אינעם מענטשן. מע דאַרף נאָר קענען אין איר אַריינקוקן. מע דאַרף נאָר ניט שאַנעווענדיק זיך....

— עי! פאַרשלאָפענע טייוואָלים! קוקט מיט ביידע אויגן! — האָט אַ הונער געטאָן איבערן טייך.

מיט דעם כוח פון דעם קלאַנג, האָט זיך געשפּירט, אַז דאָס שטייט אַ געזונטער, ענערגישער מענטש, וואָס איז צופרידן מיט זיך, אַ מענטש מיט אַ גרויסער, און קלאָר פון אים באַנומענער לעבנס־פעיקייט. ניט דערפאַר האָט זיך געשריען, ווייל דער געשריי איז געווען אַרויסגערופן פון די פּלוטנטרייבער, נאָר מחמת דעם, ווייל די נשמה איז געווען פול מיט עפּעס פריידעוודיקס און שטאַרקס,

אין דאָס-אָ — דאָס דאָזיקע פרײדעװדיקע און שטאַרקע — האָט זיך געגעבן אַרױס פֿונדאַנען, אױף דער פֿרײ, און אָט — האָט זיך עס אַרױסגעריסן אין דעם דאָזיקן הילכיקן, ענערגישן קלאַנג.

— אָהאָ, װי ער האָט זיך עס צעבילט, דער אַלטער טײװל! — האָט סערגײ מיט פֿאַרגעניגן באַמערקט און האָט שאַרף אַ קוק געטאָן פֿאַראױס מיט אַ איראָנישן שמײכל.

— די טײבעלעך האָלבן זיך! ס'פֿאַרדריסט דיך ניט, מיטקע?

מיטרי האָט גלײַכגילטיק אַ קוק געטאָן אַהין, צו די פֿאָדערשטע רײדערס, װאו צװײ מענטשעלעכע פֿיגורן זײַנען אַריבערגעלאָפֿן איבער די פּליטן פֿון רעכטס אױף לינקס און, אָפּגעשטעלט זיך נאָענט אײנער צו דעם אַנדערן, האָבן זײ זיך מיטאַמאָל צונױפֿגעגאָסן אין אײן געדיכטער פֿינסטערער מאַסע.

— ס'פֿאַרדריסט ניט? — האָט סערגײ איבערגעחזרט.

— װאָס אַרט עס מיך? זײ זינדיקן — װעלן זײ ענטפֿערן, האָט מיטיאַ שטיל געזאָגט.

— אַװי-װי — האָט סערגײ אױסגעצױגן איראָניש און האָט דערלײגט טאַבאַק אין דער ליולקע. אין דער פֿינסטערניש האָט װידער אַ בליץ געטאָן אַ רױט פֿײערל.

אין די נאַכט איז געװאָרן אַלץ געדיכטער, און די גרױע, שװאַרצע כמאַרעס האָבן זיך אַלץ נידעריקער אַראָפּגעלאָזן איבערן שטילן, ברײטן טײַך.

— װאו האָסטו עס, מיטרי, געפּאַקט די דאָזיקע גרױסע חכמה? אָדער ביסטו אפשר געבאָרן געװאָרן דערמיט? ביסט, ברודערל, ניט געראָטן אין טאַטן. דײַן טאַטע איז טאַקע אַ העלד! גיב נאָר אַ קוק — 48 יאָר איז אים, און ס'אַרא מלכהלע ער האָלובעט עס! אַ װײַבעלע — גאָלע זאַפּט! און זי ליבט אים, װאָס איז דאָ צו רײדן! זי ליבט, ברודער. מען קען ניט ניט ליב האָבן אַזאַ טרומף! אַ מלך, טרומף, אַ מלך אײכל — אָט־װאָס דײַן טאַטע איז! אַרבעט ער — איז אַ פֿאַרגעניגן צו קוקן, פּשוט אַ תענוג; כבוד — כאָטש שעפּ גאַנצע עמערס, און דער קאָפּ איז אױף אַן אָרט. נ־יאָ. און דו אָט ביסט ניט געראָטן ניט אין דער מאַמען, ניט אין דעם טאַטן. מיט'? און װאָס װאָלט דער טאַטע געטאָן, װען אַנפּיסע

וואָלט געלעבט? ווי וואויל! כ׳וואָלט נאָר געוואָלט זען, ווי זי וואָלט אים... איך געווען אַ קוואַק אַ ווייבל, דיין מאַמע... פּינקט אָנגעמאָסטן פאַר סילאָנען.

מוטרי האָט געשוויגן, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן רודער און געקוקט אין וואַסער אַריין. סערגעי איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן. פאַראויס פאַר די פּליטן האָט זיך דערהערט אַ קלינגענדיקער פּתייענגעלעכטער. אים האָט אָפּגעענטפערט אַ באַסיקער געלעכטער פון אַ מאַנסביל. סערגעי, וואָס האָט נייגעריק און דורכדרינגלעך געקוקט אויף זיי דורך דער פינסטערניש, האָט קוים געזען זייערע פיגורן, וואָס זיינען געווען איינגעוועבט אינם נעפּל. מע האָט געקענט זען, ווי אַ הויכער מאַנספּאַרשוין שטייט ביי די רודערס, ברייט צעשפּרייט די פיס און אַ האַלב־קרייז צו אַ קיילעכיקער, קליינטשקער פּתיי, וואָס האָט זיך צוגעטוליעט מיט דער ברוסט צו אַן אַנדער תידער, וועלכער איז געלעגן אַ קלאַפּטער אָנדערהאַלבן פון דעם ערשטן. זי האָט דעם מאַנסביל מיט אַ פינגער און לאַכט זיך אונטער מיט אַ הריבנעם און איבערייצנדיקן געלעכטער. סערגעי האָט זיך אָפּגעקערט מיט אַ זיפץ פון אַ צעבראָכענעם האַרצן און, שוויגנדיק אַ ווײַלע איבערקאַנע, האָט ער ווידער גענומען ריידן:

— עכמאַ! אָט איז זיי דאָרטן גוט. וואויל! אָט איך, דער שלעפער, דער לײדיקגייער — וואָלט עס באַדאַרפט האָבן! כ׳וואָלט אייביק פון אַזאַ ווייבעלע ניט אַוועק! עך, דו! כ׳וואָלט זי כסדר אַזוי געקוואָטשן אין די הענט, ניט אַרויסגעלאָזן זי. נאַ, שפּור, ווי איך האָב ליב... כאַפּט דיך דער טייוול! עס גייט מיר אָבער ניט אין ווייבער... זיי ליבן ניט, קענטיק, די ווייבער, קיין געלע. נייאָ. זי איז אַ קאַפּריזע — דאָס דאָזיקע ווייבל... אָבער אַ שעלמע! זי איז זשעדנע צו לעבן. מיטיאַ! עי, דו שלאָפסט?

— ניין, — האָט מיטיאַ שטיל געענטפערט.

— דאָס איז דאָס! ווי אַזוי־זשע, ברודער, וועסטו דורכגיין דאָס לעבן! וואָרעם דעם אמת זאָגנדיק, — ביסטו דאָך איינזאַם, ווי אַ פינגער. שווער! וואָס־זשע וועסטו זיך איצט אַהינטאָן? וועכט זיך ניט קענען איינאָרדענען ווי געהעריק צווישן מענטשן. ביסט זייער אַ קאָמישער. אַזאַ מענטש קען דאָך ניט באַשטיין פאַר זיך!

מע דאַרף, ברידער־לעבן, האָבן ציינער און נעגל. יעדערער וועט זיך באַגליידיקן. דו קענסט זיך דען פאַרטיידיקן? מיט וואָס וועסטו זיך פאַרטיידיקן? עככע—כע! ביסט אַ מאָגער! וואו־זשע וועסטו גיין?

— איך? — האָט זיך מיטיע ווידער אַ צאַפּל געטאָן. — כ'וועל אַוועקגיין. כ'וועל, ברידער, הייניקן האַרבסט — אַוועק אויף קאַווקאַז און — אַ סוף! גאָט! כ'וויל נאָר וואָס גיכער אַוועק פון אַיך! איר האָט ניט קיין האַרץ! גאָטלאָזע מענטשן זייט איר, אַנטלאָפן פון אַיך — איז די איינציקע רעטונג! צו וואָס לעבט איר? וואו איז ביי אַיך גאָט? ביי אַיך איז בלויז ווערטער... איר גלייבט דען אין קריסטוסן? יע, איר וועלף, וואָס איר זייט! און דאָרטן זיינען אַנדערע מענטשן, זייערע נשמות לעבן אין קריס־טוסן, און זייערע הערצער זיינען אָנגעפילט מיט ליבע און וועגן דער גאולה פון דער וועלט ליידן זיי. און איר? יע, איר! חיות, וואָס ברומען אַרום געמיינהייט. פאַראַן אויך אַנדערע מענטשן. איך האָב זיי געזען. זיי האָבן מיך געהאָפן. אָט צו זיי גיי איך. דאָס בוך פון די הייליקע שריפטן האָבן זיי מיר געבראַכט. לייען, ליבער ברו־דער אונזערער, זאָגט גאָטס מענטש, לייען אַן אמת וואָרט... און איך האָב געלייענט, און מיין האַרץ האָט זיך באַנייט פון גאָטס וואָרט. כ'וועל אַוועקגיין. כ'וועל אַיך אַוועקוואַרפן, משוגענע וועלף; — איר לעבט איינער פון דעם צווייטנס לייב. אַ קללה אויף אַיך!

מיטרי האָט עס געזאָגט מיט אַ ליידנשאַפטלעכן געפליסטער און האָט זיך פאַרכליניעט פון דעם פאַראַכטונגסצולן האַס צו די משוגענע וועלף, וואָס האָט אים אָנגעפילט, און פון דעם דאָרשט פון די־יעניקע מענטשן, וואָס זייערע נשמות טראַכטן וועגן דער גאולה פון דער וועלט.

סערגעי איז געווען דערשטוינט. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן; ברייט צעעפנט דעם מויל און האַלטנדיק אין האַנט זיין ליולקע, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט גע־האָנט מיט אַ היכן, בייזן קול:

— אָהאָ, ווי ער האָט זיך איינגעגעסן!... דערצו נאָך אַ שלעכטער איך. אומזיסט האָסטו געלייענט דאָס בוך. ווער ווייס, וואָס

פאַר אַ בוך האָרטן איז? נו... אַרבעט, אַרבעט, צי אָפּ, וואָרעם די קענסט אינגאַנצן קאַליע ווערן. האַידאַ! לויף, כל־זמן דו ביסט אינגאַנצן ניט פאַרחידעט געוואָרן.... און וואָס פאַר אַ מענטשן זיינען עס האָרטן אויף קאַווקאַז? מאָנאַכן? אָדער אפשר „סטאַראָווערן"? זיי זיינען „מאָלאָקאַנעס", צי וואָס? אַ?

נאָר מיטרי איז שוין פאַרלאָשן געוואָרן פונקט אַזוי גיך, ווי גיך ער האָט זיך אָנגעצונדן. ער האָט געדרייט מיט דעם רודער, פאַרכלוניענדיק זיך פון אָנשטרענגונג, און האָט עפּעס געשעפּטשעט שנעל און נערוועז.

סערגעי האָט לאַנג געוואַרט אויף זיין ענטפער און האָט זיך ניט דערוואַרט. די האָזיקע פינסטערע, טויט־שטילע נאַכט, האָט געשטיקט זיין געזונטע, פשוטע נאַטור, אים האָט זיך געוואָלט זיך אַליין דערמאָנען אָן לעבן, צו וועקן די דאָזיקע שטילקייט מיט קלאַנגען, צו באַאומרויקן און אויפרודערן מיט אַלערליי מיטלען דאָס האָזיקע פאַרטייעטע, פאַרטיפטע שוויגן פון דער שווערער וואַסער־מאַסע, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם געגאָסן אין ים אַריין, און פון די אומבאַוועגלעכע שטומע וואָלקנס, וואָס זיינען אומטומיל פאַרגליווערט געוואָרן אין דער לופט. אויף יענעם ברעג־פליט האָט מען געלעבט און מע האָט אויך אים געוועקט צום לעבן.

פון דאָרטן פלעגט כסדר קומען אָנצופליען דאָס אַ שטילער, צופרידענער געלעכטער, דאָס אָפּגעריסענע אויסגעשרייען, וואָס זיינען פאַרטושט געוואָרן דורך דער שטילקייט און דער פינסטערניש פון דער האָזיקער נאַכט, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט דעם ריח פון פרילינג, וועלכער האָט געוועקט אַ הייסע תשוקה צום לעבן.

— לאָז אָפּ, מיטרי, וואוהין קערעוועסטו? דער אַלטער וועט זיך זידלען, זע, — האָט ער ענדלעך באַמערקט, ניט קענענדיק מער אויסהאַלטן דאָס שווייגן און זעענדיק, ווי מיטרי בויערט צוועקלאָז דאָס וואַסער מיט דעם רודער. מיטרי האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אויסגעווישט דעם פאַרשוויצטן שטערן און איז, טוליענדיק זיך מיט דער ברוסט צו דעם רודער, פאַרשטאַרט געוואָרן און האָט שווער געעטעמט.

— עפּעס זיינען היינט ווייניק דאַמפּערס... פֿון ווען־אָן מיר שווימען שוין, און סך־הכּל איינעם באַגעגנט.

און זעענדיק, אַז מיטרי קלייבט זיך ניט צו ענטפֿערן אויף דער דאָזיקער באַמערקונג, האָט סערגעי זיך אַליין ערקלערט מיט פֿאַרשטאַנד:

— האָס איז דערפֿאַר, וואָס די נאַוויגאַציע האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן. זי הייבט זיך נאָך ערשט אָן. מיר פֿאָרן שנעל קיין קאַזאַן — די וואָלגע שלעפּט געזונט. אַ קאַרק האָט זי, ווי ביי אַ ריז — אַלץ הייבט זי אויף. וואָס שטייסטו? ביסט אין כּעס, צי וואָס, מיט׳? עי!

— נו, וואָס? — האָט מיטרי אומצופֿרידן געפֿרעגט.

— גאָרנישט, מאָדנער מענטש איינער... וואָס שווייגסטו עפּעס? טראַכטסט אַלץ? וואַרף אַוועק. ס׳איז שעדלעך פֿאַר אַ מענטשן. עך, דו חכם איינער, דו ווילסט אַלץ זיין צו קלוג, און דאָס, וואָס דו האָסט קיין שכל ניט, דאָס פֿעלט דיר אַפּילו ניט איין! כאַ, כאַ!

און, אויסלאַכנדיק זיך, האָט סערגעי אַ שטאַרקן קרעקע געטאָן מיט דעם באַוואוסטזיין פֿון זיין העכערקייט, האָט געשוויגן אַ ווילע, האָט געוועזט גענומען פֿייפֿן, נאָר האָט איבערגעריסן דעם פֿייף און האָט ווייטער גענומען אַנטוויקלען זיין געדאַנק.

— מחשבֿות! כאַ! דאָס איז דען אַן עסק פֿאַר אַ פּשוטן מענטשן? אָט, גיב־נאָר אַ קוק, דיין פֿאָטער פֿילאָסאָפֿירט ניט — ער לעבט. ער ליבט דיין ווייב, און ער מאַכט נאָך מיט איר חוזק פֿון דיר, פֿון דעם נאַרישן חכם. אַזוי איז דאָס! דו הערסט, ווי זיי? אַך, די, כאַפּט זיי דאָס שוואַרצע יאָר! מחשבֿותן, זי איז שוין אַוודאי טראָגעדיק, די מאַרקע! שרעק זיך ניט, און דיר וועט האָס קינד ניט זיין געראָטן. מע דאַרף משער זיין, אַז ס׳וועט זיין פּונקט אַזאַ וואָרילער יונג, ווי סילאַן פּעטראָוו. און דאָך וועט עס זיך רעכענען פֿאַר דיין קינד. געשעפּטן! כאַ,כאַ! „טאַטע“, — וועט עס דיר זאָגן. און דו ביסט גאָר זיינער, הייסט עס, ניט קיין טאַטע, נאָר אַ בהמה־דער. און דער טאַטע זיינער איז — דער זיידע! עך, געשייט! אָט וואָס פֿאַר אַ פֿאַסקודניקעס דאָס זיינען! אָבער כוואַטעס! אַ? ניט ריכטיק, מיטיאַ?

— סערגעי! — האָט זיך דערהערט אַ לײדנשאַפֿטלעכער, אױפֿ-
גערעגטער, כמעט װײנענדיקער געפֿליסטער. ? איך בעט דיך בײַ
קריסטוסן, רײַס ניט מײַן האַרץ, ברען מיך ניט, לאָז אָפּ!
שװײַג: בײַ גאָט און בײַ קריסטוסן בעט איך דיך, רײד
ניט מיט מיר, רײץ מיך ניט, זױג ניט מײַן בלוט. כ'װעל זיך אין טײַך
אַרײַנװאַרפֿן, און דו װעסט נעמען אױף זיך אַ גרױסע זינד! כ'װעל
פֿאַרדאַרבן מײַן נשמה, טשעפּע מיך ניט! כ'באַשװער דיך בײַ גאָט—
איך בעט!...

דאָס קרענקלעך-קװיטשענדיקע געװײן האָט צעריסן די נאַכט-
שטילקײט און מיטרי, אַזױ װי ער איז געשטאַנען, האָט זיך אַראָפּ
אַ זעץ געטאָן אױף די קלעצער, גלײַך עפּעס אַ שװערע זאַך, װאָס איז
אַראָפּגעפֿאַלן אױף אים פֿון דער הײך פֿון די פֿאַראומערטע װאָלקנס,
װעלכע זײַנען געהאַנגען איבער דעם שװאַרצן טײַך, װאָלט אים דער-
שלאָגן.

— נו, נו, נו! — האָט סערגעי מיט מורא גענומען װאָרטשען,
זעענדיק, װי זײַן חבר האָט זיך געװאָרפֿן איבער די קלעצער, גלײַך
ער װאָלט זיך אָפּגעברענט מיט פֿײַער.

— אַ מאָדנער מענטש! אַזאַ מאָדנער... כ'װאָלט געזאָגט,
כ'װײס... אַז מיט דיר איז ניט אַזױ... און ניט אַזױ...

— דעם גאַנצן װעג פּײַניקסטו מיך... פֿאַרװאָס? כ'בין דיר אַ
שונא? אַ? אַ שונא?... — האָט מיטיאַ הײס געפֿליסטערט...

— ביסט אַ מאָדנער, ברודער! אַך, װאָס פֿאַר אַ מאָדנער! —
האָט סערגעי פֿאַרשעמט און באַלײדיקט געמורמלט. — איך האָב
דען געװאוסט װאָס? איך קאָן דאָך ניט, נאַטירלעך, דײַן נשמה!

— כ'װיל דאָס פֿאַרגעסן, פֿאַרשטײ! פֿאַרגעסן אױפֿן גאַנצן
לעבן! מײַן תּפֿיסה... מײַן בײזע צרה... אַכזריותדיקע מענטשן, װאָס
איר זײַט! כ'װעל אַװעקגײן! אױף אײביק אַװעקגײן... ס'איז ניט
נאָך מײַנע כּוחות...

— טאָ גײ!... — האָט סערגעי אַ ברום געטאָן איבערן גאַנצן
טײַך, האָט באַקרעפֿטיקט דעם אײַנגעשרײ מיט אַ דונערדיקן ציניש־ן
זידלװאָרט און האָט זיך תּיכּף אָפּגעדאַקט, האָט זיך אַזױ װי צו-
נױפֿגעקנײלט און האָט זיך צוגעזעצט, קענטיק, אױך דערדריקט פֿון

דער גייסטיקער דראַמע, וואָס האָט זיך איפּגעוויקלט פאַר אים, וואָס ניט פאַרשטיין זי — האָט ער שוין איצטער ניט געקענט.

— עי איר! מע שרייט האָך צו אייך! איר זייט טויב געוואָרן, צי וואָס? — האָט זיך איבערן טייך געטראָגן סילאַן פּעטראָווס שטימע. — וואָס איז דאָרטן ביי אייך? וואָס בילט איר? אַ־עי! משמעות, אַז סילאַן פּעטראָוון איז געפעלן געוואָרן צו הישן אויפן טייך אין דעם שווערן שווייגן מיט זיין דיקן און שטאַרקן באַס, וואָס איז געווען פול מיט מעכטיקער געזונטקייט. די געשרייען האָבן זיך צוגעגאָסן איינער נאָכן אַנדערן און האָבן צעטרייסלט די וואַרעמע און פייכטע לופט און דערדריקט מיט זייער לעבנסקראַפט מיטריס אויסגעצערטע פיגור, וואָס איז שוין ווידער געשטאַנען לעבן רודער. ענטפערנדיק דעם באַלעבאָס מיטן גאַנצן כוח, האָט סערגעי אין דערזועלבער צייט געזידלט אים מיט אַ שטילן קול, מיט שאַרפע געפעפערטע רוסישע ווידלערייען. צוויי שטימען האָבן געריסן די שטילקייט פון דער נאַכט, האָבן זי געוועקט, איבערגעטרייסלט און דאָ צונויפגענאָסן זיך אין איין גערייכטער נאָטע, וואָס איז געווען זאַפטיק, ווי אַ קלאַנג פון אַ גרויסן קופּערנעם טרומייט, דאָ אויפגעהויבן זיך ביז אַ פּאַלעצע, זיינען זיי געשוואומען אין דער לופטן, האָבן זיך געלאָשן און זיינען אַוועקגעקומען. דערנאָך — איז ווידער געוואָרן שטיל.

דורך דעם שפּאַלט פון די וואָלקנס זיינען אויף דעם טונקעלן וואַסער געפאַלן געלע פלעקן פון די לבנה־שטראַלן און, אַ פינקל געטאָן ביי אַ מינוט, זיינען זיי פאַרשוואונדן, אָפּגעמעקט געוואָרן דורך דער פייכטער פינסטערניש.

די פליטן זיינען געשוואומען ווייטער אין פינסטערניש און אין שווייגן.

2

ביי איינעם פון די פאָדערשטע רודערס איז געשטאַנען סילאַן פּעטראָוו, אין אַ ברייטער רויטער העמד מיט אַן אָפּגעשפּילעטן קאָלנער, וואָס האָט אַנטבלויזט זיין מעכטיקע האַלז און די האָריקע ברוסט, וואָס איז געווען פעסט, ווי אַ קאָוואַדלע. די טשופּרינע גרויע האָר איז אים אַראָפּגעהאַנגען איבערן שטערן, און פון אונ־

טער איר האָבן אַרויסגעשמייכלט גרויסע, הייסע, ברוינע אויגן. די העמד־אַרבל, וואָס זיינען געווען פאַרקאַשערט ביזן איילנבויגן, האָבן אַנטבלויזט די וואָרעדיקע הענט, וואָס האָבן פעסט געהאַלטן דעם רודער, און אַרויסרוקנדיק זיך אַ ביסל מיטן קערפּער פאָראויס, האָט סילאַן עפּעס שאַרף באַטראַכט אין דער ווייטער געדיכטער פינס־טערניש.

מאַרקע איז געשטאַנען אַ טריט דריי פון אים, מיט דער זייט צו דעם וואַסער־שטראָם, און האָט מיט אַ שמייכל געקוקט אויף דער ברייטברוסטיקער פיגור פון איר געליבטן.ביידע האָבן געשוויגן, פאַרנומען מיט באַאָבאַכטן: ער — די ווייטקייט, זי — די שפּיל פון זיין לעבעדיקן, בערדיקן געזיכט.

— קענטיק, אַ פישער־שייטער! — האָט ער זיך אומגעקערט צו איר מיטן געזיכט. — ס'איז גאָרנישט. מירן האַלטן גלייך! — אָ־אָך! — האָט ער אַרויסגעטעמט פון זיך אַ גאַנצן זייל הייסע לופט און האָט גלייכמעסיק אַ זעץ געטאָן מיטן רודער לינקס און האָט מעכטיק געפירט מיט אים איבערן וואַסער.

— שטרענג זיך ניט אָן שטאַרק, מאַשורקע! — האָט ער באַ־מערקט, זעענדיק, ווי זי מאַכט אויך אַ געשיקטע באַוועגונג מיט איר רודער.

אַ קיילעכיטשקע, אַ פולע, מיט שוואַרצע רירעוודיקע אויגן און מיט אַ פאַררייטלטער באַק, אַ באָרוועסע, מיט אַ פייכטן פאַרטעך, וואָס איז צוגעשטאַנען צו איר לייב, — האָט זי זיך אומגעקערט צו סילאַנען מיטן געזיכט און, שמייכלענדיק ליבלעך, האָט זי געזאָגט:

— שוין צופיל היטסטו מיך. דאַכט זיך, דאַנקען גאָט!

· איך שווער דיר — איך היט ניט! — האָט סילאַן אַ צי־געטאָן מיט די אַקסלען.

— און מע דאַרף טאָקע ניט! — האָט זי אַרויספאָדערנדיק צוגעפּליסטערט.

זיי זיינען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן און באַקוקט איינע די אַנ־דערע מיט האָרשטיקע בליקן.

אונטער די פליטן האָט דאָס וואַסער פאַרקלערט געמורמלט. פון דער רעכטער זייט, ערגעץ־ווייט, האָבן הענער געקרייט.

וויגנדיק זיך קוים אונטער די פיס, זיינען די פליטן געשוואו־מען פאראויס, אהין, וואו די פינסטערנישו איז שוין געוואָרן שיטער און איז צערונען געוואָרן, און די וואָלקנס האָבן באַקומען שאַרפערע קאָנטורן און ליכטיקע טענער.

— סילאַן פעטראָוויטש! די ווייסט, וואָס זיי האָבן דאָרטן געקוויטשעט? איך ווייס, אויף מיין וואָרט, איך ווייס! דאָס האָט זיך מיטרי געקלאָגט אויף אונז פאַר סעריאָזשקען, און האָט עס אַזוי געיאָמערט אויס עגמת־נפש, און סעריאָזשקע האָט אונז געזידלט.

מאַריע האָט מיט פאָרשנדיקע בליקן איינגעגעסן זיך אין סילאַנס געזיכט, וואָס איז איצט, נאָך אירע ווערטער — געווען שטרענג און עקשנותדיק־קאַלט.

— ג.', איז וואָס? — האָט ער קורץ געפרעגט.

— אָט סתם אַזוי. גאָרנישט.

— אַז גאָרנישט, דאַרף מען ניט ריידן.

— אָבער זיי ניט אין כעס!

— אויף דיר? ווען כ'וואָלט אפילו אַמאָל יאָ געוואָלט, בין איך עס אויך ניט בכוח.

— די האָבסט ליב מאַשקען? — האָט זי, אָנבייגנדיק זיך צו אים, שטיפעריש אַ שעפטשע געטאָן.

— ע־עך! — האָט סילאַן אויסדרוקפול אַ קרעכץ געטאָן און, אויסשטרעקנדיק צו איר זיינע קרעפטיקע הענט, האָט ער דורך די ציינער געזאָגט:

— גיי, ווייס איך... רייץ ניט...

זי האָט זיך אויסגעבויגן ווי אַ קאַץ און האָט זיך צו אים ווייך געטוליעט.

מיר וועלן ווידער צונויפשטויסן די פליטן! — האָט ער געשעפטשעט און האָט געקושט איר געזיכט, וואָס האָט געברענט אונטער זיינע ליפן.

ט'זיין גענוג! ס'טאָגט... מע זעט אונז פון יענעם ברעג. און אַ בייג געטאָן דעם קאָפ אויף דעם הינטערשטן טייל פון די פליטן, האָט זי זיך געפרווט אָפשטויסן פון אים. נאָר ער האָט

זי נאָך פעסטער צוגעדריקט מיט איין האַנט, און מיט דער צווייטער האָט ער אָנגענומען דעם שטייערראָדער.

— מע זעט? זאָל מען זען! זאָלן אַלע זען! איך שפּיי אויף אַלעמען! כ'באַווײַ טאַקע אַ זינד. אמת... נו איז וואָס? וועל איך ענטפערן פאַר גאָט. אָבער זיין ווייב ביסטו פאָרט ניט געווען. הייסט עס, דו ביסט אַ פרייע, ביסט בלויז דיינע... ס'איז אים שווער? כ'ווייס. און מיר? און ליב האָבן די שנור איז דען וואויל? הגם, הייסט עס, דו ביסט ניט זיינע קיין ווייב... אָבער דאָך! מיט מיין אָנזען — ווי איז מיר איצטער? און פאַר גאָט איז דען ניט קיין זינד? אַ זינד! אַלץ ווייס איך! און אויף אַלץ האָב איך איבער געווען. ווייל — ס'איז כדאי! איינמאָל לעבט מען אויף דער וועלט, און יעדן טאָג קען מען שטאַרבן. עך, מאַריאַ! איין חודש ווען איך וואָלט צוגעוואַרט און חתונה געמאַכט מיטקען! ס'וואָלט קיין זאַך ניט געשען. גלייך נאָך אַנפיסעם טויט וואָלט איך צו דיר באַדאַרפט שיקן שדכנים — און פאַטיק! לויטן דין. אָן זינד, אָן חרפה. ס'איז מיין טעות געווען. נאָגט מיך דער דאָזיקער טעות שוין אַ יאָר פינף-צען. קענסט פון אים שטאַרבן נאָך איידער דער טויט וועט קומען...

— נו, גוט, זאָל זיין גענוג, באַאומרויק זיך ניט. מע האָט שוין וועגן דעם ניט איינמאָל גערעדט, — האָט מאַריע אַרויסגעפּליסטערט און, שטיל אַרויסבאַפרייענדיק זיך פון זיינע אָרעמס, איז זי צוגעגאַנגען צו איר רודער. ער האָט גענומען אַרבעטן מיט הייץ און שטאַרק, גלייך ער וואָלט וועלן געבן אַן אויסוועג יענער שווערקייט, וואָס האָט זיך געלייגט אויף זיין ברוסט און האָט פאַרפינסטערט זיין שיין געזיכט.

ס'האָט געטאָגט.

זיין ווערנדיק אַלץ שיטערער, זיינען זיך די וואָלקנס צעקראָכן איבערן הימל, גלייך זיי וואָלטן ניט געוואָלט געבן אַן אָרט דער אויפגייענדיקער זון. דאָס וואַסער פון טייך איז געוואָרן העל און האָט באַקומען אַ קאַלטן גלאַנץ פון מאַטן שטאָל.

— ער האָט אַנוסטן ווידער זיך געהאַט צעשמועסט. טאַטע, זאָגט ער, ס'איז דען ניט מיאוס פאַר דיר און פאַר מיר? לאָז זי אָפּ-

דיך הייסט עס, — האָט סיראַן פּעטראָוו געשמייכלט, — לאָז זי אָפּ, כאַפּ ניט אַריבער די מאָס. מיין ליבער זון, טרעט אָפּ, אויב דו ווילסט לעבן! כ'וועל צערייסן אויף שטיקלעך, ווי אַ צעפוילטע שמאַטע. פון דיינע מידות טובות וועט גאָרנישט ניט בלייבן. אויף צרות, אַזוי צו זאָגן, האָב איך דיך געבוירן, אַ בעל־מום. טרייסלט ער זיך: טאַטע! בין איך דען, זאָגט ער, בין איך דען שולדיק? ביסט שולדיק, פּיסקאַטער מוק, — ווייל דו ביסט אַ שטיין אויף מיין וועג. ביסט שולדיק דערפאַר, ווייל דו קענסט ניט באַשטיין פאַר זיך. דו ביסט, פאַרשטייסטו מיך, אַ בר־מינן, אַ צעפוילטע נבלה. ווען דו וואָלסט, פאַרשטייסטו מיך, געווען געזונט, וואָלט מען דיך כאָטש געקענט דערהרגענען, אָבער אַזוי, קען מען אַפילו דאָס אויך ניט. אַ רחמנות אויף דיר, דו אומגליקלעכער טיוול? יאָמערט ער! — עך, מאַריע! די מענשן זיינען געוואָרן שלעכט! אַן אַנדערער וואָלט — ע־עכמאַ! וואָלט זיך שנעל אַרויסבאַפרייט פון דעם תליה־שלייף. און מיר — שטעקן אין אים! יאָ, אפשר וועלן מיר טאַקע אַזוי איינע די אַנדערע פאַרציען.

— וועגן וואָס רעדסטו עס? — האָט מאַריע שעמעוודיק געפרעגט און האָט געקוקט מיט שרעק אויף אים, דעם שטרענגן, מעכטיקן און קאַלטן.

— סתם אַזוי... ווען ער וואָלט געשטאָרבן... אָט־וואָס. ווען ער וואָלט געשטאָרבן... וואָלט געווען אַ חכמה! וואָלט אַלץ אַריינגעשפּרונגען צוריק אין די ראַמען. כ'וואָלט דיינקע אָפּגעגעבן די ערד, וואָלט זיי פאַרשטאָפּט די האַלז, און מיט דיר — גלייך, אין סיביר... אָדער אויף קובאַן! ווער איז זי? מיין ווייב? פאַרשטאַנען? מיר וואָלטן געקראָגן אַזאַ דאָקומענט... אַ פּאַפּיר. מיר וואָלטן ערגעץ אין אַ דאָרף אַ קרעמל געעפנט. און וואָלטן זיך געלעבט. און וואָלטן אונזער זינד מכפר געווען פאַר גאָט. אַ סך דאַרפן מיר דען האָבן? וואָלטן געהאָלפן מענטשן צו לעבן, און זיי וואָלטן אונז געהאָלפן צו באַרויקן דאָס געוויסן... גוט? אַ? מאַשע?!..

— יאָ־יאָ! — האָט זי אָפּגעזיפצט און, פעסט פאַרשמורעט די אויגן, האָט זי זיך וועגן עפּעס פאַרטראַכט.

— זיי האָבן געשוויגן אַ ווײַלע... דאָס וואַסער האָט גע־שטרעמלט...

— ער איז אַן אויסגעצערטער... ער וועט, אפֿשר, איינגיכן שטאַרבן, — האָט סילאַן פּעטראָוו געזאָגט מיט אַ פֿאַרשטיקטן קול.

— הלוואי, רבונו־של־עולם, וואָס גיכער! — האָט תּפֿילהדיק אַרויסגערעדט מאַריע און האָט זיך איבערגעצלמט.

. . . . . . . . . . . . .

ס'האָבן זיך צעשפּרייט די שטראַלן פֿון דער פֿרילינגס־זון און האָבן זיך צעשפּילט אויפֿן וואַסער אַזוי ווי גאָלד אין אַ רעגן־בויגן. ס'האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינט, אַלץ האָט אַ ציטער גע־טאָן, האָט אָפּגעלעבט און זיך צעלאַכט. דער בלויער הימל צווישן די וואָלקנס האָט אויך געשמייכלט אין דעם וואַסער, וואָס איז געווען באַצירט מיט זון. און די וואָלקנס זײַנען שוין פֿאַרבליבן הינטער די פּליטן.

צונויפֿקלײַבנדיק זיך אין אַ שווערער פֿינצטערער מאַסע, זײַנען זיי דאָרטן מיט איבערלייגונג געשטאַנען אומבאַוועגלעך איבער דעם ברייטן טײַך, גלײַך זיי וואָלטן זיך אויסגעקליבן אַ וועג, מיט וועלכן מע זאָל גיכער קענען אַוועקגיין פֿון דער לעבעדיקער פֿרילינגס־זון, וואָס איז רײַך מיט גלאַנץ און פֿרייד און איז זיי אַ שונא, זיי, די מוטערס פֿון די ווינטערדיקע זאַווערוכעס, וואָס האָבן פֿאַרשפּעטיקט אָפּצוטרעטן דעם פּלאַץ פֿאַר דעם פֿרילינג.

פֿאַר די פּליטן האָט געשײַנט אַ זיבערער, לויטערער הימל, און די זון, נאָך אַ קאַלטע, אַזוי ווי אויפֿן פֿרימאָרגן, נאָר אומדער־טרעגלעך העל, אַזוי ווי אום פֿרילינג, איז האָפֿערדיק און שיין אויפֿגע־שטיגן אַלץ העכער און העכער אין דעם בלויען הימל־מדבר פֿון די פּורפּור־גאָלדענע כוואַליעס פֿונם טײַך אַפֿער.

רעכטס פֿון די פּליטן האָט זיך געזען דער ברוינער באַרגיקער ברעג באַצוימט מיט אַ גרינעם וואַלד, לינקס — האָט דער בלאַס־שמאַראַגדענער טעפּעך פֿון די לאָנקעס געשעמערירט מיט טוי־בריליאַנטן.

אין דער לופטן האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד — דער זאַפטיקער ריח פון דעם ערשט געבוירענעם גראָז און דער פעכטיקער אַראָמאַט פון די נאָדל־ביימער.

סילאַן פעטראָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף די הינטערשטע רידערס.

סערגעי און מיטרי זיינען אַזוי ווי צוגעוואַקסן געוואָרן צו זיי. נאָר איבער דער ווייטקייט איז נאָך געווען שווער צו זען דעם אויסדרוק פון זייערע פנימער.

ער האָט אָפּגעווענדט זיין בליק אויף מאַריען.

איר איז געווען קאַלט. שטייענדיק ביים רידער, האָט זי זיך צונויפגעדרייט אין אַ קניילכל און איז געוואָרן אינגאַנצן קיילאַכיק. באַגאָסן מיט זון, האָט זי געקוקט פאָראויס מיט פאַרטראַכטע בליקן, און אין אירע אויגן האָט געשפילט יענער רעטענישפולער און באַצייבערנדיקער שמייכל, וואָס מאַכט אַפילו ניט קיין שיינע פרוי פאַר באַצייבערנדיק און באַגערנדיק.

— קוקט מיט ביידע אויגן, קינדערלעך! אָ—אָ!... — האָט סילאַן פעטראָוו אַ הינער געטאָן מיטן גאַנצן כוח און האָט דערשפירט אַ מעכטיקן צופלוס פון מונטערקייט אין זיין ברוסט.

און פון זיין געשריי האָט זיך אַלץ אַרום אַזוי ווי אַ וויג געטאָן. איבער דעם באַרגיקן ברעג האָט לאַנג אָפגעהילכט דער עכאָ.

# אַ מעשה מיט קליאַמרעלעך.

געווען זײַנען מיר דרײַ גוטע פריינד — סיאָמקאַ קאַרגוז, איך און מישקע דער בערדיקער גיגאַנט מיט די גרויסע בלויע אויגן, וואָס האָבן איביק צו אַלץ געשמייכלט און זײַנען איביק געווען געשוואָלן פון שיכּרות. געוואוינט האָבן מיר אין פעלד, הינטערן שטאָט, אין אַן אַלטן האַלב אײַנגעפאַלענעם בנין, וואָס האָט זיך צוליב־עפּעס גערופן „גלאָזפאַבריק", — אפשר דערפאַר, ווײַל אין זײַנע פענצטער איז ניט געווען קיין איין גאַנצע שויב, — און האָבן געטאָן כּלערליי מלאכות, זיך מיט קיין זאַך ניט געמיאוסט: געריינִיקט הויפן, געגראָבן גראָבנס, קעלערס, מיסטגריבער, פונאַנדערגענומען אַלטע בנינים און פּאַרקאַנעס און איינמאָל געפּרוווט אַפילו אויפבויען אַ הינער־שטײַג. נאָר דאָס איז אונז ניט געלונגען — סיאָמקע, וואָס האָט זיך שטענדיק באַצויגן פּעדאַנטיש־ערנסט צו די פליכטן, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, האָט געצווייפלט, צי מיר זײַנען באַקאַנט מיט דער אַרכיטעקטור פון הינער־שטײַגן, און איינמאָל אין האַלבן טאָג, בעת מיר האָבן גערוט, האָט ער גענומען און אַוועקגעטראָגן אין שענק אַרײַן די נעגל, וואָס מע האָט אונז אַרויסגעגעבן, צוויי נײַע ברעטלעך און דעם באַלעבאָס האַק. דערפאַר האָט מען אונז דורכגעטריבן פון דער אַרבעט; הגם, ווי נעמען איז בײַ אונז ניט געווען וואָס — האָט מען צו אונז ניט געהאַט קיין שום טענות, מיר זאָלן באַצאָלן פאַר דעם היזק, וואָס מיר האָבן אָנגעמאַכט. מיר האָבן זיך קוים דורכגעלעבט מיט ברויט און וואַסער און אַלע דרײַ זײַנען מיר געווען אומצופרידן מיט אונזער גורל, וואָס אין אַזאַ לאַגע איז עס פולקום

נאַטירלעך און געזעצלעך: טיילמאָל האָט די אומצופֿרידנקייט אָנגענומען אַ שאַרפֿע פֿאָרם, און דעמאָלט האָט זי אַרויסגערופֿן ביי אונז אַ פֿיינדלעך געפֿיל צו אַלץ, וואָס האָט אונז אַרומגערינגלט, און האָט אונז גערייצט צו העלדישע מעשים, וואָס זיינען געווען סקאַנדאַליעז און זיינען געווען פֿאַראויסגעזען אין די „געזעצן וועגן שטראָפֿן, וואָס ס'ווערן אַרויפֿגעלייגט דורך די פֿרידנסריכטער". נאָר בכלל זיינען מיר געווען מעלאַנכאָליש טעמפּ, פֿאַרנומען מיט דאגת־פּרנסה, און האָבן זייער שלעכט רעאַגירט אויף די אַלע איינדרוקן פֿון דעם לעבעדיקן לעבן, פֿון וועלכן מיר האָבן גאָרנישט ניט געקענט געניסן.

מיר האָבן זיך אַלע דריי באַגעגנט אין דער נאַכט־היים מיט אַ וואָכן צוויי פֿאַר דער פּאַסירונג, וועגן וועלכער איך וויל דאָ דערציילן, ווייל איך האַלט זי פֿאַר אינטערעסאַנט.

אין צוויי־דריי טעג אַרום זיינען מיר שוין געווען פֿריינד, ד. ה. מיר זיינען געגאַנגען אומעטום צוזאַמען, האָבן איינע די אַנדערע פֿאַרטרויט אונזערע פּלענער און פֿאַרלאַנגען, האָבן זיך געטיילט אויף גלייך מיט אַלץ, וואָס איז צוגעפֿאַלן עמעצן פֿון אונז, און האָבן בכלל געשלאָסן צווישן זיך אַ שטומען בונד צו פֿאַרטיידיקן זיך און אָנצוגרייפֿן דאָס לעבן, וואָס איז זיך מיט אונז באַגאַנגען העכסט פֿיינדלעך.

אין משך פֿון דעם טאָג האָבן מיר זייער פֿלייסיק געזוכט אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרדינען וואָס־ניט־איז, צו צעזעגן, אויסצוגראָבן, אַריבערצושלעפּן, און ווען אַזאַ מעגלעכקייט האָט זיך געמאַכט, האָבן מיר זיך תּחילת גענג פֿלייסיק גענומען צו דער אַרבעט.

נאָר דערפֿאַר, משמעות, וואָס יעדערער פֿון אונז האָט ביי זיך געהאַלטן, אַז ער איז באַשטימט צו אַ סך העכערע פֿונקציעס, ווי, למשל, צו גראָבן מיסטגריבער אָדער ריייניקן זיי, — וואָס איז נאָך ערגער, גיב איך צו פֿאַר די אומבאַהאַוונטע אין דעם דאָזיקן ענין — האָט אונז אין אַ פּאָר שעה אַרום די אַרבעט איבערגעהערט צו געפֿעלן. דערנאָך האָט סאָמקע אָנגעהויבן צו צווייפֿלען אין איר נייטיקייט פֿאַרן לעבן.

— מע גראַבט אַ גרוב... און צוליב־וואָס? צוליב די פּאַמיעס. און אַז מע זאָל פּשוט אַזוי אויסגיסן אויפן הויף? טאָר מען ניט. מע טאָר ניט, זעסט. ס'וועט, הייסט עס, זיין אַ גערוך. אַהאַ! די פּאַמיעס וועלן אַרויסגעבן אַ גערוך! מע וועט אויך זאָגן, אַז דאָס איז פון ליידיק גיין. וואַרף אַרויס, למשל, אַ געזאַלצענע אוגערקע — וואָס פאַר אַ גערוך וועט זי אַרויסגעבן, אַז זי איז אַ קליינע? זי וועט אָפּליגן אַ טאָג — און ניטאָ זי... צעפוילט געוואָרן. אָט, ווען מע זאָל אַ טויטן מענטשן אַרויסוואַרפן אויף דער זון, וועט ער ווירקלעך אַרויסגעבן אַ גערוך, ווייל — ס'איז אַ גרויסע פּאַסקודסטווע.

די דאָזיקע סענטענציעס סיאָמקעס האָבן שטאַרק אָפּגעקילט אונזער אַרבעטס־היץ... און דאָס איז פאַר אונז געווען גענוג. באַקוועם, אויב די אַרבעט פלעגט גענומען ווערן פון טאָג, נאָר ווען מען פלעגט זיך באַדינגען פאַר דער גאַנצער אַרבעט, פלעגט שטענדיק אויסקומען אַזוי, אַז דעם לוין פלעגן מיר אָפּנעמען און אויפעסן פריער, איידער די אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן. דעמאָלט פלעגן מיר אַוועק צום באַלעבאָס בעטן אַ „הוספה“; דער באַלעבאָס אָבער פלעגט אין דאָס רוב פאַלן אַרויסטרייבן אונז און פלעגט אונז דראָען, אַז ער וועט אונז צווינגען מיט דער הילף פון פּאָליציי צו פאַרענדיקן די אַרבעט, פאַר וועלכע ער האָט שוין באַצאָלט. מיר האָבן דערווידערט, אַז הונגעריקערהייט קענען מיר ניט אַרבעטן, און זיינען מיט אויפרעגונג מער אָדער ווייניקער פעסט באַשטאַנען אויף דער הוספה, וואָס מיר האָבן טאַקע דאָס רוב באַקומען.

געוויינטלעך, איז דאָס געווען ניט אָנשטענדיק, נאָר דערפאַר איז עס, ווירקלעך, געווען זייער באַקוועם, און אונז גייט ניט אָן, אויב דאָס לעבן איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַזוי ניט ריכטיק, אַז די אָנשטענדיקייט פון דעם טאַט שטייט כמעט שטענדיק אין סתירה צו זיין באַקוועמלעכקייט.

צו אונטערהאַנדלען מיט די אַרבעטסגעבער האָט שטענדיק אויף זיך גענומען סיאָמקע און האָט זיי, באמת, געפירט ממזריש־געשייט. האָט דערוויזן זיין גערעכטיקייט מיט אַ טאָן פון אַ מענטשן, וואָס איז אויסגעמאַטערט פון דער אַרבעט און פאַלט אונטער איר לאַסט...

און מישקע האָט געקוקט, געשוויגן און געקלאַפּט מיט זיינע

בלייע אויגן, און נאָכאַנאַנד געשמייכלט מיט אַ גוטן, באַרויִקנדיקן שמייכל, גלייך ער וואָלט זיך געפּרוּווט עפּעס זאָגן און ניט געפינען אין זיך קיין אַנטשלאָסנקייט. ער האָט בכלל זייער ווייניק גערעדט, בלויז שיכורדהייט איז ער געווען פעיִק צו האַלטן עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך געווען אויף אַ ספּיטש.

— ברידער מיינע! — פלעגט ער דעמאָלט שמייכלענדיקערהייט אויסשרייען, און דערביי פלעגן זיינע ליפּן מאָדנע אויפציטערן, און האַלז פלעגט אים נעמען רייסן און ער פלעגט אַ געוויסע צייט נאָכן אָנהייבן די רעדע הוסטן און צוקוועטשן די האַלז מיט דער האַנט...

— נ-נו? — פלעגט סיאָמקע מיט פאַרדראָס און אומגעדולד אים צוגעבן היץ.

— ברידער מיינע! מיר לעבן, אַזוי ווי הינט... און אַפילו ערגער נאָך ווי הינט... און פאַרוואָס? ווייסן מיר ניט. נאָר מע דאַרף אָננעמען, אַז גאָטס ווילן איז אַזוי. אַלץ ווערט געטאָן לויט זיין ווילן... אַ, ברידער? נו, אָט... הייסט עס, זיינען מיר ווערט די הינטישע לאַגע, ווייל מיר זיינען שלעכטע מענטשן. מיר זיינען שלעכטע מענטשן, אַ? נו, אָט... זאָג איך דאָס איצטער: זייער רעכט אויף אונז, הינט. איך זאָג ריכטיק? קומט אויס, אַז דאָס איז פאַר אונזערע מעשים. הייסט עס, אַז מיר דאַרפן פאַרטראָגן אונזער גורל... אַ? ריכטיק?

— שוטה! — פלעגט סיאָמקע קורץ און גלייכגילטיק ענטפערן אויף די אומרויִקע און פאָרשנדיקע פראַגעס פון דעם חבר.

און יענער האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט מיט אַ פאַראומשולדיקטער מינע, האָט שעמעוודיק געשמייכלט און האָט געשוויגן, פינטלענדיק מיט די אויגן, וואָס האָבן זיך געקלעפּט פון שיכרות.

איינמאָל האָט אונז אָפּגעגאָלטן.

וואַרטנדיק אויף אַרבעט, האָבן מיר זיך געטויטשעט אויפן מאַרק און האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קליינער, דאַרער אַלטיטשקער מיט אַ צעקנייטשטן און שטרענג געזיכט. דער קאָפּ האָט זיך ביי איר געטרייסלט, און אויף דעם סאָווע-נאָז האָבן אַרומגעטאַנצט גרויסע ברילן אין אַ שווערער זילבערנער איינפאַסונג; זי האָט זיי שטענ-

דיק צורעכט געמאַכט און געפינקלט דערביי מיט די קליינינקע, טרוקן גלאַנצנדיקע אייגלעך.

— וואָס — איר זייט פריי? איר זוכט אַרבעט? — האָט זי ביי אונז געפרעגט, בעת מיר האָבן אַלע דריי מיט געלוסטונג אויסגעשטעלט אויף איר די אויגן.

— גוט, — האָט זי געזאָגט, באַקומענדיק פון סיאָמקען אַ ווערדיקן און אַ פּאָזיטיוון ענטפער. — אָט איך דאַרף מע זאָל מיר צעוואַרפן די אַלטע באָד און אויסרייניקן דעם ברונעם... וויפל וואָלט איר דערפאַר גענומען?

— מע דאַרף, האַרינטע, אַ קוק טאָן פון וואָס פאַר אַ גרייס זיינען זיי, ד. ה. אַייער בעדל... — האָט סיאָמקע געזאָגט העפלעך און פאַרנינפטיק. — און דער ברונער ווידער... איז פאַראַן פאַרשיידענע. טיילמאָל זייער טיפע...

מע האָט אונז איינגעלאַדן אַ קוק צו טאָן, און, אָננעמענדיק זיך פאַר פינף רובל צו צעוואַרפן די באָד און אויסצורייניקן דעם ברונעם, האָבן מיר שוין אין אַ שעה אַרום, באַוואָפנט מיט העק און מיט דרענגער, בריהש געקייקלט די קראָקוועס פון דער באָד. די באָד איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון אַן אַלטן פאַרלאָזענעם גאָרטן. ניט ווייט פון איר איז אין די קוסטעס פון דעם קאַרשנבוים געשטאַנען אַן אַלטאַנע, און פון דער סטעליע פון דער באָד האָבן מיר געזען, ווי די אַלטיטשקע זיצט אין דער אַלטאַנע אויף אַ בענקל און, האַלטנדיק אויף די קני אַ גרויס געעפנט בוך, האָט זי אין אים אויפמערקזאַם געלייענט... טיילמאָל האָט זי געוואָרפן אין אונזער זייט אַן אויפמערקזאַמען און שאַרפן בליק, דאָס בוך אויף אירע קני האָט זיך געוויגט, און אויף דער זון האָבן געבלאַנקט אירע מאַסיווע, קענטיק זילבערנע קליאַמרעס..

ניטאָ קיין לעבעדיקערע אַרבעט, ווי די אַרבעט פון צעשטערן...

מיר האָבן זיך פלייסיק געעסקט אין די קנילן טרוקענעם און בייסיקן שטויב, ניסנדיק אַלע מינוט, הוסטנדיק, שנייצנדיק די נאָז און ווישנדיק די אויגן; די באָד האָט געפּלאַצט און זיך צעשאָטן, אַ האַלב צעפוילטע און אַן אַלטע, ווי איר באַלעבאָסטע...

— אַני, לייגט זיך אָן, חברים, אַלע צוזאַמען! — האָט סיאָמקע געקאָמאַנדעוועט, און איין ריי קלעצער נאָך דער אַנדערער איז, קרעכצנדיק, געפאַלן אויף דער ערד.

— וואָס פאַר אַ בוך קען דאָס ביי איר זיין? אַ שטאַרק דיקס אַזאַ, — האָט מישקע, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ דראָנג און אָפּווישנדיק מיט דער דלאָניע דעם שווייס פון געזיכט, געפרעגט פאַרטראַכטערהייט. פאַרוואַנדלט זיך כהרף־עין אין אַ מלאַט, האָט ער אָנגעשפּיגן אויף די הענט, האָט זיך צעוויגט מיט דעם דראָנג, וועלנדיק אים אַריינזעצן אין אַ שפּאַלט צווישן די קלעצער, האָט אים אַריינגעזעצט און האָט אויך צוגעגעבן פאַרטראַכט: — זאָל עס זיין אַן עוואַנגעליע — איז עפּעס צו דיק...

— און וואָס אַרט עס דיך? — איז סיאָמקע געוואָרן נייגעריק.

— מיך? גאָרנישט... כ'האָב ליב הערן אַ בוך... אויב נאָר אַ הייליקס... ביי אונז אין דאָרף איז געווען אַן אַפריקאַנער זעלנער, פלעגט טרעפן, אַז ער פלעגט אָנהייבן זאָגן תהילים... פלעגט עס זיין פונקט, ווי אַ פויק וואָלט געשלאָגן... ער האָט געשייט געלייענט!

— נו, איז וואָס? — האָט סיאָמקע, צונויפדרייענדיק אַ פּאַפּיראָס, ווידער געפרעגט....

— גאָרנישט... זעלטן גוט... הגם ס'איז אומפאַרשטענדלעך... דאָך עפּעס פונקט אַזוי ווי... אויפן גאַס וועסטו עס ניט הערן... עס איז אומפאַרשטענדלעך... און דאָך שפּירסטו, אַז דאָס דאָזיקע וואָרט איז פונקט פאַר דער נשמה.

— אומפאַרשטענדלעך, זאָגסטו... און דאָך זעט מען, אַז דו ביסט נאַריש, ווי אַ קאָפּיען אין וואַלד... — האָט סיאָמקע איבערגעמישט דעם חבר.

— פאַרשטייט זיך... שטענדיק זידלסטו זיך... — האָט יענער אָפּגעזיפצט.

— ווי־זשע זאָל מען ריידן מיט נאַראָנים? זיי קענען דען עפּעס פאַרשטיין? אָט די־אָ תורה... אָ־אָ!

די באָר האָט זיך צעשאָטן, אַרומרינגלענדיק זיך מיט שפּלי-טערס און טרינקענדיק זיך אין וואָלקנס שטויב, פון וועלכן די בלע-

טער פֿון די נאָענטע ביימער זיינען שוין גרוי געוואָרן. די יולי-זון האָט ניט געשאַנעוועט אונזערע רוקנס און פּלייצעס און האָט זיי צעפּאַרעט...

— און האָס בוך איז אין זילבער, — האָט מישקע ווידער גענומען ריידן.

סאָמקע האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און האָט דורכדרינגלעך אַ קוק געטאָן אין דער זייט פֿון דער אַלטאַנע.

— ענגלעך, — האָט ער קורץ אַרויסגערעדט.

— הייסט עס, אַ עוואַנגעליע...

— ניי, און אַז אַ עוואַנגעליע... איז וואָס?

— גאָרנישט...

— פֿון דער האָזיקער סחורה האָב איך אַ היבש ביסל. און דו, ווען דו וואָלסט טאַקע ליב געהאַט די הייליקע שריפֿטן, וואָלסטו אַוועק און וואָלסט מיר געזאָגט: לייען מיר אָקאָרשט, באַבעשי. מיר, פֿאַרשטייסטו, האָבן עס ניט פֿונוואַנען צו נעמען... אין קלויסטער גייען מיר ניט צוליב אונזער אומאָנשטענדיקייט און צוליב אונזער שמוץ... און אַ נשמה, פֿאַסט צו זאָגן, האָבן מיר אויך... ווי עס באַדאַרף צו זיין... אויף איר אָרט... כ'לעבן, גיי!

— און אַז איך וועל טאַקע אויף אַן אמת... גיין?

— איז גיי...

מישקע האָט אַוועקגעוואָרפֿן דעם דראָנג, האָט פֿאַרקאַטשעט די העמד, האָט מיט אירע אַרבל צעשמירט דעם שטויב איבערן פּנים און האָט אַ שפּרונג געטאָן פֿון באַר אַרויס אויף אונטן.

— זי וועט דיך פֿאַרטרייבן, די וואַלד-טייוול... — האָט סאָמקע אַ וואָרטשע געטאָן און האָט סקעפּטיש געשמייכלט, נאָר ער האָט מיט גרויס נייגעריקייט באַגלייט די פֿיגור פֿון דעם חבר, וואָס האָט געמאַכט אַ וועג צווישן די מיסט-גראָז צו דער אַלטאַנע. אַ הויכער, אַן איינגעבויגענער, מיט נאַקעטע שמוציקע הענט. שווער וויגנדיק זיך אין גאַנג און פֿאַרטשעפּענדיק די קוסטעס, האָט ער זיך מיט מי באַוועגט פֿאָראויס און האָט פֿאַרשעמט און קורץ געשמייכלט. די אַלטע האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ אַנטקעגן דעם אָנקומענדיקן וואַגאַבונד און האָט אים רויק באַקוקט.

אויף די גלעזלעך פון אירע ברילן און אויף זייער זילבערנער אײַנפאַסונג האָבן געשפּילט די שטראַלן פון דער זון.

זי האָט אים ניט „דורכגעטריבן", טראָץ סיאָמקעס השערה. איבער דעם רויש פון די בלעטער האָבן מיר ניט געהערט, וועגן וואָס מישקע האָט גערעדט מיט דער באַלעבאָסטע: נאָר אָט זעען מיר, אַז ער לאָזט זיך שווער אַראָפּ אויף דער ערד צו דער אַלטערס פיס, אַזוי אַז זיין נאָז רירט כמעט אָן דאָס אָפענע בוך. זיין געזיכט איז סאָליד און רויק; ער — זעען מיר — בלאָזט אין זיין באָרד און פלייסט זיך אַראָפּצוטרייבן פון איר דעם שטויב, ער עסקט זיך עפּעס אין, ענדלעך, זעצט ער זיך אַנידער אין אַ אומגעלומפּערטער פּאָזע; אויסשטרעקנדיק די האַלז פאָראויס און אָבוואַרטנדיק באַקוקט ער די דאַרע קליינע הענט פון דער אַלטער, וואָס קערן מעטאָדיש די בלעטער פונם בוך...

— אָהאָ... די האַריקער כלב!... האָט זיך געמאַכט אַן אָפּרו... קומט — לאָמיר אויך? וואָס איז דאָס עפּעס? ער וועט זיך דאָרטן האָבן פאַרגעניגן, און מיר זאָלן אויף אים האָרעווען. הײַדאַ?

אין צוויי־דריי מינוט אַרום זיינען מיר מיט סיאָמקען אויך געזעסן אויף דער ערד פון ביידע זייטן פון אונזער חבר. די אַלטיטשקע האָט אונז מיט קיין וואָרט ניט באַגעגנט, זי האָט בלויז אַ קוק געטאָן אויף אונז דורכדרינגלעך און טרוקן און האָט ווידער גענומען איבערוואַרפן די בלעטער פונם בוך, און האָט געזוכט אין אים עפּעס... מיר זיינען געזעסן אין אַ ברייטן גרינעם רינג פון פרישע שמעקעדיקע בלעטער, און איבער אונז איז געווען צעשפּרייט אַ צערטלעכער, ווייכער, לויטערער הימל. טיילמאָל איז דורכגעפלויגן אַ ווינטעלע, און די בלעטער האָבן אָנגעהויבן צו שאָרכן מיט יענעם געדיימנישפולן קלאַנג, וואָס מאַכט שטענדיק אַזוי ווייך די נשמה, רופט אַרויס אין איר אַ שטיל, באַרויקנדיק געפיל און צווינגט צו פאַרטראַכטן זיך וועגן אַזוינס, וואָס איז עפּעס אומקלאָר, נאָר איז נאָענט דעם מענטשן, וואָס רייניקט אים אָפּ פון דעם אינעווייניקסטן שמוץ, אָדער צווינגט אים לפּחות, צייטווייליק צו פאַרגעסן אָן אים און אָטעמען פריי און ניי...

— „פאָול, דער קנעכט פון יעזוס קריסטוס..." — האָט זיך דערהערט דער אַלטערס שטימע. זי האָט זקניש געציטערט און האָט איבערגעריסן, נאָר זי איז געווען פול מיט גאָטספאָרכטיקייט און שטרענגער חשיבות. ביי אירע ערשטע קלאַנגען האָט ער זיך מיט פאַרשטענדעניש איבערגעצלמט. סיאָמקע האָט געניטען אַרומטאַנצן איף דער ערד, אויסזוכנדיק אַ מער באַקוועמע פּאָזע. די אַלטיטשקע האָט איף אים אַ וואָרף געטאָן אַ בליק און האָט ניט איפגעהערט צו לייענען.

— איך וויל אייך זייער זען, כדי צו געבן אייך אַ געוויסע גייסטיקע מתנה פאַר אייער טובה וועגן, ד. ה. צו טרייסטן זיך מיט אייך מיט דעם געמיינזאַמען גלויבן, מיט אייערן און מיט מיינעם.

סיאָמקע האָט, ווי אַן עפּטער הייה, הייך אַ גענעץ געטאָן, זיין חבר האָט אַ וואָרף געטאָן איף אים מיט פּאָרוואורף זיינע בלויע אייגן און האָט נידעריק אַראָפּגעלאָזן זיין צעפּולדטן קאָפּ, וואָס איז געווען אינגאַנצן אין שטוב.

די אַלטיטשקע האָט, ניט איפהערנדיק צו לייענען, אויך שטרענג אַ קוק געטאָן איף סיאָמקען, און דאָס האָט אים צעטומלט. ער האָט אַ פיר געטאָן מיט דער נאָז, האָט איבערגעקרימט די אויגן און וועלנדיק, משמעות, פאַרגלעטן דעם איינדרוק פון זיין גענעץ — האָט ער טיף און פרום אַ זיפץ געטאָן.

עטלעכע מינוט איז אַריבער רויק. דאָס פאַרשטענדלעכע און מאָנאָטאָנע לייענען האָבן געווירקט באַרויקנדיק.

„דען גאָטס צאָרן עפנט זיך פון הימל איף יעדעס אומגליק און..."

— וואָס פאַרלאַנגסטו? — האָט די לייענערין פלוצלונג אויסגעשריען איף סיאָמקען.

— גאָ...גאָרנישט! לייענט, זייט מוחל, ווייטער, — איך האָט ער געהאָרכזאַם ערקלערט.

— פאַרוואָס טשעפּעסטו די קלאַמערס מיט דיין שמוציקער לאַפּע. — האָט די אַלטע זיך געבייזערט.

— וייל ס'איז טשיקאַווע... וייל — די אַרבעט איז זעלטן

פּיין. און איך פֿאַרשטיי האָס — איך האָב אַ ידיעה און שלאָ־סעריי... אָט האָב איך עס באַטאַפּט.

— הער! — האָט די אַלטיטשקע טריקן באַפֿילן. — זאָג מיר־וועגן וואָס האָב איך דיר געלייענט?

— האָס — אַדרבא! — איך פֿאַרשטיי דאָך...

— ניי, איז זאָג...

— אַ פּריידיקט... אַ מוסר־השׂכּל, הייסט עס, מכּוח אמונה, און איך מכּוח אומערלעכקייט... גאָר פּשוט און... אַלץ איז ריכטיק! ס'גיט אַזוי אַ צופֿ פֿאַרן האַרצן.

די אַלטיטשקע האָט טרייעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט אונדז אַלעמען באַקוקט מיט פֿאָרוואורף.

— פֿאַרפֿאַלענע... שטיינער זייט איר... גייט אַרבעטן!

— זי איז, הייסט עס... קענטיק, אין כּעס געוואָרן? האָט מישקע מיט אַ פֿאַרשולדיקטן שמייכל דערקלערט.

און סיאָמקע האָט זיך געגעבן אַ קראַץ, האָט אַ גענעץ געטאָן און, נאָכקוקנדיק נאָך דער באַלעבאָסטע, וואָס איז אַוועק איבער דעם שמאָלן שטעגעלע פֿון גאָרטן און זיך ניט אומגעקוקט, האָט ער פֿאַרקלערטערהייט אַרויסגערעדט:

— די קליאַמערלעך זיינען בײַ דער צדקנית זילבערנע...

און ער האָט זיך צעשמייכלט מיטן גאַנצן פּרצוף, גלייך ער וואָלט פֿון עפּעס פֿאַראויס געהאַט געוואָסן.

איבערגענעכטיקט אינם גאָרטן לעבן די חורבות פֿון באָד, וואָס מיר האָבן פֿאַרן טאָג שוין אינגאַנצן געהאַט צעשטערט, האָבן מיר איך מאָרגן אַרום האַלבן טאָג אויסגערייניקט דעם ברונעם, האָבן זיך אויסגעוויקט אין וואַסער, אײַנגעריכט אין שמוץ און, וואַרטנדיק אויף געצאָלט, זיינען מיר געזעסן אויפֿן הויף לעבן גאַניק, גערעדט איינע מיט די אַנדערע און געמאָלט זיך אַ זאַטן מיטאָג. און אַן אָוונברויט אין דער נאָענטער צוקונפֿט; פֿאַרטראַכטן זיך, ווידער, און אַ מער ווייטערער צייט האָט קיינער פֿון אונדז ניט געהאַט קיין חשק...

— נו, פֿאַרוואָס גייט זי נאָך ניט, די אַלטע מכשפֿה, צו אַלדי

טיוול? — האָט זיך סיאָמקע אומגעדולדיק און מיט אַ האַלבן קול געבייזערט. — געפֿרעגט, צי וואָס?

— אָהאָ, ווי ער זידלט זיך! — האָט מישקע מיט פֿאַרוואָרף אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — און צו וואָס, אַ שטייגער, זידלט ער זיך? די אַלטיטשקע איז אַן אמתער געטלעכער מענטש. און ער זידלט זי. אַ כאַראַקטער אַזאַ ביי אַ מענטשן....

— האָסט שוין באַטראַכט... — האָט זיין חבר געזאָגט איראָניש.— סטראַשידלע... פֿון גאָרטן...

דער אָנגענעמער שמועס פֿון די פֿריינד איז דורך דעם אָנקומען פֿון דער באַלעבאָסטע איבערגעריסן געוואָרן. זי איז צוגעגאַנגען צו אונז און, אויסשטרעקנדיק די האַנט מיט געלט, האָט זי מיט פֿאַראַכטונג געזאָגט:

— נעמט און... טראָגט זיך. כ'האָב אַייך געוואָלט אָפּגעבן די באָד, איר זאָלט זי צעזעגן אויף האָלץ, זייט איר עס אָבער ניט ווערט.

ניט פֿאַרדינט דעם כּבֿוד צו צעזעגן די באָד, וואָס אין דעם האָבן מיר זיך, אַגבֿ, ניט געניטיקט, האָבן מיר שווייגנדיק גענומען דאָס געלט און זיינען אַוועק.

— אַך, דו, אַלטע מכשפֿה! —האָט סיאָמקע אָנגעהויבן ווי נאָר מיר זיינען אַרויס פֿון טויער. — נאַ־דיר גאָר! מיר זיינען ניט ווערט! געפֿרעגטע זשאַבע! אַנו, ריפּע איצט איבער דיין בוך....

אַריינגערוקט די האַנט אין קעשענע, האָט ער פֿון איר אַרויסגעצויגן צוויי גלאַנציקע מעטאַלענע שטיקלעך און האָט זיי אונדז באַוויזן מיט טריומף.

מישקע האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט נייגעריק איבערגעצויגן דעם קאָפּ פֿאָראויס און אינדערהויך צו סיאָמקעס אויפֿגעהויבענער האַנט.

— אָפּגעבראָכן די קליאַמקעלעך? — האָט ער פֿאַרוואונדערט געפֿרעגט...

— זיי זיינען סאַמע... זילבערנע!... אַפֿילו ווער עס דאַרף ניט — וועט געבן אַ רובל.

— אַך, דו! ווען האָסטו עס געפּאַקט? באַהאַלט... פֿון אַ זינד...

— כ'וועל טאַקע באַהאַלטן...

מיר זיינען שווייגנדיק ווייטער געגאַנגען איבערן גאַס.

— געשייט... — האָט מישקע געזאָגט פאַרטראַכט צו זיך אַליין. — גענומען און אָפּגעבראָכן... נ־יאָ... און דאָס בוך איז אַ גוטס... די אַלטע... וועט זיך, וואַרשיינלעך, אויף אונז באַליידיקן...

— ניין... וואָס פאַלט דיר איין! זי וועט נאָך אונז רופן צוריק און וועט נאָך געבן אויף טיי... — האָט סיאָמקע געזוקט.

— און וויפל ווילסטו פאַר זיי?

— דאָס לעצטע — ניין גריוונעס. קיין גראָשן לאָז איך ניט אַראָפּ... ס'קאָסט זיך אַליין טייערער... די זעסט — צעבראָכן אַ בויגל!

— פאַרקויף מיר... — האָט מישקע שעפּטעווידיק געפרעגט.

— דיר? וואָס — די ווילסט זיך איינשאַפן שפּאַנקעס?... קויף, גוטע שפּאָנקעס וועלן אַרויסקומען... שמייכלט אָנגעמאַכטן צו דיין פּרצוף.

— ניין, באמת, פאַרקויף! — און מישקע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם טאָן פון זיין בקשה...

— קויף, זאָג איך... וויפל גיסטו?

— נעם... וויפל קומט דאַרטן אויס אויף מיין חלק?

— אַ רובל מיט צוואַנציק...

— און וויפל ווילסטו פאַר זיי?..

— כ'לעבן, לאָז אַראָפּ... פאַר אַ פריינד!

— יאָלד געבראָטענער! אויף וואָסערע כפרות דאַרפסטו זיי?

— אָבער וואָס אַרט עס דיך, פאַרקויף...

ענדלעך איז דער מסחר געשלאָסן געוואָרן, און די קליאַמערלעך זיינען אַריבער צו מישקען פאַר נייניק קאָפּיקעס.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט זיי גענומען דרייען אין די הענט, אָנגעבויגן דעם פאַטלאַטן קאָפּ און צונויפגעקנייטשט די ברעמען און שאַרף באַטראַכט די צווי שטיקלעך זילבער.

— טשעפּע זיי אָן אויף דער נאָז... — האָט אים סאָמקע געעצהט.

— צו וואָס? — האָט מישקע ערנסט דערווידערט. — כ'וועל זיי אַוועקשלעפּן צו דער אַלטער. אָט, הייסט עס, אַלטיטשקע, האָבן מיר אומגערן פאַרכאַפּט די האָזיקע שטיקלעך, איז... שטעל זיי ווידער... אַוועק אויף זייער אָרט... טאַקע צו יענעם בוך... דו דאַרפסט דאָך זיי אָבער אויסגעריסן מיט די פליש... איז ווי וועט איצטער זיין?

— הי רעכנסט טאַקע, טייוול איינער, אויף אַן אמת אַוועקצו־טראָגן? — האָט סאָמקע פונאַנדערגעעפנט דעם מויל.

— ווי דען?... פאַרשטייסט, אַזאַ בוך... דאַרף מען זען, עס זאָל בלייבן פולקום גאַנץ... אָפּברעכן פון אים פאַרשיידענע שטיקלעך טויג ניט... און די אַלטיטשקע וועט זיך אויך... באַ־לייִדיקן... און זי דאַרף דאָך שוין שטאַרבן... אָט וועל איך, הייסט עס... איר וועט אויף מיר, ברידער, וואַרטן ביי אַ מינוט... און איך קום באַלד צוריק....

און אידער מיר האָבן באַוויזן אים איינצוהאַלטן, איז ער מיט גרויסע טריט פאַרשוואונדן געוואָרן הינטערן ראָג....

— אָט איז עס אַ וואָרעם פון אַ מענטשן! אַ שטיק בלאָטי־קער שליים! — האָט סאָמקע געכעסט, באַנעמענדיק דעם תּוך פון דעם פאַקט און זיינע מעגלעכע רעזולטאַטן.

און איבער יעדן צווייטן וואָרט זיך שרעקלעך געזידלט, האָט ער מיך אָנגעהויבן צו איבערצייגן:

— האַידאַ, שנעל! ער וועט אונז פאַרשיטן.... כ'לעבן, ער מוז שוין איצטער זיצן, מן הסתם, די הענט אויף אַהינטער... און די אַלטע מכשפה האָט שוין געוויס געשיקט נאָך דעם וועכטער!... אָט האָסטו דיר, האָב צו טאָן מיט אַזאַ פּאַסקודניק! נישקשה, ניט פאַר דיינע מעשים־טובים וועט ער דיך אַריינפּאַקן אין טורמע! ניין! אָט איז אַ נידערטרעכטיקער מענטש!? וועלכע געמיינע באַשעפעניש וואָלט זיך אַזוי באַגאַנגען מיט אַ חבר? אַך, גאָט! נו, זיי־נען עס איצט מענטשן אויף. דער וועלט! העי, טייוול, וואָס האָסטו זיך צעלאָזן! דו וואַרטסט? וואַרט, דער טייוול זאָל אייך אַלע־מען כאַפּן, שווינדלער! טפו, פאַרפלוכטע! גייסט ניט? נו, איז....

פֿאַרשפּראָכן מיר עפּעס אומגלויבלעך עקלהאַפֿטס, האָט סיאָמ־קע מיט פֿאַרביטערונג מיר אַ שטויס געטאָן מיט דער פֿויסט אין זייט אַריין און איז שנעל אַוועקגעגאַנגען...

מיר האָט זיך געוואָלט וויסן, וואָס טוט מישקע מיט אונזער געוועזענער באַלעבאָסטע, און איך האָב זיך שטיל געלאָזט גיין צו איר שטוב. איך האָב ניט געטראַכט, אַז איך בין אויסגעשטעלט אויף עפּעס אַ סכּנה אָדער אומאָנגענעמלעכקייט. און איך האָב קיין טעות ניט געהאַט.

צוגייענדיק צום שטוב און צולייגנדיק אַן אויג צו דער שפּאַרונע אין פֿאַרקאַן, האָב איך דערהערט און דערזען בלויז פֿאָלגנדיקס: די אַלטע איז געזעסן אויף די טרעפּלעך פֿון גאַניק, האָט גע־האַלטן אין די הענט די מיט די „פֿלייש אויסגעריסענע" קלאַמערלעך פֿון איר ביכל און דורך די ברילן האָט זי פֿאַרשנדיק און שטרענג גע־קוקט אויף מישקען, וואָס איז געשטאַנען צו איר מיטן רוקן...

ניט געקוקט אויף דעם שטרענגן און טרוקענעם גלאַנץ פֿון אירע שוואַרצע אויגן, האָט זיך אין די ווינקלען פֿון אירע ליפּן געבילדעט אַ ווייכער האַלב־פּאַלב; ס'איז געווען קענטיק, אַז די אַלטע וויל פֿאַרבאַהאַלטן דעם גוטן שמייכל, — דעם שמייכל פֿון פֿאַר־געבונג.

פֿון הינטער דער אַלטערס רוקן האָבן עפּעס געקוקט דריי פּרצופֿים: צוויי פֿרייִשע, איינער אַ רויטער, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ בונט טיכל, דער צווייטער מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ, מיט אַ בעלמע אויף דעם לינקן אויג, און פֿון הינטער אירע פּלייצעס האָט זיך אַרויסגערוקט אַ פֿיזיאָנאָמיע פֿון אַ מאַנסביל, אַ קלינפּאָרמיקע, מיט גרויע באַקן־באַרדן און מיט אַ טשופּרינע אויפֿן קאָפּ... די דאָזיקע פֿיגור האָט רק געפֿינטלט מיט ביידע אויגן, גלייך, זי וואָלט געוואָלט זאָגן מישקען:

— צי אָט, בחור, וואָס שנעלער!

— מישקע האָט געשטאַמלט און האָט געפּרווט ערקלערן:

— ... אַזאַ זעלטן בוך איר, זאָגט ער, זייט אַלע — בהמות און כּלבים... הינט. איך טראַכט טאַקע... גאָט — ס'איז ריכטיק! אַזוי

דאַרף מען זאָגן דעם אמת... מיר זײַנען מגולים און פֿאַרדאַמטע מענטשן... אױסװאָרפֿן. און װידער צוריק טראַכט איך מיר: די האַרינטע — איז אַן אַלטיטשקע, אפֿשר איז דאָס בײַ איר בלױז אַ צײַטפֿאַרטרײַב — װאָס אַט־איז פֿאַראַן אַ בוך — און מער גאָר... איצט מכּות די קלײַאַמרעלעך... אַ סך װעט מען דען פֿאַר זײ געבן? אָבער צו דעם בוך — זײַנען זײ אַ חפֿץ! האָב איך טאַקע אַ טראַכט געטאָן... לאָמיך אָקאָרשט, פֿאַרשטײסטו מיך, דערפֿרײען די הײליקע אַלטיטשקע און אָפּטראָגן איר צוריק דעם חפֿץ... אױסער דעם, האָבן מיר, דאַנקען גאָט, פֿאַרדינט אַ ביסל אױף צום לעבן. דאָט מיר אַ גוטן תּמיד! כ׳װעל שױן גײן.

— װאַרט, — האָט אים די אַלטע אָפּגעשטעלט. — האָסט פֿאַרשטאַנען, װאָס איך האָב נעכטן געלײענט?...

— איך? װי קום איך צו פֿאַרשטײן! כ׳הער טאַקע — דאָס איז ריכטיק... אָבער — װי הער איך? בײַ אונז זײַנען דען פֿאַראַן אױערן פֿאַר גאָטס װאָרט? פֿאַר אונז איז עס ניט פֿאַרשטענדלעך... אַדיע...

— יאָ־יאָ! — האָט די אַלטע אױסגעצױגן. — נײן, װאַרט...

מישקע האָט זיך טרױעריק אָפּגעזיפֿצט איבערן גאַנצן הױף און האָט זיך גענומען טױטשען אױף אײן אָרט, װי אַ בער. די האָזיקע דערקלערונג האָט אים, קענטיק, שװער געדריקט...

— די װילסט, איך זאָל דיר לײענען נאָך?

— ממ... די חבֿרים װאַרטן...

— שפּײַ אױף זײ... ביסט אַ װױלער יונג... װאַרף זײ אַװעק.

— גוט... — האָט מישקע מסכּים געװען.

— װעסט אַװעקװאַרפֿן? יאָ?

— כ׳װעל אַװעקװאַרפֿן...

— נו, אָט... ביסטו אַ חכם!... ביסט אינגאַנצן אַ קינד... און אַ באָרד האָסטו — אָט אַזאַ־אָ... כּמעט ביזן גאַרטל... ביסט אַ באַװײַבטער?

— אַן אַלמן... דאָס װײַב איז געשטאָרבן...

— און פֿאַרװאָס טרינקסטו? ביסטו דאָך אַ שיכּור?

— אַ שיכור... כ'טרינק.

— צו וואָס?

— איך טרינק? אױס נאַרישקײט טרינק איך. כ'בין נאַריש, נו, איז טרינק איך. נאַטירלעך, אױב אַ מענטש וואָלט האָבן שכל... וואָלט ער דען זיך אַלײן געטאָן שאָדן? — האָט מישקע געזאָגט מרה־שחורהדיק.

— האָסט ריכטיק געזאָגט... נו, איז אָט, זאָמל שכל... זאַמל אױף און פאַרריכט זיך... גײ אין קלױסטער.... הער גאָטס וואָרט... אין אים ליגט די גאַנצע חכמה.

— האָס איז אמת... — האָט מישקע כמעט אַ קרעכץ געטאָן.

— און איך וועל דיר נאָך לײענען אַ ביסל... ווילסט?....

— אַדרבא...

די אַלטע האָט פון ערגעץ־וואו הינטער זיך אַרױסגענומען אַ ביכל, האָט זיך אין איר אַ גראַבל געטאָן, און הער הױף האָט זיך צעקלונגען מיט איר ציטעריקן קול:

— „בכן איז ניט צו פאַרגעבן ניט דיר, ניט קײן שום מענטשן, וואָס משפט אַ צװײטן. מחמת מיט דעם זעלבן משפט, וואָס די משפטים אַ צװײטן, פאַרמשפּטסטו זיך אַלײן, װײל משפטנדיק יענעם, טוסטו אַלײן דאָס זעלבע!“

מישקע האָט אַ טרײסל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער לינקער פּלײצע.

— „ניט שױן־זשע, דענקסטו, מענטש, אַז דו וועסט אױסמײדן גאָטס משפט?“

— האַרינטע! — האָט מישקע טרױעריק גענומען רײדן, — כ'בעט אײַך זײער, לאָזט מיך אָפּ... כ'וועל בעסער אַ צװײטן מאָל קומען הערן... און איצט ווילט זיך מיר זײער שטאַרק עסן... און אין בױך פּײַפט מיר אַזױ... פון אָװנט אָן האָבן מיר ניט געגעסן...

די האַרינטע האָט אַ שטאַרקן קלאַפּ געגעבן מיט דעם בוך.

— מאַרש! גײ! — האָט אָפּגעהאַקט און שאַרף אָפּגעקלונגען איבערן הױף...

— מיר דאַנקען געהאָרכזאַם!... — און ער האָט זיך שיר ניט געלאָזט לויפֿן צום טויער....

— נשמות און תשובה...: חיהשע הערצער, האָט נאָך אים נאָכגעציִשעט איבן הויף...

---

אין אַ האַלבע שעה אַרום זיינען מיר געזעסן אין אַ טראַקטיר און געטרונקען טיי מיט בולקע.

— ווי מיט אַן עקבער האָט זי מיך געעקבערט...: — האָט מישקע געזאָגט און צערטלעך צו מיר געשמייכלט מיט זיינע ליבע אויגן.— איך שטיי מיר און טראַכט... אַך, רבונו־של־עולם! צו וואָס בין איך גאָר געגאַנגען? איף צרות בין איך געגאַנגען... אָנשטאָט צו נעמען ביי מיר די קליאַמערלעך און אָפּלאָזן מיך — האָט זי מיט מיר פֿאַרפֿירט אַ שמועס. אָט איז אַ מאָרנע פֿאָלק! דו ווילסט זיך מיט זיי באַגיין מיט יושר, און זיי קערעווען איף זייערס... איך זאָג איר מיטן גאַנצן האַרצן: אָט האָסטו דיר, האַרינטע, דיינע קליאַמערלעך, זיי ניט אין כעס איף מיר... און זי זאָגט: ניין, וואַרט, חי דערציייל אָקאָרשט, צו וואָס האָסטו זיי מיר געבראַכט! און האָט גענומען ציען פון מיר אָדערן... כ׳האָב זיך אַזש באַגאָסן מיט שוויס פון איר געשפּרעך... איף מיין וואָרט.

און ער האָט אַליין געשמייכלט מיט זיין אומענדלעך־זאַנפטן שמייכל...

סיאָמקע, אַן אָנגעבלאָזענער, אַ צעשויבערטער און אַ בייזער, האָט אים ערנסט געזאָגט:

— שטאַרב בעסער, ליבער גולם! אַניט וועלן דיך פליגן אָדער וואַנצן איבעסן מיט די העוויות דיינע...

— נו, נו! דו זאָגסט שוין איינמאָל! קום לאָמיר איבטרינקען צו גלעזעלעך... פֿאַר דעם, וואָס די זאַך האָט זיך גע־ענדיקט!

און מיר האָבן מונטערדיק אויסגעטרונקען צו גלעזלעך פֿאַר דעם ענדיקן זיך פון דעם קריאָזן ענין.

---

# אַ ט ע ו ת.

(עפּיזאָד)

דער דעמיסיאָנירטער לערער, קיריל איוואַנאָוויטש יאַראָסלאַוו-
צעוו, האָט, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דעם עלנבויגן אָן טיש און עגג
צונויפפּרעסנדיק די שלייפן, געקוקט מיט די טעמפּע אויגן אויף
די סטאַטיסטישע קאַרטלעך, וואָס זיינען געלעגן צעשאָטן פאַר
אים, און האָט געפּרוווט אַרויסשטויסן פון זיין מוח, וואָס איז
געווען מיד פון אַרבעט, די פאָרשטעלונג, וואָס מע דאַרף איצט
טאָן מיט די דאָזיקע פּירקאַנטיקע ביגעלעך פּאַפּיר?

דאָס איז אים בשום אופן ניט געלונגען. אין קאָפּ האָט
טויב גערוישט, און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער איז אָנ-
געגאָסן מיט עפּעס אַ געדיכטער און שווערער זאַך, וואָס דריקט
שמערצלעך פון אינעווייניק אויף די אויגן, שטרעבנדיק זיך אַרויס-
צוגיסן אויף דרויסן. די ציפער מיט די קאַרטלעך זיינען דאָ פאַר-
שוואונדן געוואָרן פּלוצלונג, דאָ זיך באַוויזן און האָבן ווידער קאַלט
און טרוקן עדות געזאָגט וועגן עפּעס; טיילמאָל האָבן זיי זיך
פאַרקלענערט ביז פּיצעמאָנציקע צוקעלעך און פּלוצלונג זיינען זיי
ווידער אויסגעוואַקסן אין גרויסע אויסטערלישע און אויסגעדאַרטע
פיגורן. קיריל איוואַנאָוויטש האָט נאָכגעפאָלגט זייער שפּיל און
האָט געשפּירט, אַז ערגעץ טיף אין אים וואַקסט און פאָרמירט
זיך אַ שווערער אומרויקער געדאַנק. דער דאָזיקער געדאַנק איז
נאָך אים ניט געווען קלאָר, נאָר ער וועט אומבאַדינגט ערשיינען,
און דעמאָלט וועט אים זיין נאָך ערגער, ווי איצט.

דן לעצטע צייט האָבן אים די דאָזיקע געדאַנקען, וואָס האָבן

געדריקט אויף דער נשמה, גענומען אַליין מער פּאַפּאָלגן. באַפאַרבנדיק אַליין מיט אַ טונקעלער פאַרב, האָבן זיי, פייכטע און קאַלטע, ווי האַרבסטיקע כמאַרעס, איבערגעלאָזן אויף דער נשמה אַ ראָסט פון קומער און טעמפּער גלייכגילטיקייט צו אַליין. ס'איז געווען עפּעס פאַטאַלס אין דער דאָזיקער לאַנגזאַמקייט, מיט וועלכער די געדאַנקען האָבן זיך פאָרמירט אין דעם באַוואוסטזיין, און קיינמאָל איז אים מיט גאָרנישט ניט געלונגען צו פאַרהאַלטן זייער וואוקס און אַנטוויקלונג. ער האָט געמאַכט אַזעלכע פרוון: ער איז אויפגעשטאַנען פון טיש, איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און האָט געזונגען אָדער ער איז געגאַנגען צו עמעצן פון די באַקאַנטע, נאָר די געדאַנקען האָבן פאַרטײַבט דאָס ליד און זיינען אומעטום געקראָכן נאָך אים, ניט אָפּלאָזנדיק אים אויך מחוץ דעם הויז.

תחילת האָט ער עקשנותדיק געקעמפט מיט זיי, נאָר דערנאָך האָט ער דערזען, אַז דער דאָזיקער קאַמף וועט בלויז מיד מאַכן די נשמה, און וועט צו קיין שום רעזולטאַט ניט ברענגען, און אַז דער קאַמף פירט שטענדיק דערצו, אַז די געדאַנקען ווערן בילדלעכער און קלאָרער פון זיין דערווידערן זיי. און דריקן אים נאָך שטאַרקער. דעמאָלט איז ער אָפּגעטראָטן, און אַז ער פלעגט שוין פילן, אַז אָט גייען זיי, פלעגט ער זיך גלייך לייגן אויפן דיוואַן און, פאַרלייגנדיק די הענט אונטערן קאָפּ, פלעגט ער זיך אָן אַ קאַמף איבערגעבן אין זייער רשות.

אַזוי פלעגט ער בלייבן אויף צוויי, אויף דריי שעה, און טיילמאָל אויף גאַנצע נעכט גלייך. ווי צעהאַקט אויף צווייגן; העררבײַ פלעגט איין טייל, וואָס פלעגט פון אַ געוויסער צייט ווערן אַליין וויניקער, נאָכשפּירן עלנט און הילפלאָז דעם צווייטן טייל, וועלכן עס האָבן באַהערשט די דאָזיקע שווערע מחשבות, וואָס פלעגן צערייבן, אַזוי ווי מילשטיינער, אַלדאָס גוטע און ליכטיקע, וואָס איז דאָ אין לעבן, און אַליין, מיט וואָס די האָפענונג האָט אים באַשאָנקען — אין טרוקענעם, פאַרבלאָזן שטויב.

ער איז געלעגן און האָט עקשנותדיק געקוקט אויפן סופיט און האָט געהערט, ווי זיין האַרץ האָט געשלאָגן און ווי עס האָט

געקלאַפּט דער אומרו פון דעם זייגער אין צימער פון דער באַלעבאָסטעס וואוינונג: טאַק־טאַק! טאַק־טאַק! — האָט ריטמיש געשלאָגן דער זייגער און האָט אַזוי ווי באַשטעטיקט מיט זיין זיכערן און פעסטן קלאַנג די גערעכטיקייט פון דעם, וואָס די מחשבות האָבן מיט גוואַלד אָנגעבונדן קיריל איוואַנאָוויטשעס באַוואוסטזיין. ענדלעך האָט ער זיך צו זיי צוגעוויינט, ער פלעגט בלויז שפּירן אַן אומקלאָרן פּחד, בעת זיי פלעגן לאָזן וויסן, אַז זיי גייען אויף אים. דערנאָך איז דער דאָזיקער פּחד צייטוויליק פאַרשוואונדן, דערדריקט פון זייער אַרבעט, און דערנאָך פלעגט ער זיך אין אַ קורצער צייט אַרום ווידער באַווייזן.

נאָר באַווייזן פלעגט ער זיך שוין אין אַ נייער פאָרם — אין אַ פאָרם פון אַ אומעטיקער, אויף עפּעס וואַרטנדיקער, צושטייענדיקער שרעק, וואָס איז אַלץ מער געוואַקסן און האָט מיט אַלץ מער שפּאַנונג געוואַרט אויף עפּעס אַ שרעקלעכן פאַקט. קיריל איוואַנאָוויטשן האָט אויסגעוויזן, אַז אָט וועט זיך באַווייזן עפּעס האַרבס און טריומפירנדיקס, וועט זיך באַווייזן, אַוועקשטעלן זיך לעבן דיוואַן און, הראָענדיק, וועט עס כיטרע־בייז אַ זאָג טאָן:

— איך זע האָך וועגן וואָס איר טראַכט. איך זע אַלץ; דער קלענסטער קנייטש פון אייער מאַרך איז מיר קלאָר. ווי אַזוי־זשע איז חאָם, מיין הער? און איר ווייסט, אַז דערפאַר קען מען אײַך... — און ער וועט באַווייזן, וואָס מע קען טאָן מיט אַ מענטשן פאַר „דעם".

פאָרשטעלנדיק זיך אַזאַ בילד, האָט קיריל איוואַנאָוויטש אויפגעציטערט און האָט רחמנותדיק געקוקט אויף דער טיר. די טיר איז געווען אַ דינינקע, אַ לייכט צעברעכלעכע און די זאַוויעסע איז געווען אַ הראָטענע. דעם באַזוך פון דעם אַלוויסנדיקן וועזן וועט זי ניט אָפּהאַלטן און קיין זאַך קען ניט אָפּהאַלטן זיין באַזוך. קיריל איוואַנאָוויטשן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס וועזן וואָלט אַפילו דורכגעדרונגען דורך שטיינערנע ווענט. און וואַרטנדיק אויף אים, האָט ער געליטן און האָט אויפגעציטערט ביי יעדן גערויש, און זיך פאַרדעכטיק צוגעקוקט צו יעדן אומבאַקאַנטן מענטשן, — האָט געליטן און געשפּירט, אַז דער דאָזיקער או־

מעטפֿלער פּחד ווערט מיט יעדער אויפֿהייטערונג: זיינער אַליין שטאַרקער און קלאַמערט אים אַרום אַלץ פֿעסטער, און אָט, אָט וועט ער אויסוואַקסן, וועט אים איינשלינגען... און דאַ האָט זיך שוין די פֿאַנטאַזיע אָפּגעשטעלט פֿאַר עפּעס, וואָס איז געווען טונקל און פֿול מיט גליווערדיקן גרויל.

ווי אַזוי קען מען זיך באַפֿרייען פֿון דעם אַלעם? — האָט קיריל איוואַנאָוויטש געטראַכט אין די ליכטיקערע מאָמענטן, און האָט זיך אַליין געענטפֿערט: — אונטערוואַרפֿן זיך. זאָל ער מיך איינגאַנצן צערומקלאַמערן, און דעמאָלט וועל איך אים אויפֿהערן צו שפּירן...

און חאָם מאָל האָט ער זיך אויך געוועזט געלייגט אויפֿן דיוואַן, נאָר פֿלוצלונג האָט ער דערהערט אַן איילנדיקן סקריפּ מיט דער טיר הינטער זיין רוקן, גיכע טריט און אַ מידן קול:

— איר זייט אין דער היים? נו, ענדלעך, געפֿינען איינעם!... פֿ — כו!

קיריל איוואַנאָוויטש האָט זיך אומגעקערט צום שטול און האָט דערזען דעם באַקאַנטן סטאַטיסטיקער, וואָס אין ביוראָ האָט ער געהייסן דער מינאָרער. ער האָט זיך געזעצט אויפֿן שטול און, האַלטנדיק אין איין האַנט דאָס ווייסע היטל, האָט ער מיט דער צווייטער אָפּגעווישט פֿון שטערן די גרויסע טראָפּנס שווייס. דאָס געזיכט איז ביי אים געווען בלאָס און צעקאָרמושעט, די אויגן האָבן זיך אַנגעצונדן און איינגאַנצן האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק פֿון אַ מענטשן, וואָס איז שרעקלעך מיד.

קיריל איוואַנאָוויטש איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים שטאַרק, שווייגנדיק, געדריקט די האַנט. דער דאָזיקער מענטש האָט מיט זיין ערשיינען דערווייטערט דעם אָנפֿאַל פֿון די מחשבות.

— געלאָפֿן אין היץ, ווי אַ משוגענער, — קיינער ניטאָ — האָט דער מינאָרער, אַנדערש גערעדט — פּיאָטר וואַסיליעוויטש באַבקין, געזאָגט. פֿאַרקוועטשט מיט צופֿרידנקייט די ליפּן און פֿאַרזשמורעט די אויגן, האָט ער נערוועז אַ פֿיר געטאָן איבער זיי מיט אַ פֿינגער, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס אַראָפּגעטרייסלט פֿון די וויעס.

— וועמען דאַרפֿט איר? — האָט קיריל איוואַנאָוויטש געוואָלט פֿרעגן, נאָר ער האָט ניט באַוויזן.

— אָט ווייסט איר גאָר וואָס... איך בעט אײַך, איר זאָלט זיך נאָר ניט אָפּזאָגן... ווײַל מער קען איך שוין ניט. צוויי גאַנצע נעכט האָב איך זיך געעסקט, גענוג! דאָס איז מצד ליאַכאָוון און אַלע אַנדערע אַ חוזריי... אָבער כ'האָב אײַך האָך ניט דערציילט, אין וואָס דאָ גייט... אָט דער... ווי הייסט ער?... קראַווצאָוו! איז אַראָפּ פֿון זינען... יאָ. שוין דער דריטער טאָג... רק ער רעדט און רעדט, אַפֿילו דער טײַוול אַליין פֿאַרשטייט אויך ניט, וואָס ער רעדט! אַגב, טײַלמאָל זײַער באַוואוסטזיניקע און קלוגע זאַכן. נו, איז אָט... בין איך בײַ אים געווען צוויי טעג נאָכאַנאַנד און מער קען איך ניט... כ'בין שרעקלעך מיד. ער איז ווילד; אַז מע דערווידערט אים, וואַרפֿט ער זיך שלאָגן, און ערלויבן אים אַלץ קען מען ניט. ער רעדט שרעקלעכע טיפּשות! ער האָט אָנגעהויבן שמירן די ווענט מיט שוכוואַקס... אויסגעטאָן זיך אַ נאַקעטער און רײַבט מיט דעם בערשטל די הוילע ברוסט. ער האַלט זיך פֿאַר אַ סימבאָל פֿון גוטסקייט און שלאָגט זיך. ס'איז קאָמיש און ס'איז אַ רחמנות.... און ס'פֿאַרמאַטערט. ס'קומט אַ דאָקטאָר. מען איז זיך משתדל וועגן אײַנאָרדענען אים אין שפּיטאָל, אָבער אַלץ גייט צו אַזוי לאַנגזאַם. און דער עיקר, וואָס מיר זײַנען אַלע שרעקלעך פֿאַרמעל און טרוקן! מע קומט, הערט איר, צו גיין, מע גיט אַ קוק אויף אים אין טיר-שפּאַלט, מע פֿילט מיט און מע גייט אַוועק. אַלע האָבן קיין צײַט ניט, אַלע זײַנען געוואָרן עפּעס אַזוי באַשעפֿטיקט. מער קען איך ניט, איך פֿאַרזיכער אײַך! גייט איר אָקאָרשט, ליבינקער, אַ? און ליזשין איז איך איצט האָרטן... איר, ווייס איך, זײַט ווייניק באַקאַנט געווען מיט דעם האָדיקן אומגליקלעכן; נאָר ס'איז דען איצט ניט אַלץ איינס? ניט אַזוי? איר וועט גיין?

— יאָ, איך... אַוודאי. איך קען.... כאָטש שוין! — האָט קיריל איוואַנאָוויטש לאַנגזאַם אויסגעצויגן.

— אָט טאַקע באַלד! — האָט דער מינאָרער אַײַנדרינגלעך און אײַליק אויסגעשריען און האָט דערקלערט: דער-אָ ליזשין איז

געבליבן בלויז אויף דעם תּנאַי, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום זאָל מען אים אומבייטן... אויסגעצייכנט... גייט טאַקע! איר זייט אַ שטאַרקער, אייך וועט עס ניט זיין שווער. ווי אַזוי איז דאָס מיר שוין לאַנג ניט געקומען אויפן שכל, אַריינכאַפּן זיך צו אייך?... כ׳וואָלט זיך אַזוי ניט פאַרמאַטערט... נו, איז גייט איר?

— גוט... לאָמיר גיין...

דער מינאָרנער האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול, האָט מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג אַרויפגעוואָרפן אויפן קאָפּ דאָס היטל, האָט עס צורעכט געמאַכט און, עפענדיק די טיר, האָט ער זיך אומגעקוקט אויף קיריל איוואַנאָוויטשן.

דער לעצטער האָט פאַרטראַכט און לאַנגזאַם אָנגעצויגן אויף זיך דעם מאַנטל, האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ און האָט עקשנותדיק געקוקט אויף דעם מינאָרנס פּנים.

— איר ווייסט וואָס, יאַראָסלאַווצעוו? — האָט יענער רירעוודיק גענומען ריידן. — איר ווייסט דאָך זיין קוואַרטיר? איז גייט, ליבער, אַליין, און איך וועל קומען גלייך אַהין. אַ? גוט? נו, איז אַדאַנק אייך! איר גלייבט דאָך ניט, נו, דער טייוול ווייס, ווי הייט איך....

נאָר די לעצטע ווערטער פון זיין פראַזע האָט קיריל איוואַנאָוויטש שוין ניט געהערט — דער מינאָרער האָט זיי אָוועקגעטראָגן מיט זיך טיף אין פּרוזדור, און דאָרטן זיינען זיי פאַרהילכט געוואָרן פון דעם דינעם קוויטש מיט דער טיר, וואָס האָט צעמרייסלט קיריל איוואַנאָוויטשעס נערוון. פון דעם דאָזיקן קוויטש האָט ער אויפגעציטערט, האָט געמאַכט אַ קרענקלעכע גרימאַסע און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן שטול, ווערנדיק געצוואונגען דערצו פון דער דריקנדיקער משא, וואָס איז אויף אים אַראָפּגעפאַלן צוליב מינאָרנס מעלדונג מכּוח דעם טרויעריקן פאַקט.

ווי נאָר דער מינאָרער האָט געזאָגט קראַווצאָווס פאַמיליע, האָט קיריל איוואַנאָוויטש רעפּראָדוצירט פאַר זיך אַ פיגור פון אַ מענטשן פון מיטעלן וואוקס, אַ טריקענע, אַ ווינקלדיקע, אַ נערוועזע, מיט שוואַרצע, שטענדיק אויפציטערנדיקע וואָנצן און מיט אַ ברענענדיקן, בלאָנדושענדיקן בליק פון מאַנדל־פאָרמיקע שוואַרצע

אויגן. איבער דעם ווייסן, מיט קנייטשן־פולן שטערן פון דעם דאָזיקן מענטשן האָבן זיך שרעקלעך באַוועגט די געדיכטע ברעמען, וואָס האָבן דאָ אַרויסגעקלעטערט צו די האַרטע באַרשטיקע האָר, דאָ בלוצלונג אַראָפּגעשפּרונגען און אינגאַנצן פאַרשטעלט די אויגנלעכער. בעתן ריידן פלעגט ער טיילמאָל צוהאַלטן איין ברעם — די לינקע, און צוקוועטשן זי מיט דעם לאַנגן פינגער פון דער לינקער האַנט; דאָס האָט ניט געשטערט, די צווייטע ברעם זאָל אַרויפקלעטערן צו די האָר, און דעמאָלט פלעגט זיך דאָס גאַנצע געזיכט זיינס אויסקרימען און אָננעמען אַ פיינלעך־שאַרפן אויסדרוק פון אַן אָנגעשטרענגטן באַגער אַריינצודרינגען ערגעץ טיף, דאָרטן, וואו אַנדערע קענען ניט דערגרייכן, און דערגיין דאָס, וואָס קיינער קען ניט דערגיין. די אויגן ווידער האָבן אין דער דאָזיקער צייט געוואָרפן פונקען, אין זיי איז געווען אַ גאַנצער ים אָדער פון אומעט, אָדער פון פיינלעכער באַגייסטערונג.

מע האָט אים שוין לאַנג געהאַלטן פאַר אַ אומנאָרמאַלן מענטשן, און יעדן טאָג פלעגט ער באַשטעטיקן די דאָזיקע מיינונג אויף זיך: היינט פלעגט ער אַרויסזאָגן דעם פאַרלאַנג צו לערנען זיך מאַטעמאַטיק, כדי צו דערגיין די חכמה פון אַסטראָנאָמיע; מאָרגן — אַוועקציִען אין דאָרף, כדי צו באַקומען אַ גלייכגעוויכט אין דער נשמה; אַוועקצופאָרן קיין אַמעריקע און וואַנדערן דאָרטן איבער די סטעפּעס מיט כטאַדעס פיך; אָנצוקומען אויף אַ פאַבריק, כדי צו אַנטוויקלען צווישן די אַרבעטער די טעאָריע פון סאָציאַליזם; צו לערנען זיך מוזיק, לערנען זיך אַ מלאכה, לערנען זיך מאָלן. די נייטיקייט אין דעם אַלעמען האָט ער שטענדיק דערוויזן זיכער און קלאָר, און אויב מע פלעגט אים אָפּפרעגן, פלעגט ער עס דערווייזן מיט ווילדער היציקייט. אַלס הויפּט־יסוד פאַר זיינע פאַרלאַנגען פלעגט ער אַרויסשטעלן דאָס געפיל פון זעלבסטדערהיטונג.

—„אַז דו וועסט גאָרנישט ניט טאָן, וועסטו זייער נאַריש פאַרלוירנגיין פאַר מענטשן. אַלע בהמות טוען עפּעס, און איך בין דאָך אַ מענטש און דאַרף שאַפן!“—האָט זיך קיריל איוואַנאָוויטש דערמאָנט אָן זיינע צוויי פראַזעס. פאַר די און אַנדערע רייד פון דעם מין פלעגט מען אים רופן „מעטאַפיזיקער“. ער האָט קיינמאָל ניט געקענט

ברענגען קיין שטרענג לאָגישע באַווייזן פאַר דעם אָדער יענעם בליק, האַנדלונג און פאַרלאַנג זיינעם, און האָט שטענדיק יוצא געווען מיט קורצע אַפאָריזמען אין דאָגמאַטישן טאָן, און פאַר דעם דאָזיקן אינטערעס צו אַזעלכע אַפאָריזמען האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ מענטשן, וואָס לעבט, קודם כּל, צוליב דער הויכער פראַזע. מע האָט זיך צו אים צוגעוווינט און מע האָט אויף אים ניט געלייגט קיין באַזונדער אַכט. מע האָט דערציילט, אַז ליאַכאָוו — זייער אַ געבילדעטער און קלוגער מענטש, אַ גרויסער באַאַמטער אין „אַקציז", האָט אים ליב געהאַט און האָט אים געהאַלטן פאַר אַ טאַלאַנטפולן מענטשן, נאָר אָן אַ באָדן און אַ גלייכגעוויכט צווישן די פסיכישע רעסורסן און די פאַרלאַנגען. קיריל איוואַנאָוויטש האָט אויף אים אויך ניט געלייגט קיין אַכט און, באַגעגענענדיק זיך מיט אים, האָט ער זיך קיינמאָל ניט געפּרוווט קלאָר פאָרשטעלן, מיט וועמען ער האָט אַן עסק, און האָט זיך פולשטענדיק פאַרלאָזן אויף דער שפּירעוודיקייט און דער ריכטיקייט פונם בליק פון יענע מענטשן, וואָס האָבן קראַווצאָוון געגעבן דעם עפּיטעט פון אַן אומנאָרמאַלן און אַ פסיכאָפּאַט.

נאָר איצט איז דער דאָזיקער קראַווצאָוו מיט אַמאָל געוואָרן פיינלעך אינטערעסאַנט. מיט אַ טאָג פינף צוריק איז קיריל איוואַנאָוויטש צוזאַמען מיט אים געפאָרן אין אַ שיפל, האָט גערעדט און האָט אויף אים קיין שום אויסערגעוויינלעכע זאַכן ניט באַמערקט. דוכט זיך, אַז ער איז געווען ווייניקער אויפגערעגט, איידער אַלעמאָל. און אָט דער זעלבער מענטש איז אַראָפּ פון זינען. און דעמאָלט זיינען זיי ביינאַנד געזעסן אין שיפל, און ער האָט מיט זיין אָפּגעהאַקטן סטיל, נאָר וואָגיק און פולקום קלאָר פאַר אים, פאַר קירילן איוואַנאָוויטשן, דערציילט, אַז דער דעמאָניזם, דער סימבאָליזם און אַנדערע קרענקלעכע פאָרמען פון געדאַנק זיינען אַ ווילדע רעאַקציע קעגן דעם פאַרשפּרייטן זיך פון דעם מאַטעריאַליזם, און אַז דער קרעדיט פון דעם מאַטעריאַליזם וועט באַלד און אומבאַדינגט אַרונטערגעריסן ווערן פאַר די אויגן פון אַלע דענקענדיקע מענטשן. קיריל איוואַנאָוויטש האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן די מעטאַל־קלינגענדיקע פראַזע:

— די סיבה, פאַרוואָס דער געדאַנק פון דער היינטיקער צייט וואַקלט זיך — ליגט אין דער אויסצערונג פון דעם אידעאַליזם. די־יעניקע, וואָס האָבן אַרויסגעטריבן פון לעבן די גאַנצע ראָמאַנטיק, האָבן אונז אויסגעטאָן מוטער־נאַקעט; אָט פאַר־וואָס מיר זיינען איינע צו די אַנדערע געוואָרן טרוקן, האָבן איינע די אַנדערע גענומען עקלען. מיר זיינען נאָך פסיכיש ניט אַזוי געזונט, אַז מיר זאָלן ביזן סוף קענען אויסהערן דעם אמת און דאָס זאָל אונז ניט שאַטן. ווער ווייס, אפשר איז דער העכסטער אמת ניט נאָר ניט אומבאַקוועם, נאָר טאַקע פשוט שעדלעך?

— „איז וואָס־זשע זאָגט איצט דער דאָזיקער מענטש, — איצט, בעת ער איז משוגע? און וואָס הייסט עס זיין משוגע?“

קיריל איוואַנאָוויטש האָט זיך דערמאָנט, אַז עמעצער האָט דעפינירט משוגעת, אַלס טעטיקייט פון אַ וועלכער־ס'איז איינשאַפט פון דער פסיכיק, וואָס דאָמינירט איבער אַלע אַנדערע איינשאַפטן, און נאָך עמעצער — ווי אַ באַשעדיקונג פון דעם זכרון דורך אַ וואָבער־ס'איז פאַקט אָדער געדאַנק.

איִם איז געקומען אויפן זינען די איינגעווייד פון עפּעס אַ פרוזשיניקן מעכאַניזם: די מאַסן ספּיראַלע פרוזשינעס ציען זיך צונויף און ציען זיך אויס און שטעקן אָן איינע די אַנדערע מיט כוח און באַוועגונג, און פון דער דאָזיקער באַוועגונג ווערט געבאָרן דער געדאַנק. פּלוצלונג הייבט איינע פון די פרוזשינעס צוליב עפּעס אָן שטאַרקער פאַר די אַנדערע צונויפצוציען זיך—ווערט צווישן די איבעריקע אַ פולקומער פּלאָנטער, ביז זיי נעמען ניט קיין גייעם טאַקט אָדער ביז זי נעמט ניט דעם אַלטן טאַקט. אָדער פּלוצלונג רייסט זיך אַריין פון דרויסן אין זייער סיסטעם עפּעס שווערס, איבעראַשנדיקס, און פאַלט פונקט אויף דער־אָ פרוזשינע, וואָס פאַרנאָטירט די פאַרגאַנגענהייט און אָט, אַ פריטשמעלעטע פונם קלאַפּ, קען זי שוין מער ניט באַזאָרגן עפּעס אַנדערש און נאָטירט אייביק איינעם און דעם זעלבן געדאַנק, ברענגט אַרויס איינע און די זעלבע דערשיינונג.

„— דאָס אַלץ איז זייער פשוט און זייער נעבעכדיק. צו וואָס דאַרף מען עס, אַז אַ מענטש זאָל אַראָפּ פון זינען? ניט שוין־

זשע האָט ער אויף זיין חלק קנאַפּ אַנדערע קרענק און אומגליקן?" —
האָט קיריל איוואַנאָוויטש געטראַכט און האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף גיין אַהין, צו דעם קראַנקן.

נאָר ער איז ניט אויפגעשטאַנען און איז ניט אַוועק, נאָר האָט ווייטער געטראַכט, זיצנדיק אויפן שטול, אין מאַנטל און אין הוטל.

— און מאָמער איז ער איצט גאָר געוואָרן אַ זשעני?.... ס'איז דאָך באַוויזן געוואָרן, אַז זשעניען — זיינען משוגעים. קיינער האָט ניט דערציילט, ווי עס קומען אַרויס זשעניען. מעגלעך, אַז דורך אַראָפּגיין פון זינען, דאָס הייסט, דורך פאַרקנעכטן זיך צו דער אידעע אָדער די אידעע פאַרקנעכטן....

קיריל איוואַנאָוויטש האָט אין זיך געשפּירט אַ פּאַרלאַנג צו איבערחזרן יעדעס וואָרט עטלעכע מאָל, נאָר ער האָט עס עפּעס מורא געהאַט צו טאָן. די ווערטער האָבן אים אויך אויסגעוויזן, ווי פאַרשיידנפאַרביקע פלעקן, אַזוי ווי לייכטע וואָלקנס, וואָס זיינען צעשפּרייט איבער דעם גרענעצלאָזן רוים. ער פּליט נאָך זיי, פאַנגט זיי און שטויסט זיי צונויף איינע מיט די אַנדערע; דערפון ווערט אַ פּאַס, אַזוי ווי אַ רעגנבויגן, און דאָס איז דער געדאַנק. ווען מע זאָל אים אַריינגעמען אין זיך אַזוי ווי לופט און דערנאָך צוריק אויסעטעמען, וואָלט ער גענומען קלינגען, און דערפון אַנטשטייט דאָס רייד.

„דאָך ווי איינפאַך דאָס איז אַלץ!" — און ער האָט אַ שמייכל געטאָן מיט צופרידנהייט — „די דעקאָדענטן — זיינען טיפזיניקע מענטשן. טיפזיניקע און שפּיציקע, אַזוי ווי נאָדלען, — זיי שניידן זיך אַריין אין דאָס אומבאַקאַנטע", — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט צופרידנהייט און האָט אַ כנאַק געטאָן מיט די פינגער.

די טיר האָט זיך אויפגעעפנט און אין דער עפענונג האָט זיך דורכגערוקט דער קאָפּ פון דער באַלעבאָסטע פון דער דירה.

— ער זיצט אַן אָנגעטאָנענער און לאַכט, און רעדט צו זיך אַליין... אויך אַ מלאכה!... דערלאַנגען דעם סאַמאָוואַר, אָדער איר גייט ערגעץ אַוועק?

די באַלעבאָסטע האָט גערעדט וואָרטשענדיק, אָבער קוקן האָט זי געקוקט ליבלעך. אויגן האָט זי געהאַט קליינטשקע, נאָר לעבע-

דיקע; פֿון זיי ביז די שליפֿן האָבן זיך אויסגעלייגט פֿאַלבן פֿון דינע קנייטשעלעך, און דאָס האָט זיי צוגעגעבן אַ שמייכלענדיקן גלאַנץ.

פֿון איטע רייד האָט קיריל איוואַנאָוויטש דערשפּירט, ווי ער וואָלט זיך אָקערשט־ערשט אויסגעקערט פֿון ערגעץ און איז זייער מיד.

— דעם סאַמאָוואַר? ניין... מע דאַרף ניט! — און ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — איך גיי אַוועק... אפֿשר ביז מאָרגן. איר ווייסט, מיינער אַ באַקאַנטער איז אַראָפּ פֿון זינען. ווי מיינט איר, וואָס קען עס זיין אַזוינס?

— וואָס טוט זיך דאָ, גאָט מיינער! איינער האָט זיך ניט לאַנג דערשאָסן, דער צווייטער איז אַראָפּ פֿון זינען... נו, האָט איר חברים!... אַי־אַי!... וואָס איז דאָס? — פֿרעגט איר? אַ נאַטירלעכע זאַך — גאָט וויל אַזוי.

— גאָט וויל? — האָט קיריל איוואַנאָוויטש אויסגערעדט פֿאַרטראַכט און האָט צולויב־עפּעס אַראָפּגענומען דאָס היטל פֿון קאָפּ. — דאָס איז, ווייסט איר, מאָדנע... זייער מאָדנע... יאָ!

— ווער איז עס אַראָפּ פֿון זינען, דער בלאָנדער, דער צעשויבערטער, אין די גרויע הויזן, אָדער יענער — דער פּיילעכער, אין די גאָלדענע פּענסנע? — האָט די באַלעבאָסטע געפֿרעגט.

אויף איר דיקן, צעקנייטשטן געזיכט און אין דעם טאָן פֿון איר פֿראַגע איז געלעגן אַ סך רחמנות, וואָס פֿון דעם איז קיריל איוואַנאָוויטשן געוואָרן אומעטיק.

— ניין, ניט דער, וואָס איר ווייסט ווער — דער שוואַרצער, אין דער פּעלערינע, מיט דעם שטעקן און מיט די טאַנצנדיקע ברעמען, — האָט קיריל איוואַנאָוויטש ערנסט און שטיל געענטפֿערט און האָט דערשפּירט, אַז עס קיצלט אים אין האַלדז און אין די אויגן באַוועגן זיך טרערן.

— כ'האָב אים ניט באַמערקט. משמעות, אַז ער איז זעלטן געווען, כ'האָב ניט באַגעגנט. גייט. אָבער קיין סך דאַרף מען דאָרטן ניט פֿאַרברענגען... ער איז געוואָרן אַזוי געל! — האָט די באַלעבאָסטע שטרענג געזאָגט.

קיריל איוואַנאָוויטש האָט ווידער אָנגעטאָן דאָס היטל, איז אויפגעשטאַנען און איז שווײַגנדיקערהייט אַרויס פֿון צימער, אָנגעפֿילט מיט אַ טרויעריקן געפֿיל און מיט אַ מידקייט.

— פֿאַרמאַכט די טיר! — האָט איז די באַלעבאָסטע נאָכגעשריען.

מע דאַרף ניט! — האָט ער טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

ס'איז שוין געווען אַרום צען אַ זייגער אין אָוונט, נאָר די יולי־היץ איז נאָך ניט אַראָפּ — סײַ די שטיינער פֿון ברוק, סײַ די הענט פֿון די בנינים, סײַ דער לויטערער הימל האָבן מיט אים געעטעמט. די שטויביקע בלעטער פֿון די ביימער האָבן, אַריבערהענגענדיק זיך איבער די פּאַרקאַנעס, ניט גערוישט. אַלץ איז געווען אומבאַוועגלעך און האָט אויסגעזען אָנגעשטרענגט און געוואַרט אויף עפּעס אַ שטורם.

פֿון די אָפֿענע פֿענצטער פֿון דעם ווײַסן מויער האָט אויף קיריל איוואַנאָוויטשן אַ שטראָם געטאָן אַ כוואַליע צעפּלאָשעטע און אומהאַרמאָנישע קלאַנגען פֿון אַ קלאַוויר; זיי זײַנען געשפּרונגען אין אומאָרדענונג אין דער לופֿטן איבער זײַן קאָפּ. ער האָט אויפגעציטערט, זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט, גלײַך ער וואָלט וועלן אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך מיט דער גאַס אין דעם דאָזיקן טומל. נאָר אַלץ איז געבליבן אומבאַוועגלעך, און די קלאַנגען זײַנען שוין געווען פֿאַרשוווּנדן פּונקט אַזוי זאָרגלאָז, ווי זיי זײַנען געקומען.

— „ס'איז קורץ די עקסיסטענץ פֿון אַ קלאַנג!“ — האָט אַ בליץ געטאָן בײַ קיריל איוואַנאָוויטשן אַ פֿרעמדער געדאַנק, און גלײַך ווי אַן עכאָ פֿון דעם געדאַנק האָט זיך אין אים צעגאָסן אַ שאַרפֿער פֿאַרלאַנג צו נעמען אויף אַ הויכן פֿאַלצעט עטלעכע רולאַדן אַ-אָ-עי-אָ-אַ! — ווי דאָס טוען די פֿאָלק־זינגערס. נאָר ער האָט דערשטיקט אין זיך דעם דאָזיקן פֿאַרלאַנג און איז אַוועק ווײַטער, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ אונטער דעם שטראָם נײַע געדאַנקען און פֿלײַסנדיק זיך צו פֿאַרמירן זיי אין ווערטער, אין אײַנקלאַנג מיט דעם טאַקט פֿון די טריט. דערפֿון פֿלעגט יעדעס וואָרט אָפּ-

הילכן ערגעץ אינעווייניק, אין אים, ווי אַ זעץ אין אַ גרויסן פּויק. די האָזיקע מחשבות צום טאַקט פֿון די טריט האָבן ביי אים אַרויסגערופֿן אַ געפֿיל פֿון אָנגענעמער לייכטקייט און ליידיקייט אין ברוסט, אין בויך, אין גאַנצן קערפּער. ס'האָט זיך געדוכט, אַז די מוסקולן האָבן זיך צעשמאָלצן פֿון היץ און ס'זיינען געבליבן בלויז דינע, עלאַסטישע נערוון, וואָס זיינען געווען אָנגעשטימט מעלאַנכאָליש־רויק, נאָר אויסוואַרטנדיק, ווי אַלץ אַרום.

— „וועגן וואָס רעדט ער איצט און ווי טראַכט ער? — האָט קיריל איוואַנאָוויטש געקלערט וועגן קראַווצאָוו. — און וואָס וועל איך מיט אים מאַכן? פֿאַרשטיין אים איז, משמעות, אוממעגלעך.... נאָך וואָס־זשע דאַרף איך זיין לעבן אים?... און מיט וואָסערע מאָראַלישע פֿאָדערן? אויס נייגעריקייט? אָדער אפשר איז מיר אויף אים אַ רחמנות, אָדער אַזוי, אויס פֿליכט?.... משוגעת — איז כמעט אַזוי ווי טויט. אויב ער איז נאָך ניט אינגאַנצן אַראָפּ פֿון זינען, וועל איך זיין ביי זיין גסיסה. ס'איז מערקווערדיק, וואָס אַ מענטש רופֿט אַרויס מער אויפֿמערקזאַמקייט צו זיך, בעת ער קומט אום, און ניט דאַמאָלסט, בעת ער איז געזונט און געפֿינט זיך ניט אין קיין שום סכנה! טיילמאָל באַמערקן מיר אַבסאָלוט ניט דעם מענטשן ביים לעבן, מיר אינטערעסירן זיך מיט אים לחלוטין ניט, און פּלוצלונג, בעת מיר דערהערן, אַז ער האַלט שוין ביים שטאַרבן, אָדער ער איז שוין געשטאָרבן, באַדויערן מיר אים, ריידן וועגן אים.... גלייך, דער טויט אָדער זיין דערנעענטערן זיך דערנעענטערט אויך אונז איינע מיט די אַנדערע. דאָ איז, קענטיק, פֿאַראַן אַ טיפֿער געדאַנק... אויב ס'איז נאָר ניטאָ אין דעם קיין גרויסער ליגן, צו וועלכן מיר זיינען פֿון לאַנגע צייטן צוגעוויינט, און דערפֿאַר באַמערקן מיר אים ניט. און אפֿשר, אָבסערווירנדיק דעם צווייטנס אומקום, דערמאָנען מיר זיך, אַז מיר אַליין מוזן אויך אומקומען און מיר באַדויערן זיך אַליין אין דער געשטאַלט פֿון דעם צווייטן. אין דעם איז פֿאַראַן עטוואָס שאַלקהאַפֿטיקס און, מעגלעך, מיאוסדיקס.... איבעריקנס, איז אויך אַלדאָס אַלטעגלעכע אין אונזער לעבן — שאַלקהאַפֿטיק און מיאוסדיק.... אָבער מיטלייד — איז גרויזאַם.... רחמנות! און גרויזאַמקייט! דאָס

זייען דאָך צוויי ווערטער לחלוטין פון איין מין!... זיי זיינען סינאָנימען לויטן געדאַנק! מע דאַרף אָנשרייבן וועגן דעם אַן אַרטיקל... זאָל זיין מיט אַ טעות ווייניקער".

פּאַראַלעל מיט זיין אַנטדעקונג האָט קיריל איוואַנאָוויטש רעמ-מאַוורירט אין זכרון אַ געוויסן פאַל פון זיין לעבן אין דאָרף. עפּעס איינמאָל איז ביי אַ פויער אַריינגעפאַלן אין אַ גראָבן אַ קעלבל און האָט זיך צעבראָכן ביידע פאָדערשטע פיס. שיר ניט דאָס גאַנצע דאָרף איז זיך צונויפגעלאָפן קוקן אויף איר... דאָס קעלבל איז געלעגן אַזוי נעבעכדיק אויפן דעק פון גראָבן און, בלעקענדיק, האָט עס געקוקט אויף אַלעמען מיט גרויסע פייכטע אויגן און האָט זיך אַליין געפּרווט אויפשטיין, נאָר איז ווידער געפאַלן. דער המון איז געשטאַנען אַרום איר און האָט מער אויס נייגעריקייט, איידער אויס מיטגעפיל, באַאָבאַכט אירע באַוועגונגען און האָט געהערט אירע קרעכצן. און ער האָט אויך געקוקט, הגם דאָס איז געווען ניט אינטערעסאַנט און זייער טרויעריק. פּלוצלונג האָט זיך פון ערגעץ באַוויזן דער שמיד מאַטווי, אַ הויכער, אַ שוואַרצער, אַ בייזער און אַן אייבגעשמירטער אין קוילן. די אַרבל זיינען ביי אים געווען פאַרקאַטשעט און אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שווערע שטאַבע אייזן. ער האָט אַ וואַרף געטאָן אויף אַלעמען אַ שטרענגן בליק, פול מיט שווערן פאָרוואורף, פון די שוואַרצע אויגן, האָט אויך אַ קוק געטאָן אויף קיריל איוואַנאָוויטשן, און אָנכמורענדיק די ברעמען און אַ שאָקל געבנדיק פּלוצלונג מיטן קאָפּ, האָט ער הויך געזאָגט:

— שוטים! פון וואָס קלייבט איר דאָ פאַרגעניגן?

און דערנאָך האָט ער אַ פּאָך געטאָן מיט זיין שטאַבע און אַ זעץ געטאָן דער קעלבל אין קאָפּ אַריין! דער זעץ האָט אַפילו אָפּגעקלונגען טעמפּ און ווייך, נאָר דער שאַרבן האָט זיך דאָך צעשפּאָלטן, און דאָס איז געווען זייער שרעקלעך — דאָס קעלבל האָט מער ניט געבלעקעט און זיך ניט געקלאָגט אויף דעם ווייטאָג מיט די גרויסע און פייכטע אויגן.... און מאַטווי איז זיך רויק אַוועק.

„אָט ווי דער דאָזיקער מאַטווי האָט מיטגעפילט! מעגלעך, אַז

פּונקט אַזוי וואָלט ער זיך אויך באַגאַנגען מיט אַ האָפּענונגסלאָז־קראַנקן מענטשן. איז דאָס מאָראַליש, אָדער אוממאָראַליש?

— יאַראָסלאַווצעוו! שטייט, וואוהין גייט איר? — האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער רוף.

קיריל איוואַנאָוויטש האָט אַ ציטער געטאָן און האָט זיך אַרומגעקוקט. אויף דעם גאַניקל פֿון אַ ווילל הייזעלע איז, פֿאַררוקט די הענט אין די קעשענעס, געשטאַנען ליושין און געשמייכלט. דעמאָלט האָט קיריל איוואַנאָוויטש פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ אײַנגטלעך וואוינט דאָך קראַווצאָוו.

— איך גיי צו אײַך.... דאָס הייסט, צו אים....

— אַהאַ! נו, אַדאַנק אײַך טאַקע וואָס איר האָט זיך צוגעאײַלט, וואָרעם אַרבעט, דאַרפֿט איר וויסן זײַן, האָב איך ביז איבערן האַלדז, און אַלץ אײַליקע, כאָטש אַפֿילו פֿון שטוב ניט אַרויס. דאָס האָט מיך דער מינאָרער אַרויסגעשלעפּט, ער האָט זיך פֿאַרבענקט נאָך קראַווצאָווס טיפֿע חכמות. אַלץ, הערט איר, רעדט ער! נאָר איצט האָט ער אײַנגעדרעמלט. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דערווײַלע איז עס ניט געפֿערלעך, ס'איז פּשוט אַ שטאַרקע נערוון־איבערעגונג — ניט מער; איך האַלט אויך אַזוי. ער רעדט, וואָס אַן אמת, ניט אומזיניקער, ווי ער האָט שטענדיק גערעדט. אָבער שוין צופֿיל — דאָס איז ריכטיק. נו, איז ערלויבט מיר אָפּצוטראָגן זיך. ליאַכאָוו וועט משמעות קומען; זאָגט אים: דער דאָקטאָר איז געווען און האָט רעקאָמענדירט קאַלי, קאַלי און קאַלי.... צום ווידערזען.

ער האָט דערלאַנגט יאַראָסלאַווצעוון די האַנט, יענער האָט זי שווײַגנדיק צוגעדריקט און, פֿאַרהאַלטנדיק זי אין זײַן האַנט, האָט ער שעפּטשענדיק געפֿרעגט:

— פֿון וואָס איז דאָס אים, לויט אײַער מיינונג?

— פֿון וואָס? הם... ווי זאָל איך זאָגן? איר ווייסט, ער האָט דאָך שטענדיק געהאַט אַ איבערגעדרייט שרײַפֿל אין קאָפּ... געוויס, ס'איז געגעבן געוואָרן דער אַנטשיידענער שטויס... אַ וואָסער שטויס... ווער ווייס?

— אַז ער וועט וועלן טרינקען — גיט אים פֿון פֿלעשל, וואָס אויפֿן פֿענסטער, דאָס איז אויך אַ מין בראָנפֿן, באַרויִקנדיק געווירץ, ווי קאַווע, אַ שטיינער. נו, כ'גיי! Addio!

ער האָט אַריבערגעוואָרפֿן איבערן האַנט דעם מאַנטל און איז אַוועק. קיריל איוואַנאָוויטש האָט זיך געוואָלט אים נאָכשרייען: „וואַרט!" — נאָר ליזשין האָט זיך אין דערזעלבער צייט אַליין אומגעקערט אין גאַנג און האָט צוליב־עפּעס אַרויסגערעדט מיט אַ שמייכל:

— מאָרגן וועט אַלץ געוויס קלאָר ווערן און מע וועט אים אַוועקשיקן.

און ווידער אַריבערגעוואָרפֿן דעם מאַנטל פֿון איין האַנט אויף דער אַנדערער, האָט ער שנעל געשפּרייזט איבער דער גאַס.

יאַראָסלאַווצעוו האָט אים נאָכגעקוקט און האָט גענומען טראַכטן, וואָס זאָל ער איצט טאָן: צי גיין אין צימער, וווּ יענער ליגט, אָדער אָפּוואַרטן דאָ, ביז ער וועט זיך אויפֿכאַפּן און נעמען ריידן?

אים האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז ווי נאָר קראַווצאָוו וועט זיך אויפֿכאַפּן, וועט ער תּיכּף אויסשרייען אויף אַ הויכער, קלינגענדיקער נאָמען, באַלד נאָך דעם וועט ער נעמען ריידן שנעל און הויך, ווי עס ריידן די פּיפּיקע ווייבער, די מאַרקיזיצערינס, און אַזוי, אַז האָם וועט זיין ענלעך אויף אַ פּיקלען אין אַ פּויק.

ער האָט געטראַכט און איז געגאַנגען מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ, ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, וואוהין ער גייט, פֿאַרכאַפּט פֿלוצלונג פֿון עפּעס אַ פֿאַטאַלער רויִקייט. אַלע זיינע מחשבות זיינען פֿלוצלונג אַזוי ווי פֿאַרברענט געוואָרן און אויף זיין נשמה האָט זיך אַראָפּגעשאָטן ווייער אַש, — אַראָפּגעשאָטן און זיך באַדעקט מיט אַ וואַרעמען שיכט פֿון שטילן טרויער וועגן עפּעס....

דער עקלהאַפֿטער אַפּטייק־ריח האָט אים געצוואונגען אויפֿצוואַכן פּונקט אין דער צייט, ווען ער איז געשטאַנען פֿאַר דער טיר, וואָס האָט געפֿירט אין אַ קליין צימערל, אין וועלכן עס האָט געהערשט אַ כאַאָטישע אומאָרדענונג: די בענקלעך זיינען געווען אָפּגערוקט אויפֿן מיטן צימער און זיינען געשטאַנען אין אַן אומרעגלמע-

סיקן האַלבקרייז פאַר דעם בעטל. אויפן דיל האָבן זיך געוואַלגערט פאַרשיידענע פאַפירלעך, ביכער, בלאָטיקע שערבלעך פון אַ טעלער, אַ רויטער געשטריקטער שאַל און אַ לעדערן זעקל. פאַר דעם בעטל איז געשטאַנען אַ קײַלעכיקער טיש מיט אַפטייק-פלעשלעך און אַ גלאָז שיטערע טיי. איבער דער ברעט פון טיש האָט מען ניט געזען דעם קאָפּ פון דעם מענטשן, וואָס האָט זיך רויִק אויסגעצויגן מיט דער ברוסט אַרויף אויף דעם בעטל. איין פענסטער פון צימער איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ בלויער שמאַטע, דער צווייטער איז געווען פאַרשטעלט מיט סלאָיִקלעך בלומען, און דורך זיי האָבן זיך אינם געדעכטל פאַרן הויז געזען קוסטעס שטעכלקעס, אַקאַציעס און בעז.

שנעל אַרומגעקוקט דאָס אַלץ, האָט זיך קיריל איוואַנאָוויטש אויסגעהויבן אויף די שפּיץ-פינגער, האָט אויסגעהויבן אין דער הויך דעם טייט-פינגער פון דער רעכטער האַנט, אַזוי ווי וואָרענענדיק זיך אַלײן פאַר עפּעס, און האָט זיך געלאָזן גיין צום בעטל, פּאַכנדיק בעת-מעשה ריטמיש צום טאַקט פון די באַוועגונגען פון דער לינקער האַנט. צוגייענדיק צום טיש, האָט ער זיך אָנגעבויגן איבער אים און, אײַנהאַלטנדיק דעם אָטעם, האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף דעם קראַנקנס געזיכט.

דאָס געזיכט איז שטאַרק אויסגעצערט געוואָרן פון זינט יענער צײַט, ווען קיריל איוואַנאָוויטש האָט אים געזען צום לעצטן מאָל, נאָר ניט מער. בכלל אָבער איז דאָס געזיכט געווען רויִק, ווי בײַ אַלע שלאָפנדיקע מענטשן. קיריל איוואַנאָוויטש האָט לײַכט אָפּגעעטעמט. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז די דאָזיקע קראַנקהייט האָט אַרויפגעלייגט אויף קראַוועצאָווס געזיכט עפּעס אַ העסלעכן שטעמפּל, האָט אים אויסגעקרימט, צעבראָכן. און ער איז אַוועק שמייכלענדיק און איז געווען אין דער העכסטער מאָס צופרידן מיט זײַן טעות. אים איז געווען געפעלן, וואָס דאָס אַלץ איז אַזוי פּשוט.

אָבער פּלוצלונג, אָפּקערנדיק זיך אָן אַ זײַט, האָט ער דערזען, אַז פון וואַנט קוקט אויף אים עמעצנס אַ בלאַס, איבערגעקרימט געזיכט מיט אַ שרעקלעכן שמייכל, מיט צוגעזשמורעטע אויגן און

טרייסלט זיך אינגאַנצן פון איינגעהאַלטענער אויפרעגונג. אויך אין הויך מיט דעם געזיכט איז געווען אויפגעהויבן אַ האַנט מיט אַן אויסגעשטרעקטן טייט-פינגער, — די האַנט האָט אַזוי ווי געדראָט קיריל איוואַנאָוויטשן און צוזאַמען מיט דעם געזיכט איז זי געווען פול מיט כיטרע-בייזן טריומף איבער אים.

אָבער קיריל איוואַנאָוויטשעס אָדערן האָט זיך צוזאַמען מיט דעם בלוט צעגאָסן אַ קאַלטער אומעט, וואָס האָט פאַרקלעמט זיין האַרץ מיט אַ פאָרגעפיל פון עפעס אַ פאַטאַלער זאַך, וועלכע מע קען ניט אָפּווענדן, און, דערדריקט פון איר, האָט ער זיך אַראָפּ-געלאָזט אויפן בענקל. דערנאָך האָט ער דערשפּירט, אַז אונטער דער הויט פון דער לינקער זייט לויפן אויף און פּלאַצן באַלד עפעס בלאָטערן אַזעלכע, און פון דעם איז אים געוואָרן קאַלט און אַזוי אומאָנגענעם עצבותדיק. ער איז ווידער אויפגעשטאַנען, האָט זיך געפּלייסט צו קוקן אויף יענער וואַנט, פון וועלכער מען האָט אים געדראָט, און האָט זיך מיט דריקנדיקן פחד דערמאָנט, וואו ער האָט פריער געזען דאָס דאָזיקע צעקרימטע געזיכט, וואָס זיינע שטריכן זיינען אים געווען זייער שטאַרק באַקאַנט!

„ניט שוין=ושע איז עס טאַקע... אָט יענץ אַלווייסנדיק וועזן?"

פאַר קיריל איוואַנאָוויטשן האָט זיך פּלוצלונג אויפגעעפנט אַ פינצטערער תהום אָן אַ גרונד און אָן אַ ברעג, פול מיט פאָרמלאָזער, דריקנדיקער פינסטערניש. ער האָט אַריינגעקוקט אין אים און האָט זיך אויס פחד געגעבן אַ וואָרף אויף צוריק, פונקט פאַרזשמורענדיק די אויגן. אים האָט געצויגן אַראָפּ, און ער האָט דערשפּירט, אַז אויב ער וועט ניט עפענען די אויגן, וועט ער תיכף אַריינפליען אַהין, און וועט פליען אָן אויפהער, אָפּשטאַרבנדיק פאַר מורא און שפּירנדיק די דאָזיקע מורא אַלץ שטאַרקער מיט יעדער מינוט.

ער האָט אַ ציטער געטאָן, האָט שנעל אַ קוק געגעבן פאַר זיך און האָט פריי און לייכט אָפּגעעטעמט: ער איז געווען דאָ, אין קראַוועצאָווס צימער, און אונטער זיינע פיס איז געווען די דיל, אַ האַרטע דיל, און וואָס קיריל איוואַנאָוויטש האָט זיך אויך איבער-צייגט, דריקנדיק זי שטאַרק מיטן פוס. דעמאָלט האָט זיך אים

ווידער לוידנשאַפטלעך פאַרגלוסט נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן אַהין, אויף דער וואַנט... אויפהייבנדיק זיך פאָרזיכטיק פון שטול און אומקוקנדיק זיך אין דערזעלבער צייט אויף אַהינטער, האָט ער אים דערזען, דעם דאָזיקן געזיכט; נאָר איצט איז עס געווען בלויז אַ נעבעכדיקס, און מיט דעם אויסדרוק פון געשפּאַנטער, פּחד־פולער ערוואַרטונג איז עס אַזוי פאַרגליווערט געוואָרן. און דאָ האָט ער זיך דערקענט, דען דאָס איז ער אַליין טאַקע געווען אינגאַנצן פול מיט ערוואַרטונג און מיט שרעק.

— דאָס איז אַ שפּיגל... יאַ־אָ! — האָט ער זיך אָנגעשטויסן און האָט דערזען, אַז די ראַם פון שפּיגל איז געווען פון דער הויך, פון רעכטס און לינקס פאַרשטעלט מיט אַ ווייסן האַנטעך, וואָס איז געהאַנגען איבער איר, און פון אינטן האָבן זי פאַרשטעלט די רעמלעך פון די בילדלעך; די טאַפּעטן פון צימער זיינען אויך געווען ווייסע, — אָט פאַרוואָס דער שפּיגל איז ניט געווען קענטיק און האָט אים אַזוי געשראָקן. נאָר די דאָזיקע ערפינדונג האָט אין אים ניט אומגעבראַכט דאָס טרויעריקע פאַרגעפיל — אדרבא, האָט נאָך אַפילו געבראַכט מיט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן דאָס דאָזיקע פאַרגעפיל. קוקנדיק אויף זיין בילד אין שפּיגל, האָט זיך קיריל איוואַנאָוויטש פאַרטראַכט.

— „דאָס גיי איך אַליין גאָר אַראָפּ פון זינען!“ — האָט ער זיך פּלוצלונג אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט דעם שאַרפן געדאַנק, וואָס האָט אַרויסגערופן אין זיין גאַנצן וועזן אַ קאַלטן שוידער און אַ שטילן נאָגנדיקן וויי, גלייך אַלע זיינע מוסקלען וואָלטן זיך אָנגעזאַפּט מיט פוילער קעלער־פייכטקייט. ער האָט געוואָלט שרייען, רופן צו הילף, און ער האָט שוין דערשפּירט, ווי ער האָט זיך שוין אָפּגעריסן פון דער ערד און ער פאַלט ערגעץ דורך די גליענדיקע שיכטן לופט. אין זיין ברוסט האָט אומדערטרעגלעך גענומען נאָגן; ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר איר מיט די הענט און האָט זי שטאַרק גענומען רייבן. און אין קאָפּ האָט זיך געצאַפּלט אַ פאַרניכטנדיקער געדאַנק און, ניט פאַרטונקלענדיק אים, האָבן זיך געדרייט עפּעס נאָך אָפּגעריסענע שטיקלעך געדאַנקען.

ערינערונגען, אַ גאַנצער געווירבל, גלייך אין זיין מאַרך איז אַלץ געווען צעמישט, צעבראָכן, צעקאַליעטשעט און אַלץ וואָלט זיך צעלאָפן אין אימה פאַר אים, פאַר דעם דאָזיקן געדאַנק וועגן משוגעת, וואָס האָט דעספּאָטיש אונטערייאָכט אַלץ, וואָס איז געווען ביז אים. ער האָט אויפגעעפנט דאָס מויל, האָט טיף אָפּגעזיפצט און, אַריינגעמענדיק אין זיך אומגעהייער פיל שמעקעדיקע לופט פון צימער, האָט ער אָנגעשטרענגט די ברוסט, כדי אַ געשריי צו טאָן.

— פּראַ אָדם! מיאוסער פּרצוף! — האָט זיך דערהערט אַ שטימע פול מיט פאַראַכטונג און איראָניע; וואָס מאַכסטו פאַר אַ העוויות, בעת דו ביסט אַליין ניט מער, ווי אַ נידערטרעכטיקע גרימאַסע פון דער נאַטור? שפּיאָן! וואָס קען זיין געמיינער? פּ־פּ־אַ!....

קיריל איוואַנאָוויטש האָט זיך האַסטיק אומגעקוקט מיט דער אַרויסגעשטאַרצטער ברוסט אויף פאָרנט. אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די אָרעמס אָן קישן און אונטערלענענדיק די גאָמבע מיט די דלאָניעס, האָט קראַוועצאָוו געקוקט אויף אים פון בעטל אַפּער מיט אָנגעצונדענע אויגן, פול מיט גיפטיקער איראָניע און פיבערהאַפטן גלאַנץ. זיינע וואָנצעס האָבן כיטרע־בייז אויפגעציטערט און די ברעמען האָבן לאַנגזאַם אַרויפגעקלעטערט אַרויפצו, צו די באַרשטיקע האָר, וואָס האָבן זיך אויפגעשפּיצט אויפן קאָפּ. די ליפּן זיינען געווען אויסגעקרימט אין אַ איראָנישן שמייכל; ער האָט באַוועגט מיט די נאָזלעכער; דאָס גאַנצע געזיכט זיינס האָט נאָכאַנאַנד אויפגעצוקט, בילדנדיק דאָ און דאָרט קרומע געמעלן פון קנייטשן, און ער איז געווען העסלעך און שרעקלעך.

— „אָט ווער ס׳איז משוגע!“ — האָט קיריל איוואַנאָוויטש אויפגעפלאַמט מיט אַ נייעם געדאַנק, און דער דאָזיקער נייער געדאַנק האָט פאַרניכטעט יענעם, וואָס האָט אים אונטערדריקט ביז דעם דאָזיקן מאָמענט.

— ער האָט אַרויסגעהויכט פון זיך אַ גאַנצן זייל לופט און האָט געשפּירט, אַז די גאַנצע קעלט און גרויל, וואָס האָט פאַרשמידט זיין מאַרך, איז פאַרשוואונדן. אים איז געווען אומבאַשרייבלעך אָנגענעם צו קוקן אויף קראַוועצאָווס צעקרימט געזיכט,

און וואָס מער ער האָט געקוקט, אַלץ קלערער האָט ער זיך דערקענט, אַלץ לייכטער איז אים געוואָרן אין ברוסט.

— „אָט וואָס ס'הייסט אַ משוגענער! — האָט ער אינערלעך אויסגעשריען. — אויף וועמען איז ער ענלעך?... אויף יענעם טייוול, וואָס איינער אַ היילִיקער האָט אים געפּאַקט אין זיין האַנטפּאַס און האָט אים דאָרט איבערגעצלמט און פאַרחתמעט אויף מאַטערנישן!"

דער דאָזיקער פאַרגלייך האָט נאָך מער אויפגעהויבן קיריל אי־וואַנאָוויטשן אין זיינע אויגן, און ער האָט טאַקע תיכּף, גלייך נאָך אים, מיט טיפן גלויבן אין זיך און מיט אַנטציקונג אַ טראַכט געטאָן:

— „צי דען איז עס ניט ריכטיק? צי דען איז אַ מענטש, וואָס זיין געדאַנק איז פאַרטונקלט פון משוגעת, פעיק אַ שפּריין צו טאָן אַזוי ברייט אין דער פאַרגאַנגענהייט אַריין נאָך דעם בילד, וואָס איז נייטיק פאַר זיין געדאַנק?"

און קראַווצאָוו האָט אַלץ גערעדט אַזעלכע ביימקע ווערטער און ניט אַראָפּגענומען די ברענענדיקע אויגן פון קיריל איוואַנאָוויטשן.

— הער, דו ביסט — אַ שפּיאָן!

קיריל איוואַנאָוויטש האָט גענומען אַ שטול, האָט אים צוגע־רוקט צום בעטל און האָט זיך אויף אים אַנידערגעזעצט מיט אַן אָנגענעמען שמייכל, ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו קראַווצאָוון און געזאָגט:

— מאַרק דאַנילאָוויטש, וואָס איז מיט אייך? דאָס בין איך דאָך!

— נו יאָ, דאָס ביסטו! איך וויים, דו — דו ביסט אַ שפּיאָן און ביסט געקומען אָבסערווירן, וואָס איך טראַכט. כאַ—כאַ! דו וועסט ניט דערגיין, וועסט ניט אַנטדעקן קיין איין געדאַנק. און איך וועל זיי אַלע ראַטעווען, וואָרעם איך וויים, אין וואָס זיי נייטיקן זיך.... איך האָב פאַרשטאַנען!

— מאַרק דאַנילאָוויטש! — האָט יאַראָסלאַווצעוו געזאָגט מיט איבערצייגונג און מיט פרייד. — צי דען האָט איר מיך פאַרגעסן?

— דיך? פאַרגעסן? ניין, איך קען מען ניט פאַרגעסן, איר זייט אומעטום.... איר — דאָס זיינען פליגן, איר — דאָס זיינען

פרייסלעך, וואַנצן, שטויב, שטיינער פון די ווענט! אַז מע וועט אייך הייבן — וועט איר אָננעמען אַלערליי פאָרמען, איר וועט זיך פאַרקערפּערן אין אַלץ, וועט אַלץ אויסבאָרשן... און וועט נאָכשפּירן, ווי אַזוי, ווען און וואָס טראַכטן מענטשן. אָבער איר זייט פאָרט שוואַך! איך דערקען — בין מעכטיק. אין מיר ברענט אַן אומשטערבלעכער פייער פון שטרעבן צו העלדנטאַטן! און איך וועל אייך אַרויספירן פון דעם לעבן, ווי משה פון מצרים, אַרויספירן פון דער מידבר, וואו עס עטעמט זיך אייך אַזוי וואויל. כ'וועל אייך אַרויספירן און מיר וועלן קומען אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד, וואו די לופט איז צו ריין פאַר אייך און וואו איר קענט דעריבער ניט לעבן. דאָרטן וועל איך אָנטרינקען מיינע ברידער פון דעם קאָסטאַלישן קוואַל פון פרייהייט און וועל אויפוועקן זייערע נשמות צו דער שאַפונג פון לעבן.... צו די גבורות פון לעבן... צו דער אַלפאַרעפונג פון לעבן און צו דער ווידערגעבורט פון די מענטשן! און איר וועט זיך יאָגן נאָך מיר, אַזוי ווי די עגיפּטער, און וועט פאַרשווינדן, דערטרינקען זיך, פאַרכלינען זיך אין דעם ים פון אייגענער נידערטרעכטיקייט און וועט געפינען דעם טויט! דען איר טראָגט אין זיך דעם טויט!

— „ווען וואָס רעדט ער דאָס?“ — האָט קיריל איוואַנאָוויטש געטראַכט, פאַרלירנדיק ביסלעכווייז זיין פרייד פון די פייערלעכע און הויכע ווערטער פון קראַווצאָוו, וואָס זיינע אויגן האָבן אַרויסגעלאָזן שאַרפע, ליכטיקע שטראַלן, וועלכע האָבן געשטאָכן קיריל איוואַנאָוויטשן אין געזיכט און ברוסט ווי דינע, ברענענדיקע נאָדלען.

— „אַ! ער האָט דאָך געלייענט די קירכנפאָטערס... צו וואָס אייגנטלעך... אַווגוסטינען און אָריגענעסן.... און זלאַטאָאוסטן... יאָ.... צו וואָס האָט ער דאָס געלייענט? ס'איז דען ניטאָ עפּעס אַנדערש וואָס צו לייענען? הייסט עס, ער איז שוין לאַנג...דאָס.. זייער אַ קאָמישער מענטש!... ווען וואָס רעדט ער? באַ! — האָט זיך קיריל איוואַנאָוויטש פּלוצלונג צעשטראַלט. — ער האָט מיך גערופן שפּיאָן — הייסט עס, אַז ער האָט אַ פאַרפאָלגונגס-מאַניע! ער האָט וועגן זיך: „איך בין אַזוי ווי משה!“ — הייסט עס, אַז

ער האָט אַ גרויסקייט־מאַניע! גאָט, ווי פּשוט דאָס איז אַלץ! וויסנשאַפט! זי איז שטענדיק ווי אַ פאַקל. אָרעמער מענטש!"

און קיריל איוואַנאָוויטש האָט דערשפּירט, אַז ער וועט תיכף זיך פונאַנדערוויינען אויס רחמנות צו קראַווצאָוון, וואָס איז ווידער געווען אַרומגעקלאַמערט פון דעם וואַרעמען און פריידפולן באַוואוסטזיין, אַז ער דענקט ריכטיק.

עפּעס אויסטערלישס איז געשען מיט זיין נעבעכדיקן געדאַנק: דאָ האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אין עפּעס אַ פינסטערער גרוב, פאַרלירנדיק די האָריזאָנטן; דאָ האָט ער זיך פּלוצלונג אויפגעהויבן ערגעץ־הויך און האָט פריי אַרומגעכאַפּט דעם ריזיקן רוים; דאָ איז ער געבליבן לאַנגזאַם און פויל, גלייך ער וואָלט געוואָרן אָפּגעשוואַכט; דאָ האָט ער האַסטיק געריסן זיך ערגעץ, פאַרטשעפּענדיק אויפן וועג אַ מאַסע פאַרשיידנאַרטיקע געגנשטאַנדן; און ווידער איז ער עפּעס אַזוי ווי געפאַלן אונטן און פאַרשוואונדן געוואָרן. דעמאָלט האָט קיריל איוואַנאָוויטש געשפּירט בלויז דאָס אומרויִקע קלאַפּן פון זיין האַרצן און מער גאָרנישט.

קראַווצאָוו האָט פּלוצלונג זיך איינגאַנצן צונויפגעקנוילט ווי אַ שלאַנג און זיך אַנידערגעזעצט אויף דעם בעטל, אין הוילע וועש, מיט אַן אָפענער ברוסט, אויפגערעגט און פייערלעך־פינסטער.

— דו הער־נאָר! איך וועל גיין און וועל זיי אַלעמען אויפרופן אין פעלד אַריין. דאָרטן וועלן מיר זיך אַלע צונויפזאַמלען, מיר אַלע, די אָרעמע אין גייסט, און אָרעמע אין גייסט וועלן מיר טרויעריק אַוועקגיין פון לעבן! אָבער פריי זיך ניט! און זאָלן זיך אַלע דייניקע ניט פרייען אויף אונזער מפּלה, הגם מיר אָנערקענען זי, דען מיר גייען אַוועק פון לעבן מיט צעבראָכענע האָפענונגס־פאַנצערס אין די הענט, און אָן דעם שויץ פון גלייבן, וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן אין שלאַכט. מיר קענען זיך אום פול מיט כּוח צו שאַפן און באַוואָפנט מיט פעסטן גלויבן אין זיך, קיין שטאַרקערן געווער פון אים איז ניטאָ! פאַרשטאַנען? און מיר וועלן זיך אויך באַדעקן מיט פרישע בלומען פון חלומות וועגן גליק. ווייסט מיך לאָזן אויף דעם דאָזיקן העלדנטאַט? דערפאַר, אַז איך וועל זיך אומקערן צום לעבן, וועל איך דיר דעם ערשטן מוחל זיין

און אין דיין נידערטרעכטיק האַרץ וועל איך צום ערשט אַריינהויכן אַ הויך פֿון איפּלעבונג. ע, דו שטיין! לאָז מיך!

„— וועמען וויל ער עס ראַטעווען און באַנייען?" — האָבן זיך אין קיריל איוואַנאָוויטשעס קאָפּ לאַנגזאַם געדרייט די געדאַנקען.

— אים האָט שוין ווידער ניט באַנג געטאָן אויף קראַווצאָוון, ער איז אַפּילו אויף אים אַ ביסל בייז געווען דערפֿאַר, וואָס ער האָט אָן אויפֿהער גערעדט זיינע פֿייערלעכע רייד, און ווייל זיי קלינגען קיריל איוואַנאָוויטשן אין קאָפּ, שטערן זיי אים צו כאַפּן אַ וועלכן־ס׳איז וויכטיקן געדאַנק. די מעשה פֿון דעם איז, וואָס אין קיריל איוואַנאָוויטשעס קאָפּ האָט זיך פּלוצלונג אַלץ באַפֿאַרבט אין פֿאַרשיידענע פֿאַרבן, ער האָט עס קלאָר געשפּירט און געזען: פֿאַר זיינע אויגן האָבן געשוועבט און זיך געדרייט קיילעכיקע פֿלעקן — געלע, בלויע, רויטע. זיי זיינען געווען פֿיל. זיי האָבן זיך אַלע שנעל געדרייט און פֿון זיי האָט זיך געריסן און האָט זיך בשום אופֿן ניט געקענט אַרויסרייסן איינער אַ העל־גרינער און פּילציזאַנגדיקער פֿלעק. דאָס מוז זיין אומפּאַדיינגט עפּעס וועגן גלויבן. נאָר קראַווצאָווס שטימע האָט צעטרייסלט די לופֿט און אַלץ האָט געציטערט, זיך צויפֿגעגאָסן, זיך געפּלאָנטערט צווישן זיך.

— אַך, ווי הויך! — האָט קיריל איוואַנאָוויטש אויסגעשריען פֿאַר זיך מיט קומער. — וואָס וויל ער? ע, פֿאַרזעעניש! וואָס איז דאָס? — אַרויס פֿון לעבן?

קיריל איוואַנאָוויטש האָט זיך דערמאָנט אָן עפּעס אַ בילדל, אויף וועלכן ס׳איז געווען אויסגעמאָלט אַ מענטש מיט אַ פּייפּעלע אין מויל. דער מענטש איז געשטאַנען אויפֿן ברעג טייך און האָט געשפּילט אויף זיין פּייפּעלע, און פֿון אַלע זייטן זיינען זיך צונויפֿגעלאָפֿן צו אים מייז און ראַצן. דער דאָזיקער מענטש האָט געהאָט עפּעס געמיינזאַמס מיט מאַרק קראַווצאָוון. לעכערלעך! און קיריל איוואַנאָוויטש האָט, ווינדיק זיך אויפֿן שטול פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער, זיך פּלוצים צעלאַכט.

קראַווצאָוו האָט זיך אָפּגעוואָרפֿן אויף צוריק, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אָן וואַנט, און אָנבייגנדיק דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן.

— אָט... טריומפירט עס יודאַס! — האָט ער אַרויסגעפליסטערט הויך און האָט בייז געקוקט אויף קיריל איוואַנאָוויטשן.

יענער האָט אַ ציטער געטאָן און האָט דערשראָקן אויסגעשטעלט זיינע אויגן אויף קראַווצאָוון. זיי האָבן שווייגנדיקערהייט לאַנג באַטראַכט איינער דעם אַנדערן — קיריל איוואַנאָוויטש אומוואַרטנדיק און ציטעריק, און קראַווצאָוו — פאָרשנדיק און פאַרוואָלקנט. קיריל איוואַנאָוויטש האָט דערשפּירט, אַז די שטראַלקע אויגן פון דעם קראַנקן ציען אים צו זיך, און, אָנבייגנדיק זיך אויפן שטול, האָט ער זיך אָנגעלענט אָן בעטל לעבן קראַווצאָווס צופוסנס.

ס'איז געוואָרן שטיל. אויפן גאַס איז שוין געוואָרן פינסטערלעך, און פון די קוסטעס פון דעם גערטל וואָס פאַרן הויז האָבן זיך אין די שויבן און אויף די פענצטער-ברעטער אויסגעלייגט אָוונט-שאָטנס. ענדלעך האָט פּלוצלונג קראַווצאָוו אַ שמייכל געטאָן און האָט שטיל געזאָגט:

— איך קאָן דאָך אייך.

— געוויס! — האָט קיריל איוואַנאָוויטש פּאָזיטיוו אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט צוגעגעבן כמעט מיט געפליסטער: — רעדט עפּעס. וואָרעם אַזוי איז זייער שרעקלעך... ס'איז שוין נאַכט.

— רעדן? מיט אייך? איך קאָן דאָך אייך! — איר זייט — יאַראָסלאַווצעוו, אַ סטאַטיסטיקער? איר שעמט אייך איצט?

— איך? ניין, גאָרנישט. נאָר ס'איז שרעקלעך.

— יאָ! דאָס איז ריכטיק! שרעקלעך! האָט מורא פאַר דער צוקונפט! אין אים ליגט אייער סך-הכל!

ביידע האָבן איצט גערעדט מיט געפליסטער און ביידע האָבן זיך געפלייסט אַרויסצוריידן יעדע נייע פראַזע נאָך שטילער פאַר דער פריערדיקער. ניט געקוקט אויף דער פינסטערניש אין צימער, האָט קיריל איוואַנאָוויטש נאָך געזען קראַווצאָווס געזיכט און דעם חוזק-שמייכל אויף אים. אים האָט אַלץ שטאַרקער געצויגן צו דעם דאָזיקן מענטשן מיט די שטראַלקע אויגן.

— סך-הכל, זאָגט איר? — האָט ער שווייגנדיק אַ ווײַלע געפּרעגט. — וואָס איז דאָס?

דאָס איז אַ חשבון פון אַלע נבלות פון אײַער לעבן. אַן אָביעקטיווער חשבון, — האָט קראַווצאָוו אײַנדרינגלעך אַ שעפּטשע געטאָן. — איר מיינט, אַז מיט אײַער סטאַטיסטיק ענדיקט זיך אַלץ, אַ? ניין, מענטש, איר האָט אַ טעות. ס'איז נאָך פאַראַן אַ סטאַטיסטיק פון געוויסן, מיט איר פיר איך אָן! איך האָב ניט קיין רחמנות... און איך ווייס דעם ווערט פון אַ פאַקט! פון אײַך האָב איך שוין געמאַכט דעם חשבון!

— אַ מענטשן דאַרף מען ניט שרעקן! — האָט קיריל איוואַנאָוויטש טרויעריק געבעטן דעם מיטשמועסער.

— אַ מענטשן-יאָ, אָבער אַ שפּיאָן-מוז מען! פאַרוואָס זײַט איר אַ שפּיאָן? פאַרוואָס שפּירט איר מיך נאָך, ווי איך טראַכט? גאָט מײַנער, איך טראַכט דאָך נאָר! דערפון לײַד איך דאָך, בלויז איך! טראַכטן איז דאָך אַפילו גאַנץ אָנשטענדיק, וואָרעם פון טראַכטענישן קומט דאָך אום דער מענטש פון זיך אַליין, און איר באַדאַרפט ניט פּטרן אײַערע קאָפּיקעס אויף אומצוברענגען אים!

קראַווצאָווס געפּליכטער האָט זיך פּלוצלונג איבערגעריסן, און אַ הויך וואָרט האָט אַ קלונג געטאָן, אַזוי ווי מעטאַל:

— גע-עלט! אַ, יאָ... איר ווילט געלט פאַר מײַן פרײַהייט צו טראַכטן? איר פאַרקויפט זיך? וויפיל?

— הער-נאָר! — האָט קיריל איוואַנאָוויטש געזאָגט מיט איבערצייגונג, נאָר שעפּטשענדיק. — שריי ניט, מע וועט דערהערן! זיי זײַנען שטענדיק נאָענט!

— מע וועט דערהערן?... און דו האָסט אויך מורא? אָבער פאַרוואָס? דו ביסט דאָך אַ מנוול, און דו מעגסט ריידן הויך, אַ?... הער-נאָר, לאָז מיך! איך גיי טאָן אַן אײַנפאַכע און נוצלעכע זאַך. דאָס איז אַ לעגאַלע זאַך, אין פאַרזיכער דיך. איך וויל אַרויספירן פון לעבן די אַלע מענטשן, וואָס, ניט קוקנדיק אויף זייערע פלעקן, זײַנען זיי דאָך די סאַמע ליכטיקע מענטשן אין לעבן... זיי קומען אום פון אומעט און אײַנזאַמקייט און פון אײַערע רדיפות אויף זיי. זיי, זעסטו, ווערן דערשטיקט אין דער

שטינקעכץ פון לעבן, מיט וועלכער דו עטעמסט פריי. דאָס איז דיין סטיכיע.... נאָר זיי.... לאָז מיך זיי ראַטעווען! — האָט ער הויך אויסגעשריען.

אַ כוואַליע פון בייסיקן האַס האָט פאַרכאַפּט קיריל איוואַנאָוויטשן. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דעם בעטל און האָט שטיל, באַליידיקנדיק-קלאָר גענומען צישען אין קראַווצאָווס געזיכט.

— דו שריי ניט! כ'וועל דיר זאָגן... דו ביסט אַ משוגענער, אַט-וואָס! דו פאַרשטייסט? דו ביסט משוגע! יאָ... ראַטעווען!.... וועמען? איך — איך בין יאַראָסלאַווצעוו, קיריל יאַראָסלאַווצעוו, און דו — דו ביסט אַראָפּ פון זינען!... ליג זיך! פאַרשטאַנען? נו?!... און גאָר...

ער האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזן אויפן שטול, שווער עטעמענדיק, און פינטלענדיק אָפט מיט די אויגן. קראַווצאָוו האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און האָט זיך שווער גענומען וויגן פון איין זייט אויף דער אַנדערער.

ס'איז ווידער געוואָרן באַצויבערנדיק און שרעקנדיק שטיל. ס'איז אויפגעגאַנגען די לבנה, און אין דער שטיקנדיקער פינסטערניש פון דעם צימער האָט זיך אַריינגעגאָסן אַ בלוי ליכט און זיך אויסגעלייגט אין אַ פּאַס אויף דער דיל.

דער אויסבראָך פון האַס האָט אָפּגעשוואַכט קיריל איוואַנאָוויטשן, און די מורא פאַר דער צוקונפטיקער מינוט איז אַלץ געוואַקסן אין אים. אין דער שטילקייט און טיפער פינסטערניש פון דעם צימער איז שטום געשען עטוואָס געהיימעניספולס און רעגלמעסיקס — ס'איז אָנגעגאַנגען עפּעס אַ צעשטערנדיקע אַרבעט.

אויף דעם בלויען פּאַס לבנה-ליכט, וואָס איז געלעגן אויף דער דיל, זיינען געפאַלן די געמעלן פון די שאָטנס פון די בלומען אויף דעם פענסטער, און אַלץ צוזאַמען איז געווען ענלעך אויף עפּעס אַ מגילה, וואָס איז דורכאויס געווען באַמאָלט מיט פינסטערע היעראָגליפן, וואָס האָבן גערעדט וועגן די טיפע סודות פון לעבן און וועגן דער אָנמעכטיקייט פונם שכל לגבי זיי. קיריל איוואַנאָ-

נאָוויטש האָט אַ קוק געטאָן דערויף און האָט זיך שנעל אָפּגעקערט, שפּירנדיק אין ברוסט עפּעס שטויסן אַזעלכע.

— „אַלץ ענדיקט זיך!" — האָט ער שטיל אַ פליסטער געטאָן און אים איז געוואָרן שטאַרק אומעטיק.

קראַוועצאָוו האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט שווייגנדיק אַ קוק געטאָן אויף אים און האָט גענומען באַוועגן מיט די ברעמען. קיריל איוואַנאָוויטש האָט זיך פלוצלונג צעוויינט, האָט אַרומגענומען זיינע פיס, האָט זיי שטאַרק צוגעדריקט, האָט זיך אַ זעץ געטאָן אָן זיי מיט זיין קאָפּ און האָט זיך צעכליפּעט, ווי אַ קינד.

— איך שרעק זיך...

— פאַר דער צוקונפט? — האָט קראַוועצאָוו געפרעגט מיט אַ שמייכל און טריומפירנדיקן אויסגעשריי, האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים און האָט אויסגעצן געציטערט מיט אַ לייכטן שוידער.

— דערציילט אַלץ פון אָנפאַנג... דערציילט! — האָט קיריל איוואַנאָוויטש געפליסטערט.

— אַהאַ! איך האָב נאָך איינעם באַזיגט! — האָט קראַוועצאָוו אויך געפליסטערט און אָפּגעריסן זיין קאָפּ פון זיינע פיס. — דאָס איז גוט... אַ זיג גלייך פון דעם ערשטן טראָט!.... דו האָסט חרטה, אַ? זעץ זיך... קום אַהער, איך וועל דיר אַלץ דערציילן.

ער האָט געפרווט צונעמען קיריל איוואַנאָוויטשעס הענט פון זיינע פיס, מיט וועלכע זיי זיינען געווען אַרומגעקלאַמערט, און אויפהויבן זיין קאָפּ, נאָר קיריל איוואַנאָוויטש האָט אים ניט אָפּגעלאָזן, האָט זיך אַלץ פעסטער געטוליעט און געמורמלט עפּעס אונטערן נאָז מיט געוויין.

ענדלעך האָט אים קראַוועצאָוו געלאָזן צורו; אָנגעבויגן זיך איבער אים, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אָן דעם בעטל און האָט גענומען ריידן שטיל, נאָר פייערלעך און ערנסט:

— דו קענסט מענטשן, וואָס זיינען אין געפאַנגענשאַפט ביים לעבן? דאָס זיינען יענע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט זיין העלדן און זיינען געוואָרן סטאַטיסטיקער און לערער. זיי האָבן זיך אַמאָל געראַנגלט מיטן לעבן, נאָר זיינען באַזיגט געוואָרן פון אים און גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט פון זיינע קליינקייטן... אָט

וועגן זיי רייד איך, דאָס און זיי וויל איך דאָס ראַטעווען... פאַר=
שטאַנען? זיי קומען אום, דען זיי ווערן געיאָגט, דען אַלע קוקן
אויף זיי, ווי אויף שונאים, און אינדעראמתן זיינען זיי זיך אַליין
שונאים. צעזייט אומעטום, קומען זיי אום פון ספיקות און בענק=
שאַפט... און פון אוממעגלעכקייט צו גיין, צוריידן און צו טראַכטן
פריי... און אָט זיי וועל איך אויפזאַמלען צוזאַמען און אַרויס=
פירן פון לעבן אין אַ מדבר אַריין. און דאָרט וועל איך פאַר זיי
אויסבויען דעם געצעלט פון אַלגעמיינער רעטונג. דו פאַרשטייסט? — אַ
געצעלט און ניט קיין קאָמונע, ניט קיין פאַלאַנסטער — דאָס איז
לעגאַל, ניט אמת? און איך אַליין וועל זיך שטעלן איבער זיי
אַלעמען און וועל זיי אויסלערנען אַלץ, וואָס איך ווייס. איך ווייס
אַ סך, פיל מערער, וויפל ס'איז פאַראַן וואָס צו וויסן, דען איך
ווייס אַלץ פלוס — מיין וויסן!... מיר וועלן טראַנסוויז אויס=
לייזיקן אונזער זאַפט אויף דעם מדבר=זאַמד און וועלן
אים באַלעבן, פאַרבויענדיק אים מיט בנינים פון גליק! צווישן אונז
וועט זיך איבער אַלעמען דערהויבן דער געצעלט פון אַלגעמיינער
דערלייזונג, און אויף זיין שפיץ, אונטער דעם גלעזערנעם קו=
פאָל, וועל איך אַליין זיך 'אייביק דרייען און אַכטונג געבן, אַז
ביי די=יעניקע, וואָס זיינען מיר איבערגעענטפערט פונם גורל, זאָל
זיין אָרדענונג. איך וועל זיין שטרענג, אָבער גערעכטיק, ניט אויפן
מענטשלעכן שטייגער. איך ווייס די אמתע גערעכטיקייט. איך וועל
אויף אַלעמען אַרויפלייגן איין פליכט — צו שאַפן. שאַף, דען די
ביסט אַ מענטש! — וועל איך יעדערן באַפעלן. דאָס וועט זיין
גראַנדיעז! און אַז מיר וועלן באַשאַפן אונזער קיניגרייך, און וועל=
כער אַלץ וועט זיין האַרמאָניש, וועלן מיר צונויפרופן אַלע שפּיאָ=
נעס און אַלע שטאַרקע פון דער ערד, און אַלע נאַרישע פעלקער
וועלן מיר צונויפרופן און זיי זאָגן: „זעט, איר האָט אונז גע=
רודפט, און מיר האָבן אייך באַשאַפן אַן אייביק בילד פון לעבן!
אָט האָט איר עס, גייט נאָך אים. מיר, דערקעגן, צוריקאויפגע=
לעבטע פון דעם אַש, מיר גייען שאַפן, אייביק שאַפן... אָט דאָס
איז אונזער אויפגאַבע". און מיר, געוועזענע אביונים, וועלן אַוועק=
גיין און באַרייכערן די געוועזענע קרעזן מיט די אוצרות פון גייסט

און מוטן כּוח צום לעבן. ס'איז אַ נצחון!... דעמאָלט וועל איך זאָגן דער גאַנצער וועלט: „מענטשן, טוט זיך אָן אין העלע קליידער, דען די נאַכט איז פאַרשוואונדן און וועט מער ניט קומען". אַט וואָס פאַר אַ אידעע איך האָב געבוירן פון די אומגליקן און ליידן פון מיין לעבן, איך, אַ געדודעטער און אַ געיאָגטער, איך, אַן אויסגעמאַטערטער. דו ווילסט עקסיסטירן? — שאַף נייס! גיב עפּעס די מענטשן, גיב זיי, דען זיי זיינען — נעבעכדיק און אָרעם! ביסטו מיט מיר, הייסט עס, אַז דו האָסט זיך פאַראייניקט מיט דעם אמת. דו וועסט זיין מיין ערשטער שילער — ניט וויין! מיר וועלן צוזאַמען שאַפן! עי, קינדעלע, ביסט נאָך שוואַך! דו ביסט אויך באַליידיקט? ס'איז גאָרנישט! באַלד וועסטו צוריק אויפלעבן צו אַ ניי לעבן, צו אַ לעבן, אין וועלכן מיר וועלן זיך באַטייליקן און וועלן הויך, אויפן קול, אָן מורא ריידן וועגן אַלץ, וועגן וואָס מיר ווילן, יאַ? דו גלויבסט מיר ניט, מענטש? גלויב! הגם דאָס זעט אויס צו זיין אוממעגלעך צו פאַרווירקלעכן, אָבער פונדעסטוועגן גלויב. איך בין דיין גוטער גייסט, איך בין דער אָדלער פון דער צוקונפט! איך בין דיר ערב, אַז אַלע ווערטער פון דיין האַרצן און שכל וועלן באַקומען לעבן, מע וועט זיי דערהערן, מע וועט וועגן זיי טראַכטן, זיי פאַרשטיין, און די וועסט אויך באַקומען דאָס דייניקע — די ליבּ פון אַ מענטשן, וואָס האָט געלעבט פאַרן לעבן און פאַר די מענטשן. גלויב מיר, מיר וועלן זיך אָנטרינקען פון דעם פולן לעבנסבעכער און אַלע אונזערע חושים וועלן קלינגען מיט טענער פון באַפרידיקונג. דו ווייסט, וואָס עס האָט געזאָגט גריגאָרי באָגאָסלאָוו וועגן יוליאַנען, וועלכער איז אינדערעמתן אַן אַבּסטראַקטע אָפּווייכונגס־פאָרמל פון אמת און גלויבן? און דו ! האָסט אפשר אויך, אַזוי ווי אַלע, געטראַכט, אַז יוליאַן — האָט איז צעזאָר? ליבּינקער! גלויב ניט אין דעם הײַזיקן טריוויאַלן אמת, ער איז אַלט; נעם פון אים אַרויס די אידעע, אָבער פאַרגעס וועגן אים. דאָס לעבן — איז אין דער צוקונפט, און האָרטן געהער דאָס לעבן צו אונז. אין דער פאַרגאַנגענהייט זיינען בלויז אידעען, האָרטן זיינען ניטאָ קיין פערזאָנען. און מיר ביידע זיינען פערזאָנען און דערפאַר וועלן

מיר נעמען די אידעען, וואָס זיינען אונז נייטיק פאַר די שטאַפּלען צו דעם לייטער פון גליק, איבער וועלכן מיר וועלן אַריינגיין אין אייביקן גן־עדן, ווי די מלאכים אין יעקבֿס חלום, ווי די שעפּער פון לעבן, ווי די באַנייער פון גייסט!

זיין פייערלעכער געפּליסטער האָט זיך ענדלעך פאַרוואַנדלט אין אַ שטראָם פון ווערטער, וואָס איז אַליין זעלטענער און זעלטענער געווען באַלעבט מיט אַ געדאַנק, און לסוף — זיך פאַרוואַנדלט פּשוט אין ווערטער אָן אַ געדאַנק, אין ווערטער, וואָס זיינען, ווי עס האָט זיך געדוכט, געווען פאַרבונדן צווישן זיך בלויז מיט דער איינהייטלעכקייט פונם קלאַנג. ער האָט גערעדט מיט אויפרעגונג און איינדרינגלעך, געבליצט מיט די אויגן אויף קיריל איוואַנאָוויטשן.

— רעטונג... פּאַסקאַל... דערוויל...

קיריל איוואַנאָוויטש האָט שוין לאַנג אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף די קני פאַרן בעטל און האָט כסדר אַרומגענומען קראַווצאָווס פיס. ער האָט איצט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַ ביסל אויף אַהינטער און האָט מיט אַנטציקונג געקוקט אויף קראַווצאָווס געזיכט, ניט אָפּרייסנדיק זיך אויף קיין איין סעקונדע פון אים.

אויפן דיל איז נאָך אַלץ געלעגן די דאָזיקע בלויע מגילה פון לבנה און שאָטנס, נאָר די היעראָגליפן, וואָס זיינען געווען אויף איר אָנגעצייכנט, האָבן זיך פאַרענדערט, געוואָרן איינפאַכער מצד דער פאָרם, נאָר פון אַ נאָך מער טונקעלער פאַרב.

מיט די פּנימער איינע צו די אַנדערע, האָבן די צוויי מענטשלעכע פיגורן ניט געאַכט אויף דעם, וואָס אין טיר האָבן נאָך דער דריי אַריינגעקוקט: דאָס אַ קאָפּ פון אַ פרוי אין אַ שוואַרצן קאַפּטער, דאָס אַ קאָפּ פון אַ מאַנספּאַרשוין אין אַ היטל און מיט אַ שוואַרצער באָרד. הינטערן טיר האָט זיך אויך געהערט אַ שושקעריי. און קראַווצאָוו האָט, אָנשפּאַרנדיק זיך כסדר מיט די הענט אָן בעטל, אָנגעבויגן זיך צו קיריל איוואַנאָוויטשעס פּנים און האָט אַלץ גערעדט, גערעדט. דאָס האָט געדויערט כמעט ביז פאַרטאָג. און אַז די פינסטערניש הינטערן פענסטער האָט גענומען גרויען, האָט

ער זיך אַ פֿאַרמאַטערטער אַ וואַלגער געטאָן אויפֿן קישן און איז פֿאַרשטאַרט געוואָרן.

קיריל איוואַנאָוויטש איז שנעל אויפֿגעשטאַנען, האָט זיך אַרומגעקוקט מיט שרעק און איז צוגעשפּרונגען צו אים. ס'איז געוואָרן טאָג. ער האָט אַראָפּגעריסן פֿון זיך דעם מאַנטל, האָט פֿאַרהאַנגען מיט אַ זעץ דעם פֿענסטער און, צוגייענדיק ווידער צו דעם בעטל, האָט ער אַרויסגעפּליסטערט:

— ס'איז גאָרנישט, רייד!

נאָר קראַוצאָוו האָט שוין, משמעות, ניט געקענט ריידן; ער האָט בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט, אָפּזיפֿצנדיק, זיך אומגעקערט צום וואַנט.

דעמאָלט האָט זיך קיריל איוואַנאָוויטש געזעצט צופֿוסנס אויף זיין בעטל און, אַרומנעמענדיק זיינע קני מיט די הענט, האָט ער גענומען קוקן מיט אויגן פֿול ליבע און באַגייסטערונג אויף דעם באַשעפֿער פֿון דעם געצעלט פֿאַר דער אַלגעמיינער רעטונג.

אויף דעם פּירקאַנטיקן, ווייסן פֿלעק פֿון קישעלע האָט זיין שוואַרצער קאָפּ זיך תּחילת שאַרף אויסגעטיילט, און דערנאָך האָט ער גענומען צערינען און איז צערונען געוואָרן. דעמאָלט האָט זיך אויף זיין אָרט באַוויזן אַ געלער, גרענעצלאָזער און טרוקענער מדבר, און אין אים זיינען געווען לויטער בר־מיננס... אַ סך בר־מיננס, וואָס זיינען געלעגן אין פֿאַרשיידענע פּאָזעס און האָבן אָפּגערוט פֿון דער מידקייט פֿון וועג. אין ווייט, אויף דעם ברעג מדבר האָט געשיינט אַ בלוטיק־רויטע קייל, וואָס האָט זיך ערגעץ אַראָפּגעלאָזן, און פֿון הימל זיינען געפֿאַלן ווייכע און טונקעלע שאָטנס און האָבן איינגעהילט די מידע מענטשן... דערנאָך איז געוואָרן נאַכט, ס'איז אָנגעקומען דער שלאָף און אין דער שטילקייט פֿון דעם מדבר האָט זיך דערהערט דאָס ריידן פֿון שלאָף פֿון די שלאָפֿעדיקע מענטשן. איין מענטש איז צווישן זיי ניט געשלאָפֿן, איז געשטאַנען און האָט דורכדרינגלעך געקוקט אין הימל אַריין, וואו עס זיינען געווען אַ סך שטערן און וואו אונטער זיי זיינען אומבאַוועגלעך געשטאַנען אין דער לופֿטן דריי שוואַרצע פּינטעלעך. דאָס זיינען געווען די אָדלערס פֿון מדבר.

און דער מענטש האָט אויף זיי געקוקט מיט חשד און מיט ערוואַרטונג.

און דערנאָך האָט קיריל איוואַנאָוויטש געזען דעם וועג, וואָס איז געווען פול מיט מענטשן, וועלכע באַפרייען זיך פון דער תפיסה פון לעבן. זיי זיינען געווען אַ סך. צווישן זיי זיינען אויך געווען קינדער; זיי האָבן געוויינט אויף די הענט פון די מוטערס און פאָטערס. און די פאָטערס און די מוטערס זיינען שווייגנדיק געגאַנגען אין שטויב און אין צעריסענע קליידער, און דורך זייערע אויגן האָט קיריל איוואַנאָוויטש געזען זייערע נשמות פאַרהילט אין קומער און שמאַטעס, צעפליקטע, אָפּגעטראָגענע נשמות פון אַ סך ליידנדיקע מענטשן. פאָראויס איז געגאַנגען ער, דער גרויסער מענטש, וועמען אַלע זיינען געווען געהאָרכזאַם און אויף וועמען מע האָט געקוקט מיט האָפענונג, און לעבן אים האָט קיריל איוואַנאָוויטש זיך געזען. ס'איז אָנגעקומען די פינסטערניש און האָט אַלץ פאַרדעקט.

און ער, קיריל איוואַנאָוויטש, האָט געזען די אַרבעט פון שאַפן דעם געצעלט פון אַלגעמיינער רעטונג... און דאַן ווידער די פינסטערניש... און ער האָט געזען דאָס פייערלעכע אומקערן זיך צום לעבן... און ווידער די פינסטערניש... און, ענדלעך, בלויז פינסטערניש אָן אַ ברעג און אָן אַ גרונט, וועלכע האָט געטעמט אויף אים, אין זיין געזיכט און אין דער נשמה מיט טרויעריקער קעלט. פון דעם עטעמען פון דער פינסטערניש האָט ער זיך געהייגט, דאָס גאַט געשפירט, אַז אָט באַלד וועט ער זיך אָפּרייסן פון דער ערד און אַוועקפליען ערגעץ, און האָט געלעבט מיט דעם דאָזיקן שאַרפן געפיל, וואָס האָט אים געשטערט צו מאַכן די קלענסטע באַוועגונג. און אים איז געווען אַזוי טרויעריק־שמערצלעך, אַזוי קאַלט, שרעקלעך....

אַליין פעסטער זיך צונויפגעדריט אין אַ קנויל, האָט ער ברייט צעעפנט די אויגן און האָט זיך געפלייסט צו דערזען אין דער ווייטקייט פון דער פינסטערניש דאָס, וואָס האָט באַדראָפט מיט אים פּאַסירן, דען ער האָט געשפירט, אַז באַלד, תיכף, אין דער קומענדיקער רגע, וועט עפּעס דערשיינען צו באַפרייען אים פון דער מאַכט פון גרויל.

די שטראַלן פון דער זון זיינען געפאַלן אויף זיין געזיכט. ער האָט אויפגעשוידערט, האָט פאַרזשמורעט די אויגן און האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַ בלאַסן שמייכל פון אַ קראַנק קינד.

און דערנאָך איז ער, פונקט אַזוי אומבאַוועגלעך, ווי פריער, נאָר שוין מיט אָפענע אויגן, אַ לאַנגע צייט געזעסן...

---

אינדערפרי, אַ זייגער זיבן, איז געקומען ליאַכאָוו, דער מינאָרער און אַ מענטש אין גילדערנעברילן מיט אַ דאָפערדיקן געזיכט. זיי זיינען שטיל, איינציקווייז, אַריינגעגאַנגען אין טיר, און הינטער זיי זיינען אין פירהויז געבליבן עפעס אויסטערלישע מענטשלעכע פיגורן.

— נו, וואָס? ניט געבושעוועט? — האָט ליאַכאָוו, אַ הויכער מאַן מיט אַ טרויעריקן און בלאַסן געזיכט, געזאָגט צו קיריל איוואַנאָוויטשן, וואָס האָט בעת זייער ערשיינען אַראָפגעלאָזן די פיס פון בעטל און געקוקט אויף זיי מיט אַ לויטערן שמייכל.

קיריל איוואַנאָוויטש האָט געדריקט ליאַכאָווס אויסגעשטרעקטע האַנט צו אים און האָט מיט שטילער באַגייסטערונג אַריינגעקוקט אין זיין געזיכט.

— איר זייט שוין געקומען?... הייסט עס, ס'איז צייט?

— יאָ... — האָט ליאַכאָוו געזאָגט און האָט דורכדרינגלעך אַ קוק געטאָן אויף דעם געזיכט פון דעם שלאָפנדיקן קראַווצאָוון.

— און ווי, וועלן מיר וואַרטן, ביז ער וועט זיך אויפכאַפּן? — האָט דער מינאָרער געפרעגט דעם הער אין די ברילן.

— איך רעכן, מע זאָל אים אַזוי-אָ נעמען און גלייך אין קאַרעטע אַריין. קומט אַהער!

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו זיך, און אין טיר זיינען אַריין צוויי געזונטע יונגען אין ווייסע פאַרטעכער.

— נעמט פאָרזיכטיק דעם קראַנקן!

דאָ איז קיריל איוואַנאָוויטש צוגעגאַנגען צום בעטל, האָט זיך אַזוי אַוועקגעשטעלט לעבן זיין צוקאָפּנס, אַז ער האָט פאַרשטעלט קראַווצאָווס געזיכט, האָט פאַרחידושט אַ קוק געטאָן אויף אַלעמען און האָט שטיל, נאָר איינדרינגלעך געפרעגט:

— וואו נעמען?... אים נעמען? וואו נעמען?

— אין הויז, פאַרשטייט זיך, — האָט דער מינאָרער געזאָגט.

— אין שפּיטאָל, — האָט גלייכצייטיק אַרויסגערעדט דער דאָקטאָר און האָט שאַרף אויסגעשטעלט די אויגן דורך די ברילן אויף קיריל איוואַנאָוויטשעס געזיכט.

קיריל איוואַנאָוויטש האָט זיך שטאַרק געריבן דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען עפּעס.

— יאָ־יאָ!... אין שפּיטאָל!... און צו וואָס איינטלעך?... און ווער זייט איר? — און קיריל איוואַנאָוויטש האָט זיך שטיל צוגערירט צו דעם דאָקטאָרס אַרבל.

— איך בין דער דאָקטאָר, דער פאַרוואַלטער פון דעם הויז פאַר גייסטיק־קראַנקע, — האָט דער הער אין די ברילן געזאָגט און ניט אויפגעהערט צו באַטראַכטן קיריל איוואַנאָוויטשן.

„אַ אינטעליגענטער מענטש, הייסט עס!“ — האָט קיריל איוואַנאָוויטש געטראַכט און האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

— מיר איז אָנגענעם אייך צו זען.... און איך בין צופרידן, וואָס איר זייט אויך נאָך אים געקומען, — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אויף קראַווצאָוון.

— מיר זיינען געקומען צו פאָרן אין אַ קאַרעטע, — האָט זיך דער מינאָרער אַריינגעמישט און האָט באַטראַכט קיריל איוואַנאָוויטשן מיט חשד.

— נו, דאָס איז אומזיסט, — האָט יענער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — מיר וועלן אַלע גיין צופוס, ער — דערהויפּט.

— ער וועט דאָך אָבער מאַכן סקאַנדאַלן אויפן גאַס! — האָט דער מינאָרער שטיל אויסגעשריען.

— וואָס הייסט? — האָט זיך קיריל איוואַנאָוויטש געוואונדערט.

— וואָס דען מיינט איר, טאַערינקער?... באַדאַרפט אייך, אָדער איר זייט אויך, אַזוי ווי ער, אַראָפּ פון זינען?...

— ערלויבט! — האָט דער דאָקטאָר אָפּגעשטעלט דעם מינאָרן.

— קיריל איוואַנאָוויטש האָט זיך אָנגעצונדן און האָט אַלע-

מען באַקוקט מיט אַ שמייכל פֿון אומצוטרוי און מיט מורא אין די אויגן. די דריי מענטשן זיינען אויך געשטאַנען און געקוקט אויף אים מיט עפּעס אַ שרעקעדיקער נייגעריקייט און שטויסנדיק זיך אויף עפּעס. קיריל איוואַנאָוויטש איז דאָ געוואָרן רויט, דאָ בלאַס פֿון עפּעס אַ אינערלעכער אַרבעט. דער שמייכל איז פֿאַרשוואונדן פֿון זיינע אויגן, און זיי האָבן, מאָדנע אויסברייטערנדיק זיך, זיך פֿלוצלונג העל אָנגעצונדן מיט עפּעס אַ געדאַנק.

— מיינע הערן! — האָט ער בעטנדיק גענומען שעפּטשען, האָט געדריקט די הענט און געקנאַקט מיט די פֿינגער. — מיינע הערן! וואָס טוט איר? ס'איז אַ טעות! איר האַלט אים פֿאַר אַ משוגענעם? ס'איז אַ פֿאַרדראָסיקער טעות! הערט מיך אויס — לאָזט אים אַזוי ווי ער איז. לאָזט אים אויספֿירן די זאַך, וואָס ער האָט פֿאַרטראַכט. דאָס איז אַ גרויסע, נויטווענדיקע זאַך! איר זייט באַקאַנט מיט זיין אידעע? ניין? ווי אַזוי־זשע באַשליסט איר זיך, מיינע הערן, אויף אַזאַ שאַרפֿער באַציִונג צו אים?... דאָס איז... מאָדנע! הערט מיך אויס! איך האָב אים באַגריפֿן, איך האָב באַגריפֿן זיין אידעע. איר מוזט דאָך מסכּים זיין, אַז איך בין אַ פֿאַרשטאַנדיקער מענטש. באַבקין און ליאַכאָוו וועלן עס באַשטעטיקן. יאָ!... ווי־זשע טוט איר עס?... ס'איז דאָך שרעקלעך! דאָס איז ניט פֿאַר אייער כּבֿוד! איר דרינגט נאָר אַריין אין תּוך פֿון זיין לערע: מיר ווערן געמיין און מיר שטאַרבן מאָראַליש, מיר שטאַרבן מיט אַ טויט, וואָס קומט פֿון משוגעת, מיר שטאַרבן געמיין, פֿיזיש. דאָס אַליין איז אויס בענקשאַפֿט נאָך די פֿאַרלאַנגען, אויס דעם צער פֿון איינזאַמקייט, אויס מאַנגל אין לעבן, אין וועלכן מע גיט אונז ניט קיין אָרט. איך רייד אומפֿאַרשטענדלעך? אַ, מיינע הערן!... אונז איז פֿאַרבאָטן צו לעבן. פֿאַרוואָס איז פֿאַרבאָטן, מיינע הערן!... מיר זיינען דען פֿאַרברעכער?... און נאָך, זאָלט איר מיר זאָגן: ניט־שוין־זשע איז ער, וואָס האָט אונז פֿאָרגעלייגט אַרויסצוגיין מיט אים אויסער די גרעניצן פֿון לעבן און די זאַמדיקע, אומבאַוואוינטע מדבריות אַריין, ניט־שוין־זשע איז ער ניט גערעכט? ער וועט אונז ברענגען צוריק אַהער... בעת מיר וועלן אויפֿלעבן גייסטיק, מיינע הערן!... וואָס ווילט איר

טאָן.... אויף אַזאַ אופן וועלן דאָך בײַ אײַך אַלע אויסקומען משוגע; אַלע, ווער עס וויל גליק פֿאַר אַנדערע און ווער עס שטרעקט אויס די הענט מיט הילף.... ווער עס פֿאַדערט הייס און ליבט שטאַרק די אָרעמע מענטשן, וואָס זיינען פּאַריאַגט פֿון לעבן און אָנגעהעצט איינע אויף די אַנדערע...

ענדליך האָט ער זיך פֿאַרכליניעט און איז אַנטשוויגן געוואָרן, און האָט באַקוקט אַלעמען מיט טרויעריקע אויגן, פֿון וועלכע עס האָבן גערונען גרויסע טרערן. די ליפּן האָבן בײַ אים געציטערט. ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט באַלד צעוויינט ער זיך. און בײַ דעם מינאָרן האָבן אויך געציטערט די ליפּן.

— אָט... זעט איר... ווי קלעפּיק דאָס איז!.... און איך האָב צוויי מעת־לעת... — האָט ער געשעפּטשעט צו דעם דאָקטאָר.

יענער האָט מיט אַ פֿינגער אַ קראַץ געטאָן דעם נאָז־זאָטל, האָט אויפֿגעהויבן אַ ביסל די ברילן, און, קוקנדיק, אויך איבעררעשט, האָט ער אַ מורמל געטאָן:

— יאָ־יאָ, איר ווייסט... אַן אויסטערלישער פֿאַל!

גליאַסאָוו איז געשטאַנען און האָט געקוקט אויף אַלעמען, באָרנע שמייכלענדיק און בייסנדיק נאָכאַנאַנד די ליפּ. אַלע האָבן געשוויגן. קיריל איוואַנאָוויטש האָט אַראָפּגעטרייסלט פֿון באַק די טרערן און איז געשטאַנען לעבן בעטל מיט אַ נידערגעשלאָגן געזיכט. אין זיינע אויגן האָט געלויכטן אַ גאַנצער ים מיט מעלאַנכאָליע. ער איז געשטאַנען און האָט געפֿירט מיט די אויגן איבערן צימער. הינטער די דריי מענטשן זיינען אַנטקעגן אים געשטאַנען נאָך צוויי אין ווייסע פֿאַרטעכער, און הינטערן טיר אין פּירהויז האָבן זיך געזען נאָך קעפּ.... און אַלע האָבן זיי עקשנותדיק און שוויינדיק געוואַרט אויף עפּעס, געוואַרט דווקא פֿון אים, דען אַלע האָבן זיי געקוקט אין זיין זייט. קיריל איוואַנאָוויטש האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן און האָט ציטעריק געזאָגט:

— אַנטשולדיקט מיר, מיינע הערן! איר זייט גערעכט, מחמת איר זייט אַ סך! איך פֿרעג ניט אָפּ אייערע רעכט.... און איך גיי אַוועק.... אויב איך וועל קענען?

— וואַרט־צו אַ רגעלע! — האָט אים דער דאָקטאָר אָפּגע־שטעלט מיט אַ ליבליכן זשעסט.

— ביטע זייער! — און קיריל איוואַנאָוויטש האָט זיך געהאָרכ־זאַם אַוועקגעזעצט אויפן שטול, ווי דער דאָקטאָר האָט אים אָנ־געוויזן.

מאַרק קראַווצאָוו האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבן, זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעטל, און, שטרענג באַ־קוקט דעם עולם, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס צימער, האָט ער הויך געפרעגט:

— ווער זייט איר?

— הער־נאָר, מאַרק, ווילסט זיך דורכפאָרן? — האָט אים ליאַכאָוו געפרעגט.

— נאָר מיך ניט, יעזויט! דו ווילסט עפּעס... איך קאָן דיך... און אײַך אַלעמען קאָן איך!... אַ! איר זייט מיך גע־קומען נעמען!.... אָבער איך וועל זיך ניט לאָזן נעמען אָן אַ קאַמף! ניין! איך וועל אײַך צעשפּרייטן, אַזוי ווי שטויב!.... מיך נעמען! ניין!....

נאָר מען האָט שוין געהאַט אויף אים אַרויפגעוואָרפן עפּעס אַ לאַנגן זאַק. ער האָט זיך אין אים געצאַפּלט, ביז מע האָט אים ניט פאַרוויקלט אין אים, אַזוי ווי אַ קינד. אָט האָט מען אים אויפ־געהויבן אויף די הענט און אַוועקגעטראָגן, און ער האָט, וויינע־דיק און דרייענדיק זיך מיט דעם גאַנצן קערפּער, געשריען:

— ניין!... ניין!... ניין!...

אין צימער איז געבליבן ליאַכאָוו. ער איז צוגעגאַנגען צום וואַנט, האָט אַראָפּגענומען פון איר עפּעס אַ פאָטאָגראַפיש בילד און, ווענדנדיק זיך צו קיריל איוואַנאָוויטשן, וואָס האָט געקוקט ער־גער אין אַ ווינקל מיט אויגן, ביז גרויל פול מיט אומבאַוועגלע־כער קאָנצענטרירטקייט, האָט ער אים געזאָגט:

— נו, לאָמיר אויך גיין!

קיריל איוואַנאָוויטש איז געהאָרזאַם אויפגעשטאַנען און, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, איז ער אַוועק.

— אין אַ שעה אַרום, וועל איך זיך אומקערן! — האָט ליאַ־

כאָוו געזאָגט צו עפּעס אַ פּרוי און האָט פאַרמאַכט די טיר פון קראַוו־צאָוס צימער.

— אין אַ שעה אַרום, וועל איך זיך אומקערן! — האָט ווי אַן עכאָ איבערגעחזרט נאָך אים קיריל איוואַנאָוויטש יאַראָסלאַוו־צעוו און האָט געגעבן אויף אים אַ קוק מיט זיינע טויטע אויגן.

---

איצט זיינען זיי ביידע אין שפּיטאָל — סיי קיריל איוואַנאָוויטש יאַראָסלאַווצעוו, סיי מאַרק דאַנילאָוויטש קראַווצאָו. אַז קראַווצאָוו זאָל געזונט ווערן, איז דאָ אַ האָפענונג, אַז זיין תלמיד זאָל גע־זונט ווערן — איז נישטאָ.

זיי טרעפן זיך ביידע אויף די שפּאַציר־שעהן אין דעם גאָרטן פון דעם אַנשטאַלט. בעת קיריל איוואַנאָוויטש דער־זעט פונוויטן דאָס שוואַרצוואָנציקע געזיכט פון מאַרק דאַנילאָוויטשן, וואָס ברענט שטענדיק מיט אויפרעגונג, לויפט ער צו אים מיט קליינע טריטעלעך און, אַראָפּנעמענדיק דעם קאַפּטור, שעפּטשעט ער שטיל:

— דערציילן, לערער!...

קיריל איוואַנאָוויטש רעדט זייער ווייניק און שטענדיק ניט אַנדערש, ווי מיט אַ ציטעריקן געפּליסטער. ווען קראַווצאָוו גייט, לויפט דעמאָלט נאָך אים קיריל איוואַנאָוויטש, איינגעבויגענערהייט, אונטערשפּרינגענדיק, און ווען ער זיצט, זעצט זיך דעמאָלט קיריל איוואַנאָוויטש לעבן זיינע פיס, קוקט אים רחמנותדיק אין גע־זיכט אַריין און שעפּטשעט טיילמאָל מיט געבעט:

— דערציילן, לערער!...

און דער לערער דערציילט זיין תלמיד אויפגערעגט און שטרענג מכּוח די רדיפות און די ליידן פון גייסט, דערציילט פייערלעך און חשיבותדיק וועגן דעם געצעלט פון אַלגעמיינער רעטונג און דערציילט מיט שטאָלץ וועגן זיך אַליין, דעם גרויסן לערער און נביא פון די מענטשן, וואָס דאָס לעבן האָט צעבראָכן.

---

# דער זיידע אַרכיפּ און ליאָנקע

וואַרטנדיק אויפֿן פּראָם, האָבן זיי זיך ביידע אַוועקגעלייגט אין שאָטן פֿון דעם באַרג־אַראָפּהאַנג און האָבן אַ צייט־לאַנג געקוקט אויף די שנעלע און טריבע כוואַליעס פֿון קובאַן, וואָס האָבן זיך געפּלעסקעט ביי זייערע פֿיס. ליאָנקע האָט איינגעדרעמלט, און דער זיידע אַרכיפּ האָט, שפּירנדיק אַ טעמפּן, דריקנדיקן ווייטאָג אין ברוסט, ניט געקענט איינשלאָפֿן. אויף דעם טונקל־ברוינעם פּאָן פֿון דער ערד האָבן זייערע אַרומגעריסענע און צונויפֿגעשרומפּטע פֿיגורן קוים אויסגעטיילט זיך אין צוויי עלנדע קנייליכלעך, איינער מערער, דער צווייטער — ווייניקער; און זייערע פֿון מידקייט און היץ פֿאַרמאַטערטע, פֿאַרברענטע און פֿאַרשטויבטע פּנימער זיינען אינגאַנצן געווען ענלעך אויף די טונקל־ברוינע שמאַטעס, וואָס האָבן באַדעקט זייערע לייבער.

די ביינערדיקע און לאַנגע פֿיגור פֿון דעם זיידן אַרכיפּ האָט זיך אויסגעצויגן אין דער קווער פֿון דעם שמאָלן פּאַסיקל זאַמד, וואָס האָט זיך ווי אַ געלע סטענגע געצויגן איבער דעם ברעג, צווישן דעם באַרג־אַראָפּהאַנג און דעם טייך, און דער איינגעדרעמלטער ליאָנקע האָט זיך צונויפֿגעדרייט, ווי אַ ביינגעלע, לעבן זיין זייט.

דער זיידע האָט, אויפֿהויבנדיק דעם קאָפּ אויפֿן עלנבויגן, געקוקט אויף דעם קעגנאיבערדיקן ברעג, וואָס איז געווען פֿאַרגאָסן מיט זון און איז געווען אָרעם באַזוימט מיט שיטערע ווערבע־קוסטעס, פֿון וועלכע ס'האָט זיך אין איין אָרט אַרויסגערוקט דער שוואַרצער באָרטן פֿון פּראָם. דאָרטן איז געווען אומעטיק און פּוסט. דער גרויער וועג־פּאַס האָט זיך אַוועקגעצויגן פֿון טייך אין דער טיף פֿון סטעפּ; ער איז עפּעס געווען אומבאַרחמנותדיק גלייך און

טרוקן און האָט אויף דעם זיידן אַרויסגעיאָגט אַ מרה־שחורה.

זיינע טריבע און אָנגעצונדענע אויגן מיט די רויטע געשוואָלענע וויעס האָבן אומרויִק און רחמנותדיק געפינטלט און אויף דעם געזיכט, וואָס איז געווען צעאַקערט פון קנייטשן, איז פאַרגליווערט געוואָרן דער אויסדרוק פון פיינלעכן קימער און ווי. ער האָט אַלע ווײַלע אײַנגעהאַלטענערהייט אַ הוסט געטאָן און, אומרויִק אַ קוק געטאָן אויף דעם אייניקל, האָט ער צוגעדעקט מיט דער האַנט דעם מויל. דער הוסט איז געווען אַ הייזעריקער, אַ פאַרשטיקטער, האָט געצוואונגען דעם זיידן אויפצוהייבן זיך אַ ביסל פון דער ערד און אויסגעפּרעסט פון זיינע אויגן גרייסע טרערן.

אויסער זיין הוסט און דעם שטילן רוישן פון די כוואַליעס אָן זאַמד, האָט מען אין סטעפּ ניט געהערט קיין שום קלאַנגען... דער סטעפּ איז געלעגן אויף ביידע זייטן טייך, אַ רויִקער, אַ טונקל־ברוינער, אַן פאַרברענטער פון דער זון, און בלויז ווייט דאָרטן, אויפן האָריזאָנט, האָט, קוים וואָס מע האָט געזען מיט די אַלטע אויגן, זיך רחבותדיק געוויגט אַ גאָלדענער ים פון ווייץ און אין אים האָט זיך פּונקט אַראָפּגעלאָזט דער בלענדנדיק־לויטערער הימל. אויף אים האָבן זיך אָפּגעצייכנט דריי שלאַנקע פיגורן פון ווייטע טאָפּאָלן; ס'האָט זיך געדוכט, אַז דאָ ווערן זיי קלענער, דאָ גרעסער, און דער הימל און די ווייץ, וואָס איז מיט אים געווען באַדעקט, וויגן זיך, הייבן זיך אויף און לאָזן זיך אַראָפּ... אָדער אַלץ האָט זיך פּלוצלונג באַהאַלטן הינטער דעם בלישטשענדיקן, זילבערנעם פאָרהאַנג פון דעם סטעפּן־מיראַזש.

דער האָזיקער פאָרהאַנג, אַ שטראָם־פאָרמיקער, אַ העלער און אַ פאַרפירערישער, איז טיילמאָל געקומען צו פליסן פון דער ווייט כמעט צום סאַמע ברעג טייך, און דעמאָלט איז ער אַליין געווען אַזוי ווי אַ טייך, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אַרויסגעגאָסן פון הימל, אַזאַ ריינער און אַזאַ רויִקער, ווי דער הימל, און איז געקומען צוליב דעם, כדי אָפּצופרישן דעם סטעפּ, וואָס איז געווען אויסגעמאַטערט פון היץ.

דער זיידע אַרכיפּ — וואָס איז, ווי אַ גרויסרוס, וועלכער איז פריער ניט געווען אין סטעפּ און איז אין אים אַיינגעשטימט געהערן דורך דעם הונגער, ניט געווען באַקאַנט מיט דער דאָזיקער דערשיינונג, — האָט דעמאָלט אויסגעווישט זיינע אויגן און האָט מיט מרויער געטראַכט וועגן זיך, אַז די דאָזיקע היץ און דער סטעפּ נעמען ביי אים אויך צו די ראיה, ווי זיי האָבן ביי אים צוגענומען די לעצטע כוחות פון די פיס.

היינט איז אים געווען ערגער און ס׳האָט אים מערער געאיבלט איידער אַלעמאָל פאַר דער לעצטער צייט. ער האָט געשפירט, אַז ער וועט אינגיכן שטאַרבן, און הגם ער האָט זיך דערצו באַצויגן גאַנץ גלייכגילטיק, אָן שום מחשבות, ווי צו אַ נייטיקער פליכט, אָבער אים וואָלט זיך געוואָלט שטאַרבן ווייט ניט דאָ, נאָר אין זיין געבוירנלאַנד. און נאָך האָט אים שטאַרק געבראַכט אין פאַרלעגנהייט דער געדאַנק וועגן דעם איינִיקל... וואו וועט זיך אַהינטאָן ליאָנקע?...

ער האָט די דאָזיקע פראַגע געשטעלט פאַר זיך עטלעכע מאָל אַ טאָג און שטענדיק האָט זיך ביי אים דערביי עפּעס צונויפגעפרעסט, האָט געגליווערט און איז געוואָרן אַזוי איבלדיק, פאַסקודנע, אַז אים האָט זיך תיכּף געוואָלט אומקערן אַהיים, קיין רוסלאַנד...

אָבער — קיין רוסלאַנד איז געווען ווייט צו גיין... וועסט סיי־ווי ניט דערגיין און וועסט שטאַרבן ערגעץ־וואו אויפן וועג. דאָ, אין קובאַן גיט מען אַ נדבה מיט אַ ברייטער האַנט; דאָס פאָלק איז דאָ אַ פאַרמעגלעכס, הגם אַ שווערס און אַ קאָמישס. זיי האָבן ניט ליב קיין אָרעמעלייט, ווייל זיי זיינען רייך...

מע קען פאַר ליאָנקען צוטראַכטן עפּעס אַן אַנדער זאַך. סיי־ווי־סיי איז ער אַ יתום.

און אָפּשטעלנדיק אויפן איינִיקל זיין בליק, וואָס איז געווען פייכט פון טרערן, האָט דער זיידע פאָרזיכטיק אַ גלעט געטאָן מיט דער צערעפּעטער האַנט זיין קאָפּ.

יענער האָט גענומען ריידן און האָט אויפגעהויבן אויף אים די בלויע, גרויסע, טיפע, פאַרטראַכטע, גאָרניט קינדישע אויגן,

זועלכע האָבן אויף זיין מאָגערן, פון פּאָקן צעאַקערטן פּנים׳ל, מיט די בלוטלאָזע ליפּן און דער שאַרפער נאָז, אויסגעזען נאָך גרע־סער.

— ער גייט? — האָט ער געפרעגט און, צולייגנדיק די האַנט צו די אויגן, ווי אַ דעכעלע, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דעם טייך, וואָס האָט קאַלט אָפּגעשפּיגלט די שטראַלן פון דער זון.

— ניין, ער גייט נאָך ניט. ער שטייט. וואָס האָט ער דאָ צו טאָן? קיינער רופט אים ניט, נו, שטייט ער... — האָט אַ־כיפּ לאַנגזאַם גענומען ריידן, גלעטנדיק ווייטער דעם איינציקל אי־בערן קאָפּ. — האָסט געדרעמלט?

ליאָנקע האָט אומבאַשטימט אַ דריי געטאָן מיט דעם קאָפּ און האָט זיך אויסגעצויגן אויף דעם זאַמד. זיי האָבן געשוויגן.

— ווען איך וואָלט געקענט שווימען, וואָלט איך זיך גע־באָדן, — האָט ער ערקלערט ליאָנקען, קוקנדיק שאַרף אויף דעם טייך. — אַ זייער שטראָמיקער טייך! ביי אונז זיינען ניטאָ אַזעלכע טייכן. וואָס וואַרפט ער זיך? ער לויפט, גלייך ער האָט מורא צו פאַרשפּעטיקן...

און ליאָנקע האָט זיך מיט אומצופרידנקייט אָפּגעקערט פון דעם וואַסער.

— אָט־וואָס, — האָט דער זיידע אַ טראַכט געטאָן און גע־נומען ריידן, — לאָמיר זיך פונאַנדערגאַרטלען, די גאַרטלען צו־נויפבינדן, איך וועל דיך צובינדן פאַר אַ פוס, און די קריך, באָד זיך....

— נו־ו־ו.... — האָט ליאָנקע אויסגעצויגן מיט פאַרנופּט. — וואָס דיר קען איינפאַלן! אָדער מיינסטו אפשר, אַז דער טייך וועט דיך ניט אַוועקציען? און מיר וועלן זיך ביידע דערטרינקען.

— טאַקע ריכטיק! ער וועט אַוועקציען. זעסט, ווי ער שפּאַרט!... וואַרט־נאָר, פרילינג־צייט וועט ער זיך דאָס פונאַנדערגיסן — אוך!... ס׳איז דאָ פאַראַן אַ ים מיט היי!

ליאָנקען האָט זיך ניט געוואָלט ריידן און ער האָט איבער־געלאָזן דעם זיידנס ווערטער אָן אַן ענטפער, האָט גענומען אין די הענט אַ שטיק טרוקענעם ליים און צעריבן אים מיט די פינ־

גער אויף שטויב מיט אַן ערנסטן און פֿאַרטיפֿטן אויסדרוק אויפֿן פּנים.

דער זיידע האָט אויף אים געקוקט און האָט וועגן עפּעס געטראַכט, זשמורענדיק בשעת־מעשה די אויגן.

— אָט זע... — האָט ליאָנקע שטיל און מאָנאָטאָן גענומען ריידן, אָפּטרייסלענדיק פֿון די הענט דעם שטויב. — די דאָזיקע ערד האָב איך איצט... גענומען אין האַנט, האָב צעריבן און פֿון איר איז געוואָרן שטויב... בלויז פּיטשינקע שטיקעלעך, וואָס מע זעט קוים מיטן אויג...

— נו, איז וואָס? — האָט אַ־כיפּ געפֿרעגט און האָט זיך פֿאַרהוסט, קוקנדיק דורך די טרערן, וואָס זיינען בײַ אים אַרויס אויף די אויגן, אין דעם אייניקלס גרויסע, טריקן־בלישטשענדיקע אויגן. — צוליב וואָס טוסטו עס? — האָט ער צוגעגעבן, בעת ער האָט זיך אויסגעהוסט.

— אַווי... — האָט ליאָנקע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — צוליב־דעם, הייסט עס, וואָס זי איז אָט אַ וואָסער־ע!... — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף יענער זייט טייך, — און אַלץ האָבן מען אויף איר אָנגעבויט... וויפֿל שטעט זיינען מיר ביידע דורכגעגאַנגען! אַ ים! און וויפֿל מענטשן געפֿינען זיך דאָס אומעטום!

און ניט קענענדיק כאַפּן זיין געדאַנק, האָט ליאָנקע ווידערשווייגנדיק זיך פֿאַרטראַכט און זיך אַרומגעקוקט.

אויך דער זיידע האָט געשוויגן אַ ווײַלע און דערנאָך האָט ער, צורוקנדיק זיך האַרט צום אייניקל, צערטלעך גענומען ריידן:

— ביסט דאָך אַ חכם! האָסט ריכטיק געזאָגט — אַלץ איז שטויב... אי די שטעט, אי די מענטשן, אי מיר ביידע — גאָלע שטויב. עך, ליאָנקע!... ווען דו וואָלסט געווען געבילדעט... וואָלסטו ווייט אַוועק. דו רעדסט דאָך וועגן אַלץ, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש... טייבעלע מיינס, גאָטס פֿייגעלע!... וואָס וועט אָבער פֿון דיר ווערן?...

דער זיידע האָט צוגעדריקט צו זיך דעם אייניקלס קאָפּ און האָט אים אַ קוש געטאָן.

— וואַרט־נאָר... — האָט ליאָנקע אויסגעשריִען, אַרויסבאַ־

פרייענדיק זיינע פלאַקסענע האָר פון דעם זיידנס פאַרטריקנטע, צי־טעריקע פינגער און ווערנדיק אַ ביסל אויפגעלעבט. — ווי זאָגסטו? שטויב? די שטעט און אַלץ?

— אַזוי איז דאָס שוין פון גאָט, טייבעלע. אַלץ — איז ערד, און די ערד גופא — איז שטויב. און אַלץ שטאַרבט אויף איר... אָט ווי! און דעריבער דאַרף דער מענטש לעבן אין מי און אין גערהאָרזאַמקייט. אָט וועל איך שוין אויך באַלד שטאַרבן...— האָט דער זיידע אַריבערגעהיפּערט און האָט טרויעריק צוגעגעבן: — וואו וועסטו הערמאָלט גיין אָן מיר?

— ליאָנקע האָט שטענדיק געהערט פון זיידן די האָזיקע פראַגע, און אים האָט שוין זהיבש דערעסן צו ריידן אויף דער טעמע פון טויט, און דעריבער האָט ער זיך שוויגנדיקערהייט אָפּ־געקערט, האָט אָפּגעריסן אַ גרעזעלע, האָט עס אַריינגעלייגט אין מויל און האָט לאַנגזאַם גענומען קייען.

ביי דעם זיידן איז דאָס אָבער געווען אַן אָנגעווייטאָגט אָרט.

— וואָס שוויגסטו? ווי וועסטו אַ שטייגער אויסקומען אָן מיר? — האָט ער שטיל געפרעגט, אָנבייגנדיק זיך צו דעם אייניקל און נעמענדיק ווידער הוסטן.

— כ'האָב דיר שוין געזאָגט... — האָט ליאָנקע צעשטרייט און אומצופרידן אַרויסגערעדט און געקוקט פון דער זייט אויף דעם זיידן.

די האָזיקע געשפּרעכן זיינען אים ניט געווען געפעלן אויך צוליב דעם, וואָס זיי פלעגן זיך כמעט שטענדיק ענדיקן מיט אַ קריג. דער זיידע האָט זיך אויף לאַנג צעלאָזט וועגן דער נאָענטקייט פון זיין טויט. ליאָנקע האָט אים תחילת געהערט אויפמערקזאַם, האָט זיך געשראָקן פאַר דער נייקייט פון דער לאַגע, וואָס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, האָט געוויינט, נאָר ביסלעכוויז האָט ער זיך באַרויקט — און ס'איז אָנגעקומען אַ רעאַקציע: ער האָט ניט גע־הערט דעם זיידן און האָט זיך איבערגעגעבן זיינע מחשבות, און דער זיידע האָט, באַמערקנדיק דאָס, זיך געבייזערט און האָט גענומען ריידן וועגן דעם, אַז ער, ליאָנקע, איז אַ נאַר, האָט ניט ליב דעם זיידן, שאַצט ניט אָפּ זיינע באַמיִונגען; ענדלעך, איז

ער אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז ער האָט ליאָנקען איבערגעוואָרפֿן, אַז ער וויל, דער זיידע זאָל באַלד שטאַרבן.

— וואָס האָסטו געדעט? ביסט דאָך נאָך אַ נאַרעלע, האָסט דאָך נאָך קיין השגה ניט וועגן דיין לעבן. ווי אַלט ביסטו? דאָס עלפֿטע יאָר סך-הכל. און דו ביסט אַ קראַנקער, ביסט אומפֿעיִק צו אַרבעטן. טאָ וואוהין וועסטו גיין? מיינסט, אַז גוטע מענטשן וועלן דיר העלפֿן? ווען דו וואָלסט געהאַט געלט, וואָלטן זיי דיר געהאָלפֿן צו פֿאַרלעבן זיי — דאָס איז אמת. און קלייבן נדבות איז אַפֿילו מיר, וואָס איך בין שוין אַ זקן, איך ניט געשמאַק. פֿאַר יעדערן בוק זיך, ביי יעדערן בעט. און מע זידלט דיך, און אָפּטמאָל שלאָגט מען דיך, און מע טרייבט... דו מיינסט, אַז אַן אָרעמאַן האַלט מען פֿאַר אַ מענטשן? קיינער האַלט ניט! צען יאָר, ווי איך גיי איבער די הייזער — ווייס איך. אַ שטיקל ברויט שאַצן זיי אין טויזנט רובל. ער גיט און טראַכט דערביי, אַז באַלד וועט מען פֿאַר אים עפֿענען די טויערן פֿון גן-עדן! דו מיינסט, פֿאַרוואָס גיט מען מערער? כדי צו באַרויִקן דעם געוויסן; אָט צוליב-וואָס, פֿריינד, און ניט צוליב רחמנות! ער רוקט דיר אַריין אַ שטיקל ברויט, נו, איז אים אַליין שוין ניט מיאוס צו עסן. אַ זאַטער מענטש — איז אַ חיה! אָבער קיינמאָל שאַנעוועט ער ניט דעם הונגעריקן. אַ זאַטער אַ הונגעריקן זיינען איינער דעם אַנדערן שונאים, אייביק וועלן זיי זיין איינער דעם אַנדערן ווי אַ דאָרן אין אויג. דעריבער קענען זיי איינער דעם אַנדערן ניט דערשאַלעווען און פֿאַרשטיין... און פֿאַר אַ זאַטן מענטשן איז אַ הונגעריקער, אַזוי ווי שמוץ.

דער זיידע האָט זיך אָנגעצונדן מיט צאָרן און מיט בענקשאַפֿט. דערפֿון האָבן ביי אים די ליפּן גענומען ציטערן און די זקנישע טריבע אויגן זיינען האַסטיק אַרומגעלאָפֿן אין די רויטע רעמלעך פֿון די ווייסע ברעמען, און די קנייטשן אויף דעם טונקעלן געזיכט זיינען אַרויסגעטראָטן שאַרפֿער.

ליאָנקען האָט אים ניט ליב געהאַט אַזעלכן און האָט אַ ביסל זיך פֿאַר עפּעס געשראָקן.

— אָט פֿרעג איך דיך טאַקע, וואָס וועסטו טאָן מיט דער

וועלט? די ביסט אַ שוואַך עופעלע, און די וועלט — איז אַ חיה. און זי וועט דיך תיכף אײַנשלינגען. און איך וויל דאָס ניט... איך האָב דאָך דיך ליב, קינדעלע מײַנס!... אײנער ביסטו בײַ מיר און איך בין בײַ דיר אויך אײנער... ווי אַזוי-זשע וועל איך שטאַרבן? איך קען ניט צולאָזן צום געדאַנק, אַז איך זאָל שטאַרבן, און דו זאָלסט בלײַבן... אויף וועמען? גאָט!... פאַרוואָס האָסטו פײַנט געקראָגן דײַן קנעכט? לעבן האָב איך קיין כּוח ניט און שטאַרבן קען איך ניט, ווײַל — איך דאַרף היטן דאָס קינד. כ'האָב זיבן יאָר געניאַנטשעט... אויף מײַנע הענט... די אַלטע... גאָט, העלף מיר!...

דער זיידע האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט זיך צעוויינט, פאַרשטעקנדיק דעם קאָפּ אין די קני פון די ציטעריקע פיס. און זײַנע פּלייצעס האָבן געציטערט פון די געוויינען, וואָס זײַנען געוועזן הייזעריק און האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דער קראַנקער ברוסט.

דער טייך האָט זיך אײַליק געקײַקלט אין דער ווײַטקייט אַרײַן און האָט זיך הילכיק געפּלעסקעט אָן ברעג. גלײַך מיט דעם דאָזיקן פּלעסקן האָט ער געוואָלט פאַרטרײַבן די געוויינערייען פון דעם אַלטן. דער לויטערער הימל האָט געשמייכלט און אויסגעגאָסן פון זיך די ברענענדיקע היץ, און שמייכלענדיק, האָט ער זיך רויִק צוגעהערט צו דעם ברויזיקן רויש פון די טריבע כוואַליעס.

— זאָל זײַן גענוג, זיידע, וויין ניט! — האָט ליאָנקע, קוקנדיק אין אַ זײַט, געזאָגט צוליב-עפּעס מיט אַ שטרענגן טאָן און, אומקערנדיק צו דעם זיידן זײַן געזיכט, אָן אָנגעבלאָזונס אין אַ פינסטערס, האָט ער צוגעגעבן: — מיר האָבן דאָך שוין וועגן אַלץ גערעדט. כ'וועל ניט פאַרפאַלן ווערן. כ'וועל אָנקומען ערגעץ אין אַ טראַקטיר....

— מע וועט דיך פאַרהרגענען... — האָט דער זיידע אַרויסגעזיפצט דורך די ציינער.

— און אפשר וועט מען ניט פאַרהרגענען. אָבער אַז מע וועט ניט פאַרהרגענען! — האָט ליאָנקע מיט אַ געוויסער פאַרדריסנקייט אויסגעשריען, — וואָס וועט דעמאָלט זײַן? אָט דעמאָלט ערשט, וועל איך אַרויף אויף אַ דרך. (ניט אַזוי לײַכט וועל איך זיך דאָס יעדערן געבן!...

נאָר דאָ האָט ליאָנקע פּלוצלונג צוליב־עפּעס זיך אָפּגעהאַקט און, שווייגנדיק אַ ווײַלע פּאַרטראַכטערהייט, האָט ער שטיל געזאָגט:

— אַניט וועל איך גאָר אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר...

— ווען מע וואָלט געקענט אין אַ מאָנאַסטיר! — האָט דער אַלטער, אויפמונטערנדיק זיך, אָפּגעזיפצט און האָט זיך ווידער גענומען קאַרטשען, באַפאַלן פון דעם שטענדיקן הוסט.

איבער זייערע קעפּ האָט זיך דערהערט אַ געשריי און אַ סקריפּ פון רעדער....

— פּאַראָ־אָם!... פּאַראָ־אָם... העי! — האָט עמעצנס אַ מעכטיקע שטימע צעטרייסלט די לופט

די ביידע שמועסער האָבן אַ ציטער געטאָן און זיינען האַסטיק אויפגעשטאַנען און אויפגעהויבן די קלומקעס מיט די שטעקנס.

מיט אַ שאַרף סקריפּען איז אויף דעם זאַמד אַרויפגעפאָרן אַ צווייראָדעדיקע אַרבאַ. אין איר איז געשטאַנען אַ קאָזאַק און, פאַרשטעקט דעם קאָפּ אין דעם האָריקן, אויף איין אויער אַרויפגערוקטן היטל, האָט ער זיך געגרייט אַ היקע צו טאָן און האָט אַריינגעצויגן אין זיך די לופט מיט דעם ברייט־געעפנטן מויל, פון וואָס זיין ברייטע, אַרויסגעשטאַרצטע ברוסט האָט זיך נאָך מער אַרויסגעשטעלט. די ווייסע ציינער האָבן העל געפינקלט אין דער ציידענער ראַם פון דער שוואַרצער באָרד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון די אויגן, וועלכע זיינען געווען ברייט געעפנט און—פון אָנשטרענגונג — פאַרגאָסן מיט בלוט. פון אונטער דער אָפּגעשפּילעטער העמד און דער טשאָכע*), וואָס איז געווען נאַכלעסיק אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען, האָט זיך אַרויסגעזען דאָס האָריקע, פון זון פאַרברענטע לייב. און פון זיין גאַנצער פיגור, פון די גרויסע רעדער פון דער אַרבאַ, וואָס זיינען געווען צונויפגעצויגן מיט דיקע, אײַזערנע רייפן, האָט, פונקט ווי פון אַ לייביקן, געבלעקטן און אויך העסלעך־גרויסן פערד, — געשמעקט מיט זאַטקייט, מיט קראַפט און מיט געזונט.

---

*) א מין אייבערב נד

— העי!... העי!...

דער זיידע מיטן אייניקל האָבן אַראָפּגעשלעפּט פון זייערע קעפּ די היטלען און האָבן זיך נידעריק פאַרבייגט.

— זייט געגריסט! — האָט דער אָנגעקומענער הילכיק אָפּגעהאַקט, און אַ קוק געבנדיק אויף יענעם ברעג, וואו פון די קוסטעס איז לאַנגזאַם און אומגעלומפּערט אַרויסגעקראָכן דער שוואַרצער פּאַראָם, האָט ער דורכדרינגלעך גענומען באַקוקן די בעטלערס. — פון רוסלאַנד?

— פון רוסלאַנד, גנעדיקער! — האָט אַרכיפּ אָפּגעענטפערט מיט אַ פאַרנייג.

— ביי אייך איז האַרטן הונגער, אַ?

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער אַרבע אויף דער ערד און האָט עפּעס גענומען איינציען אין דעם געשפּאַן.

— אַפילו די פרייסלעך שטאַרבן פון הונגער.

— כאַ, כאַ! די פרייסלעך שטאַרבן אויך? הייסט עס, אַז קיין ברעקלעך אַפילו זיינען ניט פאַרבליבן, מע האָט אַלץ אויפגעגעסן? איר זייט פלינקע עסערס. נו, דערפאַר אַרבעט איר, מסתּמא, שלעכט. ווייסט אַז דו וועסט גוט אַרבעטן, וועט ניט זיין קיין הונגער.

— די ריכטיקע סיבה איז דאָ, שפּייזער אונזערער — די ערד. זי פאַרעקשנט זיך און גיט ניט קיין גערעטעניש. די ערד האָבן מיר אויסגעזויגן.

— די ערד? — האָט דער קאָזאַק אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ. — די ערד דאַרף שטענדיק געבוירן, דערויף איז זי דאָך געגעבן געוואָרן דעם מענטשן. זאָג בעסער: ניט די ערד, נאָר די הענט. די הענט זיינען שלעכטע. פון גוטע הענט קלאַפּט זיך אַפילו אַ שטיין ניט אָפּ, ער געבוירט. אין די געגנטן פון שוואַרצן ים זייט איר געווען? האָרטן, זיידע, אַקערן אַפילו שטיינער.

ס'איז צוגעפאָרן דער פּאַראָם.

צוויי געזונטע, רויטפּנימדיקע קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך פלעגמאַטיש איינגעשפּאַרט מיט די דיקע פיס אין דער דיל פון פּאַראָם, האָבן אים אַ שטויס געטאָן מיט אַ קנאַק אָן ברעג, האָבן

זיך אַ וויג געטאָן, אַ וואָרף געטאָן פון די הענט דעם קאַנאַט, און, אַנקוק געטאָן איינע אויף די אַנדערע, האָבן זיי זיך גענומען פונאַנדערגיין.

— ס'איז היים? — האָט דער געקומענער אויסגעשטשירעט די ציינער, אַרויפגעפירט אויפן פאַראָם זיין פערד און באַרירט מיט דער האַנט דאָס היטל.

— עהע! — האָט אָפּגעענטפערט איינער פון די פאַראָם-פירער, טיף פאַררוקט די הענט אין די קעשענעס פון די ברייטע הויזן, און, צוגייענדיק צו דער אַרבאַ, האָט ער אין איר אַריינגעקוקט און האָט אַ סמאָרע געטאָן מיט דער נאָז און האָט שטאַרק אַריינגעצויגן אין זיך לופט.

דער צווייטער האָט זיך געזעצט אויפן דיל און, קרעכצענדיק, האָט ער גענומען אַראָפּציִען די שטיוול.

דער ייִדע און ליאָנקע זיינען אַרויף אויפן פאַראָם און האָבן זיך צוגעטוליעט צום באָרטן און האָבן געקוקט אויף די קאָזאַקן.

— נו, מיר פאָרן! — האָט דער באַלעבאָס פון דער אַרבאַ באַפוילן.

— פירסט גאָרנישט מיט זיך וואָס אויסצוטרינקען! — האָט יענער, וואָס האָט באַטראַכט די אַרבאַ, ביי אים געפרעגט. זיין חבר האָט אויסגעטאָן אַ שטיוול און, פאַרזשמורענדיק אַן אויג, האָט ער אַריינגעקוקט אין כאָליעווע.

— וויין. וואָס איז דען? אין קובאַן איז דען ווייניק וואַסער פאַראַן?

— וואַסער!... איך פרעג ניט מכוח וואַסער.

— אָך וועגן בראָנפן? כ'פירט ניט קיין בראָנפן.

— ווי פירסט עס ניט קיין בראָנפן? — האָט דער פרעגער, פאַרקוקנדיק זיך אויפן דיל פון פאַראָם, זיך פאַרטראַכט.

— נו-נו! לאָמיר פאָרן!

דער קאָזאַק האָט אָנגעשפּייט אויף די הענט און האָט זיך גענומען פאַר שטריק. דער אַריבערפאָרער האָט אים גענומען העלפן.

— און דו, אַלטער, פאַרוואָס העלפסטו ניט? — האָט זיך

דער פּאַראָם־פירער, וואָס האָט זיך געעסקט מיט דעם שטיוול, געווענדט צו אַרכיפּן.

— ווי קום איך דערצו, ליבינקער! — האָט יענער מיט אַ רחמנותדיקן טאָן און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אַרויסגעזונגען.

— און מע דאַרף זיי גאָרניט העלפן אויך. זיי וועלן זיך אַליין אַן עצה געבן! און, אַזוי ווי ער וואָלט כלומרשט געוואָלט איבערצייגן דעם אַלטן אין דער אויפריכטיקייט פון זיינע רייד, האָט ער זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און האָט זיך געלייגט אויף דעם אויבערדעק פון פּאַראָם.

זיין חבר האָט אים פויל אָפּגעזידלט און, ניט באַקומען קיין ענטפער, האָט ער הויך גענומען טופּען מיט די פיס, איינשפּאַרנדיק זיך אין דעם אייבערדעק.

דער פּאַראָם, וואָס איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן פון דעם שטראָם, וועלכער האָט מיט אַ טעמפּן גערויש געפּאַטשט אין זיינע זייטן, האָט זיך געטרייסלט און האָט זיך געוויגט, און האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט פאָרויס.

קוקנדיק אויפן וואַסער, האָט לאָנקע געשפּירט, אַז ביי אים דרייט זיך אַזוי ווי דער קאָפּ, און די אויגן, וואָס זיינען געווען פאַרמאַטערט פון דעם שנעלן לויפן פון די כוואַליעס, קלעפּן זיך אין דרעמל. דעם זיידנס פאַרשטיקטער געפּליסטער, דער סקריפּ פון דער שטריק און דאָס זאַפטיקע פּאַטשן פון די כוואַליעס האָבן אים פאַרוויגט; ער האָט זיך אין שלעפעריקער מידקייט געוואָלט אַראָפּלאָזן אויפן אויבערדעק, נאָר פּלוצלונג האָט אים עפּעס אַזאַ טרייסל געטאָן, אַז ער איז אַנידערגעפאַלן.

ברייט אויפגעעפנט די אויגן, האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן. די קאָזאַקן האָבן געלאַכט פון אים און האָבן צוגעפירט דעם פּאַראָם צו אַן אָפּגעברענטן פּיען אויפן ברעג.

— וואָס ביסטו איינגעשלאָפן? ביסט אַ שוואַכער. זעץ זיך אַריין אין אַרבע, כ'וועל איך צופירן ביז אַ קאָזאַקנדאָרף. און דו, זיידע, זעץ זיך אויך.

באַדאַנקט דעם קאָזאַק מיט אַ מאָנאָטאָנער, פּאָנפעוואַטער שטימע, איז דער זיידע, קרעכצנדיק, אַריינגעקראָכן אין דער אַרבע.

ליאָנקע איז אויך אַהין אַריינגעשפּרונגען און זיי זײַנען אַוועקגעפֿאָרן אין קנוילן דינעם, שוואַרצן שטויב, וואָס האָט אַלע ווײַלע געצוואונגען דעם זיידן צו פֿאַרקריכן זיך פֿון הוסט.

דער קאָזאַק האָט פֿאַרצויגן אַ ליד. געזונגען האָט ער מיט מאָדנע טענער און האָט איבערגעריסן אינמיטן די נאָטעס און פֿאַרענדיקט זיי מיט אַ פֿײַף.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די טענער וויקלט ער אויף פֿון אַ קנײַלכל, אַזוי ווי מע וויקלט פֿאָדעם און, בעת עס מאַכט זיך אַ קניפּל, רײַסט ער זיי אָפּ.

די רעדער האָבן רחמנותדיק געסקריפּעט, דער שטויב האָט זיך געקרײַזט אין דער הויך; דער זיידע האָט, טרייסלענדיק מיטן קאָפּ, ניט אויפֿגעהערט צו הוסטן, און ליאָנקע האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז באַלד וועלן זיי קומען אין אַ קאָזאַקנדאָרף און מע וועט דאַרפֿן מיט אַ פּאָנפּעוואַטער שטימע זינגען אונטער די פּענסטער „האַר יעזוס קריסטוס"... די יינגלעך פֿון דעם קאָזאַקנדאָרף וועלן זיך רייצן מיט אים, און די פּויערטעס וועלן דערעסן מיט זייערע אויספֿרעגענישן וועגן רוסלאַנד און וועגן אַ סך אַנדערע זאַכן...

ס'איז אויך ניט גוט צו קוקן אין דער דאָזיקער צײַט אויף דעם זיידן, וואָס הוסט עפּעס, הויקערט זיך אײַן אַלץ מערער, וואָס פֿון דעם ווערט אים אומאָנגענעם און ווייטאָגלעך, און ער רעדט מיט אַזאַ רחמנותדיקן קול, כליפּעט זיך אַלע ווײַלע פֿונאַנדער און דערציילט זאַכן, וואָס זײַנען ניט געשטויגן און ניט געפֿלויגן....

ער דערציילט, למשל, אַז אין רוסלאַנד שטאַרבט דאָס פֿאָלק אויף די גאַסן און וואַלגערט זיך, אַזוי, אַז ס'איז ניטאָ, ווער עס זאָל אים אויפֿנעמען, ווײַל אַלע מענטשן זײַנען משוגע געוואָרן פֿון הונגער. זיי האָבן אין ערגעץ אַזעלכעס ניט אָנגעהויבן צו זען.... מע דאַרף עס נאָר האָבן צוליב דעם, כּדי מע זאָל מערער געבן. אָבער וואו וועסטו זי, די נדבה, אַהינטאָן? אין דער היים — דאָרטן קען מען שטענדיק פֿאַרקויפֿן פֿאַר 40 קאָפּיקעס און אַפֿילו פֿאַר אַ האַלב קערבל אַ פּוד, און דאָ קויפֿט קיינער ניט.

דערנאָך דאַרף מען די דאָזיקע שטיקלעך, און טיילמאָל זייער געשמאַקע, אַרויסוואַרפֿן פֿון דעם קלומעק אין סטעפּ אַרײַן.

— איר גייט אויפקלייבן? — האָט דער קאָזאַק, באַקוקנדיק איבער דער פּלייצע די צוויי אײַנגעהויקערטע פיגורן, געזאָגט.

— נו, געוויס, חשובער מענטש! — האָט אים דער אַלטיטשקער אַרכיפּ געענטפערט מיט אַ זיפץ.

— שטעלן זיך, זיידע, וועל איך דיר ווײַזן, וואו איך וואוין, — וועט איר צו מיר קומען נעכטיקן.

דער זיידע האָט געפּרוווט אויפשטיין, איז אָבער געפאַלן, אָפּגעשלאָגן זיך מיט אַ זייט אָן דעם ברעג אַרבאַ און האָט פאַרשטיקט אַ זיפץ געטאָן.

— עך, אַלטער!... — האָט דער קאָזאַק אַ מורמל געטאָן מיט מיטגעפיל. נו, אַליין איינס, קוק ניט; ס'טקומען די צייט צו גיין אויף נאַכטלעגער, זאָלסטו פרעגן אויף טשאָרנין, אויף אַנדרעי טשאָרנין, דאָס בין איך. און איצט קריך אַראָפּ. אַדיע!

דער זיידע מיטן אייניקל האָבן זיך פלוצלונג דערזען לעבן אַ קליינער גרופּע טאָפּאָלן און אָסאָקאָרן. פון הינטער זייערע שטאַמען האָבן זיך אַרויסגעזען די דעכער, די פּאַרקאַנעס, אומעטום — רעכטס און לינקס — האָבן זיך אויפגעהויבן צום הימל פּונקט אַזעלכע קופּקעס. זייערע גרינע בלעטער זײַנען געווען פאַרהילט אין גרויען שטויב, און, די קאָרע פון די דיקע, גלייכע שטאַמען איז געווען צעשפּאָלטן פון היץ.

פאָראויס פאַר די בטעלערס האָט זיך צווישן צוויי ברעטערפאַרקאַנעס געצויגן אַ שמאָל געסעלע, אין וועלכן ס'איז פאַרשוואונדן געוואָרן דער קאָזאַק, וואָס האָט זיי געבראַכט, און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין אין דעם געסעלע מיט אַ מידן, וואַקלדיקן גענגל פון מענטשן, וואָס זײַנען זיך אַ סך אָנגעגאַנגען צופוס.

נו, ווי וועלן מיר גיין, ליאָניע, — האָט דער זיידע געפרעגט — צוזאַמען אָדער באַזונדער? — און ניט דערוואַרטנדיק זיך אויף קיין ענטפער, האָט ער צוגעגעבן: — צוזאַמען וואָלט געווען בעסער — מע גיט דיר זייער ווייניק. קענסט ניט בעטן....

— אויף וואָס דאַרף מען עס די סך? אַליין איינס עסטו דאָך ניט אויף.... — האָט ליאָנקע, אַרומקוקנדיק זיך, געענטפערט מיט אַ ברוגזער מינע.

— אויף וואָס? לעקיש איינער!... און טאָמער דרייט זיך פֿלוצלונג אונטער אַ מענטש און קויפֿט? אָט איז דיר אויף וואָס... ער וועט געבן געלט. און געלט איז אַ גרויסע זאַך; דו וועסט, נישקשה, מיט זיי ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן, אַז איך וועל שטאַרבן...

און שמייכלענדיק ליבלעך, האָט דער אַלטער אַ גלעט געטאָן דעם אייניקל מיט דער האַנט איבערן קאָפּ.

— דו ווייסט דען, וויפֿל איך האָב אויפֿגעזאַמלט פֿאַר דעם שטיק ווערג? אַ?

— וויפֿל? — האָט ליאָנקע גלייכגילטיק געפֿרעגט.

— עלף מיט אַ האַלבן!... זעסטו?

נאָר אויף ליאָנקען האָבן ניט געמאַכט קיין איינדרוק — ניט די האָזיקע סומע און ניט דער טריומפֿירנדיקער טאָן פֿון דעם זיידן.

— עך דו, קליינער וועוריק איינער, דו וועוריק! — האָט דער זיידע אָפּגעזיפֿצט. — איז גייען מיר היינט עס באַזונדער?

— באַזונדער....

— נו... איז גייסטו צום קלויסטער.

— גוט.

האָט דער זיידע זיך פֿאַרקערעוועט אין דעם געסל לינקס, און ליאָנקע איז אַוועק ווייטער. אָפּגייענדיק אַ טריט צען, האָט ער דערהערט אַ ציטעריקן אויסגעשריי: „וואוילטוער אין שפּייזער!...״ דער האָזיקער אויסגעשריי איז געווען גלייך, ווי מע וואָלט איבער אַ צעבראָכענער האַרף געפֿירט מיט דער האַנט, אָנהייבנדיק פֿון דער סאַמע דיקער ביז דער סאַמע דינער סטרונע. ליאָנקע האָט אַ ציטער געטאָן און האָט אָנגעהויבן שנעלער צו גיין. שטענדיק, ווען ער האָט געפֿלעגט הערן דעם זיידן בעטנדיק, פֿלעגט אים ווערן אומאָנגענעם און עפּעס טרויעריק, און בעת מע פֿלעגט דעם זיידן אָפּזאָגן, פֿלעגט ער זיך אַפֿילו שעמען און פֿלעגט וואַרטן, אַז אָט באַלד וועט זיך דער זיידע צעוויינען.

צו זיין אויער זיינען נאָך דערפֿלויגן די ציטעריקע, רחמנות־דיקע נאָטעס פֿון דעם זיידנס קול, וואָס האָבן געבלאָנקעט אין דער שלעפּעריקער און הייסער לופֿט איבער דעם קאָזאַקנדאָרף. אַרום

איז אַלץ געווען אַזוי שטיל, פּונקט ווי ביינאַכט. ליאָנקע איז צו־געגאַנגען צום פּליט און האָט זיך געזעצט אין דעם שאָטן פון די קאַרשנבוים־צווייגן, וואָס זיינען אַריבערגעהאָנגען איבער זיין פּלי־צע. ערגעץ־וואו האָט הילכיק געזשומעט אַ בין...

אַראָפּגעוואָרפן די טאָרבע פון די פּלייצעס, האָט ליאָנקע אַוועק־געלייגט אויף איר דעם קאָפּ און, געקוקט אַ ביסל אין הימל דורך די בלעטער, וואָס זיינען געהאָנגען איבער זיין געזיכט, איז ער געשמאַק איינגעשלאָפן, פאַרשטעלט פון די בליקן פון די פאַרביי־גייער דורך דעם געדיכטן סטעפּ־גראָז און דעם גראַטע־פאָרמיקן שאָטן פון דעם פּליט....

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון די קולות, וואָס האָבן זיך געוויגט אין דער לופט, וואָס איז שוין געוואָרן פריש פון דעם אָנקומענדיקן אָוונט. ניט ווייט פון אים האָט עמעצער געוויינט. גע־וויינט ווי אַ קינד — פּרעטענציעז און אומאויפהערלעך. די געוויינערייען זיינען אָפּגעשטאָרבן אויף אַ דינער, מינאָרער נאָטע און האָבן פּלוצ־לונג ווידער און מיט פרישער קראַפט אויסגעבראָכן און האָבן זיך אַלץ מער דערנענטערט צו אים. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דורך דעם סטעפּ־גראָז האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן וועג.

איבער אים איז געגאַנגען אַ מיידעלע פון אַ יאָר זיבן, אַ שיינע, אַ ריין געקליידטע, מיט אַ רויטן און אויפגעלאָפענעם פּנים פון טרערן, וועלכע זי האָט רק געווישט מיט דער פּאָלע פון קלייד. געגאַנגען איז זי לאַנגזאַם, שאַרנדיק מיט די נאַקעטע פיס־לעך איבערן וועג, אויפהויבנדיק אַ געדיכטן שטויב און האָט, קענ־טיק, ניט געוואוסט, וואוהין און נאָך וואָס זי גייט. זי האָט גע־האַט גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס זיינען איצט געווען באַליידיקט, טרויעריק און פייכט, און קליינע, דינע ראָזע אויערלעך, וואָס האָבן שטיפעריש אַרויסגעקוקט פון די בינטלעך קאַשטאַנען־האָר, וואָס זיינען געווען צעפּודלט און זיינען געפאַלן אויף איר שטערן, באַקן און אַקסלען.

זי האָט אויסגעוויזן ליאָנקען זייער קאָמיש, ניט געקוקט אויף אירע טרערן, — אַ קאָמישע און אַ פריילעכע.... און קענטיק אַ שטיפערין!...

— וואָס ווילסטו? — האָט ער זי געפֿרעגט און זיך אַנידערגעשטעלט, בעת זי איז צוגעקומען האַרט צו אים.

זי האָט אַ ציטער געטאָן, האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט תּיכּף אויפֿגעהערט צו וויינען, אָבער אין דער שטיל האָט זי נאָך אַליין אונטערגעכליפּעט. דערנאָך, קוקנדיק אויף אים עטלעכע סעקונדעס, האָבן אירע ליפּן ווידער גענומען ציטערן, דאָס געזיכט האָט זיך צונויפֿגעקנייטשט, די ברעמט האָט זיך אַ וויג געטאָן, און, ווידער גענומען יאָמערן אויפֿן קול, איז זי אַוועק.

ליאָנקע האָט דערשפּירט, ווי בײַ אים האָט זיך עפּעס צונויפֿגעפּרעסט אינעווייניק, און פּלוצלונג איז ער אויך אַוועק נאָך איר.

— וויין נישט. ביסט דאָך שוין אַ גרויסע... פֿע, מיאוס!... — האָט ער גענומען ריידן, נאָך נישט אויסגלײַכנדיק זיך מיט איר, און דערנאָך, בעת ער האָט זי דעריאָגט, האָט ער איר אַ קוק געטאָן אין געזיכט אַרײַן און האָט ווידער איבערגעפֿרעגט: — נו, וואָס האָסטו זיך אַזוי צעוויינט?

— יאָ־אָ!... — האָט זי אויסגעצויגן. — ווען מע וואָלט דיך...— און האָט זיך פּלוצלונג אַראָפּגעלאָזן אין דעם שטויב פֿון וועג, פֿאַרשטעלנדיק דאָס געזיכט מיט די הענט, און האָט פֿאַרצווייפֿלט גענומען קלאָגן.

— נו! — האָט ליאָנקע מיט גרינגשעצונג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — ביסט אַ נאַריש מיידל! יאָ־יאָ — אַ נאַריש מיידל, — טפֿו אויף דיר!...

נאָר דאָס האָט נישט געהאָלפֿן נישט איר, נישט אים. זעענדיק, ווי צווישן אירע דינע, ראָזע פֿינגער זײַנען נאָכאַנאַנד גערונען טרערן, איז אויך ליאָנקען געוואָרן אומעטיק און אים האָט זיך פֿאַרוועלט וויינען. ער האָט זיך אָנגעבויגן איבער איר און, פֿאָרזיכטיק אויפֿגעהויבן די האַנט, האָט ער קוים אָנגערירט אירע האָר; אָבער תּיכּף, דערשרעקנדיק זיך פֿאַר זײַן דרייסטקייט, האָט ער צוגעכאַפּט די האַנט. און זי האָט אַליין געוויינט און האָט גאָרנישט נישט געזאָגט.

— הער!... — האָט ליאָנקע, שווײַגנדיק אַ ווײַלע, אָנגעהויבן, און געשפּירט אַ שטאַרקע נייטיקייט צו העלפֿן איר. — הער!....

פון וואָס איז דאָס? מע האָט דיך געשלאָגן, צי וואָס?... ס'וועט פאַרגיין! נאָר אפשר עפּעס אַן אַנדער זאַך? זאָג! מיידעלע... אַ? האָסט עפּעס פאַרלאָרן? וואָלטן מיר בײדע געזוכט...

דאָס מיידעלע האָט, ניט צונעמענדיק די האַנט פון געזיכט, טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט, ענדלעך, דורך טרערן אים לאַנגזאַם געענטפערט, באַוועגנדיק דערביי מיט די פּלייצעס:

— אַ טיכל... האָב איך פאַרלאָרן!... דער טאַטע האָט געבראַכט צו פירן פון מאַרק... אַ בלוי טיכל, מיט קווייטלעך, האָב איך אָנגעטאָן... און פאַרלאָרן.—און האָט, אונטערכליפּענדיק, זיך נאָך שטאַרקער און העכער צעוויינט, און האָט מיט אַ זיפּצנדיקן קול אַרויסגעלאָזן אַן אויסטערלישן: אָ-אָ-אָ...

ליאָנקע האָט זיך געפילט אָנמעכטיק איר צו העלפן, און, שעמעוודיק אָפּגערוקט זיך פון איר, האָט ער פאַרטראַכט און טרויעריק געקוקט אויף דעם טונקל געוואָרענעם הימל. אים איז געווען שווער און זייער רחמנותדיק אויף דער מיידעלע.

— וויין ניט... אפשר וועט זיך פאָרט אָפּזוכן... — האָט ער זייער שטיל אַ שעפּטשע געטאָן, נאָר באַמערקט, אַז זי הערט ניט זיינע טרייסט-ווערטער, האָט ער זיך נאָר מער אָפּגערוקט פון איר און האָט געטראַכט, אַז זי וועט געוויס קריגן אַ גאָב פון פאָטער פאַר דער דאָזיקער אַבידה. און תיכף האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, ווי דער פאָטער, אַ גרויסער און אַ שוואַרצער קאָזאַק, שלאָגט זי, און זי, פאַרגייענדיק זיך פון געוויין און ציטערנדיק אינגאַנצן פון שרעק און ווייטאָג, וואַלגערט זיך ביי זיינע פיס...

ער איז אויפגעשטאַנען. און איז אַוועקגעגאַנגען, נאָר, אָפּגייענדיק אַ טריט פינף, האָט ער זיך ווידער האַסטיק אומגעקערט, זיך אָפּגעשטעלט קעגן איר, צוטוליענדיק זיך צום פּלויט, און זיך געפּלייסט צו דערמאָנען אָן עפּעס צערטלעכס און גוטס.

— וואָלסט באַדאַרפט אַוועקגיין פון וועג, מיידעלע! און הער שוין אַמאָל אויף צו וויינען! גיי אַהיים און דערצייל אַלץ, ווי עס איז געווען. אַז דו האָסט, הייסט עס, פאַרלאָרן... ס'פאַרדריסט דיך שטאַרק?...

ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן מיט אַ שטילן, מיטפילנדיקן קול און ענדיקנדיק מיט אַן אויפגערעגטן אויסגעשריי, האָט ער זיך דערפרייט, ווען ער האָט דערזען, אַז זי הייבט זיך אויף פון דער ערד.

— אָט אַזוי איז וואויל!... — האָט ער שמייכלענדיק און אויפגעמונטערט פאַרגעזעצט. — אָט דו נעם, און גיי זיך; אויב דו ווילסט, וועל איך גיין מיט דיר און וועל אַליץ, ווי ס'איז געווען, דערציילן? כ'וועל זיך אָננעמען פאַר דיר, שרעק זיך ניט!

און ליאָנקע האָט שטאָלץ אַ פיר געטאָן מיט די פלייצעס און האָט זיך אַרומגעקוקט.

— מע טאָרף ניט... — האָט זי אַרויסגעפּליאַפּעט און האָט לאַנגזאַם אָפגעטרייסלט דעם שטויב פון קליידל און אַליץ געכליפּעט.

— אַניט — וועל איך דען גיין? — האָט ליאָנקע הויך געזאָגט מיט פולער זיכערקייט, און האָט אַראָפגערוקט דאָס היטל אויפן אויער.

איצט איז ער געשטאַנען פאַר איר מיט ברייט פונאַנדערגעשפרייטע פיס, פון וואָס די שמאַטעס, אין וועלכע ער איז געווען אָנגעטאָן, האָבן זיך העלדיש אויפגעשפּיצט. ער האָט פעסט געקלאַפּט מיטן שטעקן אין דער ערד און האָט געקוקט אויף איר עקשנותדיק, און זיינע גרויסע און טרויעריקע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַ שטאָלצן און דרייסטן געפיל.

דאָס מיידעלע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן קרום, האָט פונאַנדערגעשמירט איבער איר פנימל די טרערן, און, ווידער אָפּזיפצנדיק זיך, האָט זי געזאָגט:

— מע טאָרף ניט... גיי ניט.... מיין מאַמעלע האָט ניט ליב קיין בעטלער.

און איז אַוועק פון אים, אומקוקנדיק זיך אַמאָל צוויי אויף צוריק.

ליאָנקען איז געוואָרן אומעטיק. ער האָט אומבאַמערקט, דורך לאַנגזאַמע באַוועגונגען אומגעביטן זיין אַנטשיידענע, אַרויספאָדערנדיקע פּאָזע, האָט זיך ווידער איינגעהויקערט, האָט זיך באַרויקט און,

אַריבערוואַרפנדיק איבערן פּלייצע דעם קלומעק, וואָס איז ביז אַהער געהאַנגען אויף זיין האַנט, האָט ער גלייך נאָך דער מיידעלע, בעת זי איז שוין געווען פאַרשוואונדן הינטערן ראָג געסעלע, — אויסגעשריען:

— אַדיע!

זי האָט זיך אין גאַנג אומגעקערט צו אים און איז ניט געוואָרן.

ס'האָט זיך דערנענטערט דער אָוונט און אין דער לופט איז געשטאַנען יענע באַזונדערע, שווערע שטיקעניש, וואָס זאָגט אָן אויף אַ געוויטער. די זון איז שוין געשטאַנען נידעריק און די שפּיצן פון די טאָפּאָלן האָבן זיך גערויטלט מיט אַ לייכטער, רויטער פאַרב. נאָר פון די אָוונט־שאָטנס, וואָס האָבן אַיינגעהילט זייערע צווייגן, זיינען זיי, הויכע און אומבאַוועגלעכע, געוואָרן געדיכטער, העכער... דער הימל איבער זיי האָט אויך געטונקלט, איז געוואָרן אַ סאַמעטענער און גלייך ווי ער וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריק צו דער ערד. ערגעץ־ווייט האָבן מענטשן גערעדט און נאָך ווייטער־ערגעץ, נאָר אין אַנדער זייט — האָט מען געזונגען. ס'האָט זיך געדוכט, אַז די דאָזיקע קלאַנגען, שטילע, נאָר געדיכטע און נאָכאַנאַנד זיך וויגנדיקע אין דער לופט, זיינען אויך געווען דורכגעזאַפּט מיט דער שטיקעניש.

ליאָנקען איז געוואָרן נאָך אומעטיקער און אַפילו עפּעס מורא־דיק. ער האָט געוואָלט גיין צום זיידן, האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און איז שנעל אַוועק פאָראויס איבער דעם געסעלע. בעטן נדבות האָט זיך אים לחלוטין ניט געוואָלט. ער איז געגאַנגען און האָט געשפּירט, אַז ביי אים אין ברוסט קלאַפּט דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק, און אַז ער פילט זיך עפּעס זייער צו גיין און צו טראַכטן... נאָר דאָס מיידעלע איז אים ניט אַרויס פון זיין זכרון, און ער האָט געטראַכט, וואָס קען מיט איר איצט זיין? צי איז זי געקומען אַהיים? צי איז זי אַ רייכע?... אויב זי איז פון אַ רייך הויז, וועט מען זי שלאָגן; אַלע רייכע זיינען קאַרגע; און אויב זי איז אַן אָרעמע, קען זיין, אַז מע וועט זי ניט שלאָגן... אין די אָרעמע הייזער האָט מען די קינדער מער ליב, ווייל מע

וואַרט פון זיי אַרבעט. די רעיונות האָבן זיך נאָכאַנאַנד באַוועגט אין זיין קאָפּ און מיט יעדער מינוט איז דאָס פיינלעכע אין דריקנדיקע געפיל פון בענקשאַפט, וואָס האָט ווי אַ שאָטן באַגלייט זיינע געדאַנקען, געוואָרן אַלץ שווערער און האָט אים אַלץ מער באַהערשט.

און די אָוונט־שאָטנס זיינען געוואָרן שטיקנדיקער און געדיכטער. ליאָנקע האָט באַגעגנט קאָזאַקן, קאָזאַקישע פריען, וועלכע זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אים און האָבן ניט געלייגט אויף אים קיין אַכט, ווייל זיי האָבן שוין באַוויזן געוויינט צו ווערן צו דעם שטראָם הונגעריקע פון רוסלאַנד. זיין טריבער בליק האָט זיך אויך פיל געגליטשט איבער זייערע זאַטע, גרויסע פיגורן אין ער איז שנעל געגאַנגען צום קלויסטער, וואָס זיין צלם האָט אַרויסגעשיינט פון הינטער דעם גרינס פון די ביימער, וואָס פאַ־ אים.

אַנטקעגן אים האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפער גערויש פון דער אָנקומענדיקער טשערעדע. אָט איז אויך דער קלויסטער, אַ נידעריטשקער און אַ ברייטער, מיט פינף קעפּ, אויסגעפאַרבט אין בלויער פאַרב, באַזעצט אַרום מיט טאָפּאָלן, וואָס זייערע שפּיצן האָבן איבערגעוואַקסן זיינע צלמים, וועלכע זיינען געווען באַגאָסן מיט שקיעה־שטראַלן און האָבן געשיינט דורך דעם גרינס מיט ראָזן גאָלד.

— אָן־דאָרטן לויפט דער יידע גאַלאָפּ צו דעם קלויסטער־גאַניק, איינבייגנדיק זיך אונטער דער משא פון דעם קלומעק, און, צולייגנדיק די דלאָניע צום שטערן, קוקט ער אויף אַלע זייטן.

הינטער דעם יידן שפּרייזט מיט אַ ברייטן טראָט אַ דאָרפישער קאָזאַק אין אַ היטל, וואָס איז נידעריק אַראָפּגערוקט אויפן שטערן, און מיט אַ שטעקן אין האַנט.

— וואָס, דער קלומעק איז אַ ליידיקער? — האָט דער יידע געפרעגט, צוגייענדיק צום איניקל, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט אויף אים, לעבן דער קלויסטער־צוים.

— אָט־וויפיל איך האָב!... — און, קרעכצענדיק, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון די פלייצעס אויף דער ערד זיין לייוונטענעם, פול אָנגעשטאָפּטן זאַק.

— אוך!... מע גיט חאָ גאַנץ גוט! אַך, ווי גוט!... נו, און דו, וואָס ביסטו אַזוי אָנגעבלאָזן?

— דער קאָפּ טוט וויי... — האָט ליאָנקע שטיל געזאָגט, אַראָפּזעצנדיק זיך אויף דער ערד לעבן דעם זיידן, וואָס האָט זיך צוגעטוליעט מיטן רוקן צו אַ הויפן צונויפגעלייגטע ציגל און האָט מיט אַן אויסדרוק פון זשעדנעקייט און צופרידנקייט געגלעט מיט דער האַנט די אויפגעזאַמלטע נדבה.

— נו?... פאַרמאַטערט.. אויסגעשעפּט!.... אָט באַלד גייען מיר נעכטיקן. ווי רופט מען יענעם קאָזאַק? אַ?

— אַנדרעי טשוּאָרני.

— ריכטיק, טשאָרני! מיר וועלן טאַקע אַזוי פרעגן: אַוואו וואוינט דאָ, הייסט עס, אַנדרעי טשאָרני? אָט גייט צו אונז אַ מענטש... ביי אים וועלן מיר פרעגן. יאָ... אַ וואויל פאָלק, אַ זאַטס. און כּבֿוד עסן זיי ווייצן־ברויט. זייט געגריסט, גוטער מענטש!

דער קאָזאַק איז צוגעגאַנגען האַרט צו זיי און האָט לאַנגזאַם אַרויסגערעדט אַלס ענטפער אויף דעם זיידנס באַגריסונג:

— און איר זייט אויך געגריסט!

דערנאָך האָט ער, ברייט פונאַנדערשפּרייטנדיק די פיס און איבערשטעלנדיק אויף די בעטלער די גרויסע, נאָר גאָרנישט אויסדריקנדיקע אויגן, זיך שווייגנדיק אַ קראַץ געטאָן.

ליאָנקע האָט געקוקט אויף אים מיט אַ נייגעריקן בליק, דער זיידע האָט פראַגלעך געפינטלט מיט זיינע זקנישע אויגן, דער קאָזאַק האָט אַלץ געשוויגן און, ענדלעך, אַרויסשטעקנדיק ביז העלפט די צונג, האָט ער גענומען כאַפּן מיט איר דעם ברעג פון זיין וואָנץ. געענדיקט געלונגען די דאָזיקע אָפּעראַציע, אַריינגעשלעפּט די וואָנץ אין מויל אַריין, אַ קיי געטאָן זי, ווידער אַרויסגעשטויסן זי מיטן צונג פון מויל, האָט ער ענדלעך איבערגעריסן דעם שווייגן, וואָס איז שוין געוואָרן פיינלעך, און געזאָגט פויל:

— נו... לאָמיר גיין אין פאַרזאַמלונגס־הויז.

— וואָס פאַלט דיר איין? — האָט זיך דער זיידע אַ טרייסל געגעבן.

ביי ליאָנקען האָט עפּעס אינעווייניק אַ ציטער געטאָן.

— מע דאַרף... מע האָט באַפֿוילן. גיי!

ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו זײַ מיטן רוקן און איז געוויזט אַוועק, נאָר אַרומקוקנדיק זיך אויף הינטן און זעענדיק, אַז בײדע רירן זיך נישט פֿון אָרט, האָט ער ווידער און שוין מיט כּעס אַ געשריי געטאָן:

— וואָס נאָך?!

דעמאָלט איז דער זיידע און ליאָנקע שנעל אײַנגעשטאַנען און זײַנען אַוועק נאָך אים.

ליאָנקע האָט עקשנותדיק געקוקט אויפֿן זיידן און, זעענדיק, ווי בײַ אים טרייסלען זיך די ליפּן און דער קאָפּ און ווי ער קוקט מיט פּחד אַרום זיך און נישטערט שנעל בײַ זיך אין בוזעם, האָט ער געשפּירט, אַז דער זיידע האָט עפּעס ווידער אָפּגעטאָן אַ שטיקל אַרבעט, פּונקט ווי דעמאָלט אין טאַמאַן. אים איז געוואָרן אַנגסטלעך און איבלדיק, בעת ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט יענע טאַמאַנער געשיכטע. דאָרטן האָט דער זיידע אַוועקגענומען וועש פֿון אַ הויף, און מע האָט אים געפּאַקט מיט זיי. מע האָט געלאַכט, געזידלט, געשלאָגן אַפֿילו און, ענדלעך, האָט מען אים בײַנאַכט אַרויסגעטריבן פֿונם קאָזאַקנדאָרף. די נאַכט איז געווען אַזאַ פֿינצטערע... ער האָט געגעכטיקט מיטן זיידן ערגעץ אויף אַ ברעג דורכנעם אין זאַמד, און דער ים האָט אַ גאַנצע נאַכט אומהדיק געברויזט. דער זאַמד האָט געסקריפּעט, ווערנדיק גערוקט פֿון די כוואַליעס, וואָס זײַנען אויף אים אָנגעלאָפֿן... און דער זיידע האָט די גאַנצע נאַכט געקרעכצט און האָט שעפּטשענדיק תּפֿילה-געטאָן צו גאָט, און האָט זיך אָנגערופֿן גנבֿ און געבעטן בײַ גאָט פֿאַרגעבונג.

ליאָנקע האָט איבערגעציטערט פֿון דעם שטויס אין זײַט און האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם זיידן. בײַ יענעם האָט זיך דאָס געזיכט אויסגעצויגן, איז געוואָרן טריקענער און גרויער און אַלץ האָט געציטערט.

דער קאָזאַק איז געגאַנגען אַ טריט פֿינף פֿאָראויס, האָט גערויכערט די ליולקע, האָט באַפּוצט דעם שטעקן מיט קעפּלעך פֿון דיסטלען און האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט.

— נאַ אָט, נעם!... וואַרף אַוועק... אין דעם סטעפּ־גראָז... נאָר באַמערק, וואו דו וואַרפסט!.... כּדי זאָלסט שפּעטער קענען צונעמען.... — האָט דער ייִדע קוים וואָס מע האָט האָט געהערט אַרויסגעפּליסטערט און, פעסט צוגעטוליעט צו זיך אין גאַנג דעם איינִיקל, האָט ער אים אַרייַנגערוקט אין האַנט עפּעס אַ שמאַטע, צונויפגעדרייט אין אַ קנייַלכל.

ליאָנקע האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט, האָט אַ ציטער געטאָן פון שרעק, וואָס האָט תּיכּף אָנגעפילט זייַן גאַנץ וועזן מיט קעלט, און איז נעענטער צוגעגאַנגען צום פאַרקאַן, לעבן וועלכן ס׳האָט זיך געדיכט צעוואַקסן דאָס סטעפּ־גראָז.

קוקנדיק געשפּאַנט אויף דער ברייטער פּלייצע פון דעם קאָזאַק, דעם קאָנוואָיר, האָט ער אויסגעשטרעקט אָן אַ זייט די האַנט און אַ קוק געבנדיק אויף איר, האָט ער אַ וואָרף געטאָן די שמאַטע אין דעם סטעפּ־גראָז.... אַ וואָרף געטאָן און אָפּגעשטעלט זיך אַ איבעראַשטער.

פאַלנדיק, האָט זיך די שמאַטע פונאַנדערגעוויקלט, און פאַר ליאָנקעס אויגן האָט אַ שימער געטאָן אַ בלוי טיכל מיט קוויטן, וואָס איז מאָמענטאַל פאַרטונקלט געוואָרן דורך דער געשטאַלט פון דער קליינער וויינענדיקער מיידעלע. זי איז אויפגעשטאַנען פאַר אים ווי אַ לעבעדיקע, און האָט פאַרשטעלט מיט זיך אי דעם קאָזאַק, אי דעם ייִדן, אי אַלץ, וואָס איז געווען אַרום אים... איר געיאָמער האָט זיך ווידער דייַטלעך דערטראָגן צו ליאָנקעס אויערן און אים האָט זיך געדוכט, אַז עס פאַלן פאַר אים אויף דער ערד ליכטיקע טראָפּעלעך טרערן און פאַרשטעלן פון אים די גאַנצע וועלט און פילן אָן זייַן ברוסט מיט אַ קומערפולער קעלט...

אין דעם דאָזיקן, כּמעט באַוואוסטלאָזן צושטאַנד איז ער הינטער דעם ייִדן געקומען אין דעם פאַרזאַמלונגס־הויז, האָט געהערט דאָס פאַרשטיקטע הודיען, אין וועלכן ער האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט זיך פונאַנדערקלייבן, ער האָט געזען ווי דורך אַ נעפּל, ווי מען האָט פון דעם ייִדנס קלומעק אַרויסגעשאָטן שטיקלעך אויף דעם גרויסן טיש, און די דאָזיקע שטיקלעך האָבן, פאַלנדיק שטיל און ווייך, געקלאַפּט אָן טיש... דערנאָך האָבן

זיך איבער זיי אָנגעבויגן אַ סך קעפּ אין הויכע היטלען; די קעפּ אין די היטלען זיינען געווען אָנכמורעט און פינסטער און דורך דעם נעפּל, וואָס האָט זיי פאַרהילט, האָבן זיי, וויגנדיק זיך, געדראָט מיט עפּעס שרעקלעכס... דערנאָך האָט דער ייִדע פּלוצלונג, מורמלענדיק עפּעס הייזעריק, זיך גענומען דרייען ווי אַ דריידל אין די הענט פון צוויי געזונטע חברה־לייט...

— אומזיסט, פּראַוואָסלאַוונע!... כ'בין ניט שולדיק, גאָט איז אַן עדות!... — האָט דער ייִדע גענומען וואָיען מיט האַרצרייסנדיקע קולות.

ליאָנקע האָט זיך פונאַנדערגעוויינט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל.

דעמאָלט זיינען זיי אויך צו אים צוגעגאַנגען. מע האָט אים אויפגעהויבן, אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און דורכגענישטערט אַלע טראַנטעס, וואָס האָבן באַדעקט זיין קליין קערפּערל.

— זי לייגט, די טייוולשע פּרויענצימער האַגילאָוונע! — האָט עמעצער אַ דונער געטאָן, גלייך ער וואָלט איבער ליאָנקעס אויערן אַ זעץ געטאָן מיט זיין געדיכטן און אויפגערייצטן קול.

— און אפשר האָבן זיי עלגען באַהאַלטן? — האָט מען אַלס ענטפער נאָך העכער אויסגעשריען.

ליאָנקע האָט געשפּירט, גלייך די דאָזיקע אַלע קלאַנגען וואָלטן געשלאָגן איבער זיין קאָפּ, און אים האָט אַזוי גענומען ווי טאָן, אַז ער האָט פאַרלאָרן דעם באַוואוסטזיין און גלייך ער וואָלט פּלוצלונג אַ פאַל געטאָן אין עפּעס אַ שוואַרצער גרוב, וואָס האָט אויסגעעפנט פאַר אים דעם תהומיקן מויל.

און בעת ער האָט אויפגעוואַכט, האָט ער דערשפּירט, אַז זיין קאָפּ ליגט אויף דעם ייִדנס קני, און ער האָט דערזען, אַז פּונקט איבער זיין געזיכט האָט זיך אַריבערגעבויגן דעם ייִדנס געזיכט, וואָס איז געווען נעבעכדיקער און צונויפגעקאָרטשעטער, איידער אַלעמאָל, און פון דעם ייִדנס אויגן, וואָס האָבן געפינטלט צעשראָקן, קאַפּען אויף זיין, ליאָנקעס שטערן, קליינע טריבע טרערן און קיצלען שטאַרק, אַראָפּקייקלענדיק זיך איבער די באַקן אויפן האַלדז...

— ביסט שוין געקומען צו זיך, טייערער?!... לאָמיר גיין פֿון דאַנען. לאָמיר גיין, — זיי האָבן אָפּגעלאָזן, די פֿאַרפֿלוכטע!

ליאָנקע האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון דעם זיידנס קני און האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים, שפּירנדיק דערביי, אַז זיין קאָפּ איז אָנגעגאָסן מיט עפּעס שווערס און אַז ער וועט אָט־אָט אַראָפּפֿאַלן פֿון די אַקסלען... ער האָט אים גענומען אין די הענט און האָט זיך גענומען שאָקלען, שטיל קרעכצענדיק דערביי.

— האָסט קעפּעלע טוט־ווי? טייערער מיינער!... זיי האָבן אונדז פֿאַרפּייניקט... די חיות! דער קינזשאַל, פֿאַרשטייסט, איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן און דאָס טיכל האָט דאָס מיידעלע פֿאַרלאָרן, נו, האָבן זיי זיך אויף אונדז אַרויפֿגעוואָרפֿן!... אַך, רבונו־של־עולם!... פֿאַרוואָס שטראָפֿסטו אונדז?!...

דעם זיידנס כליפּעדיקער קול האָט אַזוי ווי געדראַפּעט ליאָנקען, און ער האָט געשפּירט, אַז אינעווייניק אין אים ברענט זיך פֿונאַנדער אַזאַ שאַרף פֿינקעלע, וואָס צווינגט אים אָפּצורוקן זיך ווייטער פֿון זיידן.

ער האָט זיך אָפּגערוקט און האָט צאָרנדיק אַ קוק געטאָן אויף זיין געזיכט, וואָס פֿון זיינע קנייטשן האָט זיך אים געדוכט, קוקן אויף אים אַרויס קליינינקע, העסלעכע, שאַ־להאַפּטיקע שלענגלעך... ער האָט אַ ציטער געטאָן און האָט זיך אַרומגעקוקט...

ער מיטן זיידן זיינען געזעסן ביים אַריינגאַנג פֿון הויף, אונטער אַ געדיכטן שאָטן פֿון אַן אויסגעקרימטן שוואַרצן טאָפּאָל. ס׳איז שוין אָנגעקומען די נאַכט, ס׳איז אויפֿגעגאַנגען די לבנה און איר מילך־זילבערדיקער שיין, וואָס האָט באַגאָסן דעם גלייכן און ברייטן סטעפּ־שטח, האָט אים אַזוי ווי געמאַכט שמעלער, איידער ער איז געווען בייטאָג, שמעלער און וויסטער און אומעטיקער. פֿונדערווייטנס, פֿונם סטעפּ, וואָס איז געווען צונויפֿגעגאָסן מיטן הימל, האָבן זיך אויפֿגעהויבן ליליע־וואָלקנדלעך און זיינען שטיל געשוואומען איבער אים, פֿאַרשטעלנדיק די לבנה און וואַרפֿנדיק אויף דער ערד געדיכטע שאָטנס. די שאָטנס האָבן זיך געדיכט געלייגט אויף דער ערד, לאַנגזאַם, פֿאַרקלערט זיינען זיי איבער איר געקראָכן און זיינען פֿלוצלונג פֿאַרשוואונדן געוואָרן, גלייך זיי וואָלטן דורך די

שפּאַלטן, וואָס האָבן זיך געבילדעט פֿון די ברענענדיקע זונשטראַלן, אַריין אין דער ערד... פֿון דאָרף האָבן זיך געטראָגן קולות און וואָגיט-וואו האָבן זיך אין אים אָנגעצונדן פֿייערלעך, גלייך זיי וואָלטן זיך דורכגעוואונקען מיט די העל-גאָלדענע שטערן אין הימל.

— לאָמיר גיין, ליבער!... מע דאַרף גיין, — האָט דער זיידע געזאָגט.

— לאָמיר נאָך אַ ביסל זיצן!... — האָט ליאָנקע שטיל געזאָגט.

אים איז געפעלן געוואָרן דער כטעפ. ביי טאָג, גייענדיק איבער אים, האָט ער ליב געהאַט צו קוקן פֿאָראויס, דאָרטן, וואו דער הימל-געוועלב, האָט זיך אים אויסגעדוכט, שפּאַרט זיך אָן אויף זיין ברייטער ברוסט... און דאָרטן האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט גרויסע וואונדערשיינע שטעט, באַזעצטע מיט אַזעלכע מענטשן, וואָס ער האָט ביז אַהער ניט געזען, און ביי וועלכע מע וועט ניט דאַרפֿן בעטן קיין ברויט — זיי וועלן אַליין געבן, ניט געבעטענערהייט... און בעת דער סטעפּ האָט זיך אַלץ ברייטער פֿונאַנדערגעוויקלט פֿאַר זיינע אויגן, האָט ער פּלוצים אַרויסגערוקט פֿון זיך דאָס קאָזאַקנדאָרף, וואָס איז שוין אים געווען באַקאַנט און איז מיט די בנינים און און מיט די מענטשן געווען ענלעך אויף אַלע די, וועלכע ער האָט געזען פֿריער, און אים איז געוואָרן אומעטיק און פֿאַרדראָסיק פֿאַר דער דאָזיקער אילוזיע...

נאָר דער סטעפּ האָט זיך אויף דעם צווייטן טאָג ווידער ברייט און פֿריי פֿאַר אים פֿונאַנדערגעוויקלט און האָט אים ווידער געצוואונגען אויסצומאָלן זיך ניט קיין געזעענע שטעט, וואָס ליגן פֿאַרבאָרגן דאָרטן ווייט אויף זיין ברעג...

און איצט האָט ער פֿאַרקלערטערהייט געקוקט אין דער ווייט, פֿונוואַנען עס האָבן לאַנגזאַם אַרויסגעפּיזעט די וואָלקנס. זיי האָבן אים אויסגעוויזן ווי אַ רויך, וואָס גייט פֿון טויזנטער קוימענס פֿון יענער שטאָט, וואָס אים האָט זיך אַזוי געוואָלט זען...

דעם זיידנס פֿאַרשטיקטער הוסט האָט איבערגעריסן זיינע מחשבות.

ליאָנקע האָט דורכדרינגלעך אַ קוק געטאָן אויף דעם טרע=

פייכטן געזיכט פון דעם זיידן, וואס האט דארשטיק געשלינגען די לופט.

באלויכטן פון דער לבנה, און באדעקט מיט אויסטערלישע שאטנס, וואס זיינען אויף אים געפאלן פון די טראנטעס פון זיין היטל, פון די ברעמען און פון דער בארד, איז דאס דאזיקע געזיכט, מיט דעם פיבערהאפט־באוועגלעכן מויל און מיט די ברייט־אויפגעעפנטע אויגן, וואס האבן געלויכטן מיט עפעס א באהאלטענער באגייסטערונג — געווען אי שרעקלעך, אי נעבעכדיק, און האט ביי ליאנקען דערוועקט יענץ פאר אים ניי געפיל, וועלכעס האט אים געצוואונגען אפצורוקן זיך, וואס ווייטער פונם זיידן...

— נו, לאמיר א ביסל זיצן, לאמיר זיצן!... האט ער געמורמלט און שמייכלענדיק מיט א נארישן שמייכל, האט ער גענישטערט אין בוזעם.

ליאנקע האט זיך אפגעקערט און האט ווידער גענומען קוקן אין דער ווייט אריין.

— ליאנקע!... גיב־נאר א קוק!... — האט זיך דער זיידע פלוצלונג התפעלותדיק צעכליפעט, און קארטשענדיק זיך פון דעם שטיקנדיקן הוסט, האט ער דערלאנגט דעם איינקל עפעס א לאנגע און א בלישטשענדיקע זאך. — אין זילבער! האך עפעס זילבער!... ס'קאסט א האלבע מאה!...

די הענט און די ליפן האבן ביי אים געציטערט פון גיריקייט און פון ווייטאג, און דאס גאנצע געזיכט זיינס האט זיך צעקראמפט.

ליאנקע האט א ציטער געטאן און האט אפגעשטויסן זיין האנט.

— באהאלט אויף גיך!... זיידעשי, באהאלט!... האט ער מיט א בעטנדיקן קול ארויסגעפליכטערט און האט זיך שנעל א ומגעקוקט ארום זיך.

— נו... וואס איז דיר, נארעלע? האסט מורא, ליבער?.. כ'האב א קוק געטאן אין פענסטער, ערשט עס הענגט... האב איך עס א כאפ געטאן און אונטערן פאלע... און דערנאך האב איך עס באהאלטן אין די קוסטעס. מיר זיינען אוועק פון דארף, איך האב זיך פלומרשט געמאכט, ווי איך האב פארלארן דאס היטל,

האָב איך זיך אָנגעבויגן און עס אויפגעהויבן... נאַראָם!... אין דאָס טיכל האָב איך אויך געגומען... אָט וואו דאָס איז!...

און אַרויסגעכאַפּט מיט ציטעריקע הענט דאָס טיכל פון זיינע טראַנטעס, האָט אים דער זיידע אַ טרייסל געטאָן פאַר ליאַנקעס געזיכט.

פאַר ליאַנקעס אויגן האָט זיך עפּעס אַזוי ווי אַ נעפּלדיקער פאָרהאַנג צעריסן און ס'האָט זיך אַנטפּלעקט אַזאַ מין בילד: — ער מ'טן זיידן גייען, ווי ווייט זיי קענען, שנעל איבער דער גאַס פון דאָרף און מיידן אויס די בליקן פון די אַנטקעגנקומענדיקע מענטשן, זיי גייען און שרעקן זיך, און ליאַנקען דוכט זיך, אַז יעדערער, ווער עס וויל, האָט זיי רעכט צו שלאָגן, צו שפּייען אויף זיי, צו זידלען... אַלץ אַרום זיי — די פּאַרקאַנעס, די הייזער, די ביימער — זיינען איינגעהילט אין עפּעס אַ מאָדנעם נעפּל און וויגן זיך גלייך ווי פון ווינט... און ס'הודיען עמעצנס שטרענגע, בייזע שטימען... דער דאָזיקער שווערער וועג איז אומענדלעך לאַנג און קיין אַרויסגאַנג פון דאָרף אין פעלד זעט מען ניט. איבער דער געדיכטער מאַסע וואַקלדיקע הייזער, וואָס אָט דערנענטערן זיי זיך צו זיי, גלייך זיי וואָלטן זיי געוואָלט דערשטיקן, אָט גייען זיי ערגעץ אַוועק און לאַכן זיי אין פּנים אַריין מיט די טונקעלע פלעקן פון זייערע פענסטער... און פּלוצלונג דערהערט זיך הילכיק פון איין פענסטער אַרויס: „גנבימלעך! גנבימלעך! קליין גנבל!“... ליאַנקע וואַרפט אין דער שטיל אַ בליק אָן אַ זייט און דערזעט אין פענסטער יענץ מיידעלע, וועלכע ער האָט לענגער געזען וויינענדיק און האָט זי געוואָלט באַשיצן... זי האָט געפּאַקט זיין בליק און האָט אים אַרויסגעשטעלט אַ צונג, און אירע בלויע אייגלעך האָבן געפינקלט בייז און שאַרף און האָבן געשטאָכן ליאַנקען אַזוי ווי מיט נאָדלען.

דאָס דאָזיקע בילד האָט אויפגעלעבט אין דעם יינגלס זכרון און איז מאָמענטאַל פאַרשוואונדן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ בייזן שמייכל, וועלכן ער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם זיידן אין פּנים אַריין.

דער זיידע האָט אַלץ עפּעס גערעדט, גערעדט, און האָט זיך אַליין איבערגעשלאָגן מיטן הוסט, האָט געפּאַכט מיט די הענט, האָט לוסטיק געשמייכלט פון עפּעס, האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ

און האָט געווישט דעם שווייס, וואָס איז אין גרויסע טראָפּנס אַרויס־געטראָטן אויף די קנייטשן פון זיין געזיכט.

אַ שווערער, צעריסענער און צעטראַנטעוועטער וואָלקן האָט פאַרשטעלט די לבנה, און ליאָנקע האָט כמעט ניט געזען דעם זיידנס געזיכט... נאָר ער האָט אַוועקגעשטעלט לעבן אים דאָס וויינענדיקע מיידעלע, האָט אַרויסגערופן איר געשטאַלט, און האָט זי ביידן אַזוי ווי אָפּגעמאָסטן אין געדאַנק. דער אָנמעכטיקער, סקריפּענדיקער, גיריקער און אָפּגעריסענער זיידע לעבן איר, אַ באַליידיקטע פון אים, אַ וויינענדיקע, נאָר אַ געזונטע, אַ פרישע, אַ שיינע, האָט אים אויסגעוויזן, ווי אַ איבעריקער און כמעט פּונקט אַזאַ שלעכטער, און נישטיקער, ווי קאָשטשעי פון דער מעשהלע. ווי איז דאָס מעגלעך? פאַרוואָס האָט ער זי באַליידיקט? ער איז דאָך אירער ניט קיין קרוב...

און דער זיידע האָט געסקריפּעט:

— ווען מע וואָלט געקענט הונדערט רובל... אָנזאַמלען!... וואָלט איך רויק געשטאָרבן...

— נו!... — האָט זיך דעמאָלט עפּעס אָנגעצונדן אין ליאָנקען. — שוויג שוין! וואָלט געשטאָרבן, וואָלט געשטאָרבן... און שטאַרבסט ניט... גנבעסט!.... האָט זיך ליאָנקע צעשריען אויף אַ דינעם קול און פּלוצלונג, ציטערנדיק איבגאַנצן, האָט ער זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. — ביסט אַן אַלטער גנב!... או־ו — און צונויפפרעסנדיק דאָס קליינע, טרוקענע פויסטעלע, האָט ער אַ טרייסל געטאָן מיט אים אַנטקעגן דעם זיידן, וואָס איז פּלוצלונג אַנטשוויגן געוואָרן, און האָט זיך ווידער שווער אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד, פאַרזעצנדיק צווישן די ציינער: — ביי אַ קינד געגנבעט... אַך, גוט!... אָבער דאַרטן, אַלטער... אויף יענער וועלט וועסטו קיין אויסלייזונג פאַר דעם ניט האָבן!....

פּלוצלונג האָט זיך דער גאַנצער סטעפּ אַ וואַקל געטאָן און, אַרומגעכאַפּט מיט אַ בלענדנדיק־בלויען ליכט, האָט ער זיך איבערגעשפּרייט.... די פינסטערניש, וואָס האָט אים פאַרהילט, האָט אַ ציטער געטאָן און איז אויף אַ מאָמענט פאַרשוואונדן געוואָרן... ס'האָט געגעבן אַ קלאַפּ אַ דונער און ברומענדיק, האָט ער זיך

צעקייקלט איבער דעם סטעפּ, אויפטרייסלענדיק אי דעם סטעפּ, אי דעם הימל, איבער וועלכן ס'איז איצט שנעל געפלויגן אַ געדיכטע מחנה שוואַרצע וואָלקנס, וואָס האָבן אין זיך דערטרונקען די לבנה.

ס'איז געוואָרן פינסטער. וויט־ערגעץ האָט נאָך שווייגנדיק, נאָר אימהדיק, אַ שימער געטאָן אַ בליץ און אין אַ סעקונדע אַרום האָט ווידער שוואַך אַ קנאַל געטאָן אַ דונער... דערנאָך איז אָנגעשטאַנען אַ שטילקייט, וואָס האָט אויסגעוויזן, אַז זי וועט זיך ציִען אָן אַ סוף.

ליאָנקע האָט זיך געצלמט. דער זיידע איז געזעסן אומבאַוועגלעך און שווייגנדיק, גלייך ער וואָלט צונויפגעוואַקסן געוואָרן מיט דעם שטאַם פון בוים, צו וועלכן ער האָט זיך צוגעטוליעט מיטן רוקן.

— זיידעשי!... — האָט ליאָנקע אַרויסגעפליסטערט, ריכטנדיק זיך אין פיינלעכער שרעק אויף אַ נייעם קלאַפּ פון אַ דונער. — לאָמיר גיין אין דאָרף אַריין!

דער הימל האָט ווידער אַ ציטער געגעבן און, אָנצינדנדיק זיך ווידער מיט אַ בלויען פלאַם, האָט ער אַ שלידער געטאָן אויף דער ערד אַ מעכטיקן מעטאַלישן קלאַפּ, גלייך טויזנטער אייזערנע טאָוולען וואָלטן זיך געשאָטן אויף דער ערד און אָנגעקלאַפּט זיך איינע אָן די אַנדערע...

— זיידעשי!... — האָט ליאָנקע אויסגעשריען

זיין געשריי, וואָס איז פאַרטיפט געוואָרן פון דעם עכאָ פונם דונער, האָט אָפּגעהילכט, ווי אַ קלאַפּ אין אַ קליינעם צעבראָכענעם גלאָק.

אין זיינע ווערטער האָט געקלונגען אי ביטערניש, אי שמאַרץ, אי איראָניע. ליאָנקען האָבן זיי אויסגעוויזן, ווי זיי וואָלטן געווען אַרויסגעזאָגט פון אַ פרעמדן.

גרויסע טראָפּנס רעגן האָבן גענומען פאַלן, און זייער רויש האָט געקלונגען אַזוי געהיימעניספול, גלייך ער וואָלט וועגן עפּעס געוואָרנט... פון דער ווייטנס איז דער גערויש אויסגעוואַקסן אין איין, ברייטן קלאַנג, וואָס האָט זיך אויסגעדוכט, ווי מע וואָלט מיט אַ ריזיקער באַרשט געריבן איבער דער טרוקענער ערד, — און דאָ,

לעבן דעם יידן און דעם אייניקל, האָט יעדער טראָפּן, וואָס איז געפאַלן אויף דער ערד, געקלונגען קורץ און אָפּגעהאַקט און איז געשטאָרבן אָן אַן עכאָ. די קלעפּ פון דעם דונער האָבן זיך אַלץ מער דערנענטערט און דער הימל האָט זיך אַלץ אָפטער אָנגעצונדן.

— כ'וועל' אין דאַרף ניט גיין! זאָל מיך, דעם אַלטן הונט און גנב... דער רעגן דאָ דערטרינקען... און דער דונער דערשלאָגן!... — האָט דער זיידע געזאָגט, פאַרכליניענדיק זיך. — כ'וועל ניט גיין!... גיי אַליין... אָט איז דאָס קאָזאַקנדאָרף... גיי!... כ'וויל ניט, אַז דו זאָלסט דאָ זיצן... אַוועק פון דאַנען!... גיי, גיי!... גיי!....

דער זיידע האָט שוין פאַרשטיקט און הייזעריק גענומען שרייען.

— זיידעשי!... זיי מיר מוחל!... — האָט ליאָנקע, דערנענטערנדיק זיך צו אים, גענומען בעטן.

— אַ!... כ'וועל' ניט גיין... כ'וועל ניט מוחל זיין... זיבן יאָר האָב איך דיך געניאַנטשעט!... אַלץ פאַר דיר... כ'האָב אויך געלעבט פאַר דיר... איך אַליין דאַרף דען עפּעס?... איך שטאַרב דאָך שוין... איך שטאַרב..... און דו זאָגסט אַ גנב... פאַרוואָס אַ גנב? פאַר דיר... דאָס איז דאָך פאַר דיר אַלץ..... אָט נעם... נעם.. נאַ... אויף דיין לעבן... אויף דעם גאַנצן... האָב איך געזאַמלט... גו כ'האָב טאַקע געגנבעט... גאָט זעט אַלץ... ער ווייס... אַז כ'האָב געגנבעט... ער ווייס... ער וועט מיך באַשטראָפן. ע—ער וועט מיר, דעם אַלטן הונט, ניט שענקען... פאַר גנבה. און ער האָט שוין באַשטראָפט... גאָט! האָסט מיך באַשטראָפט! אַ? באַשטראָפט?... מיט דער האַנט האָסטו מיר דערהרגעט דאָס קינד!... אמת, גאָט!... ריכטיק!... ביסט גערעכט, גאָט!... כ'גיי אויף דיין משפט. שיק נאָך מיין נשמה... אָך!.... און... אָט.. שוין!

דעם זיידנס שטימע האָט זיך אויפגעהויבן ביז אַ האַרצרייסנדיקן קוויטש, וואָס האָט אַריינגעיאָגט אין ליאָנקעס ברוסט אַ גליווערדיקע אימה.

די קלעפּ פון דעם דונער, וואָס האָט צעטרייסלט דעם סטעפּ און דעם הימל, האָבן איצט געברומט אַזוי הילכיק און אַייליק,

יעדער קלאַפּ האָט געוואָלט זאָגן דער ערד עפּעס זייער נייטיקס פֿאַר איר, און, איבעריאָגנדיק איינע די אַנדערע, האָבן זיי אַלע גערעוועט כּמעט אָן אויפֿהער. דער הימל, אַ צעריסענער פֿון די בליצן, האָט געציטערט, ס'האָט אויך געציטערט דער סטעפּ, וואָס האָט זיך דאָ אָנגעצונדן אינגאַנצן מיט אַ בלויען פֿייער, דאָ פֿאַרזונקען געוואָרן אין אַ קאַלטער, שווערער און ענגער פֿינסטערניש, וואָס האָט אים מאָדנע פֿאַרשמעלערט. מיילמאָל האָט דער בליץ באַלויכטן די ווייט. די דאָזיקע ווייט, האָט זיך אויסגעדוכט, אַנטלויפֿט אין אײַלעניש פֿון דעם רויש און פֿון דעם רעווען...

ס'האָט זיך גאָס געטאָן אַ רעגן, און זײַנע טראָפּנס האָבן, בלאַנקענדיק, אַזוי ווי שטאָל פֿאַר דעם גלאַנץ פֿון בליץ, פֿאַרשטעלט מיט זיך די פֿײַנדלעכע, שעמערדיקע פֿײַערלעך פֿון דעם קאָזאַקן-דאָרף.

ליאָנקע איז אָפּגעשטאָרבן פֿון אימה, פֿון קעלט און פֿון עפּעס אַ טרויעריק געפֿיל פֿון שולדיקייט, וואָס דעם זיידנס געשריי האָט ביי אים אַרויסגערופֿן. ער האָט אויסגעשטעלט פֿאָראויס די ברייט-צעעפֿנטע אויגן און, מורא האָבנדיק אַ פּינטל טאָן מיט זיי אַפֿילו דעמאָלט, ווען די טראָפּנס וואַסער, וואָס האָבן אַראָפּגערונען פֿון זיין אויסגעווייקטן קאָפּ, האָבן אויך אין זיי געטראָפֿן, האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם זיידנס שטימע, וואָס האָט זיך געטרונקען אין דעם ים פֿון מעכטיקע קלאַנגען.

ליאָנקע האָט געשפּירט, אַז דער זיידע זיצט אומבאַוועגלעך. נאָר אים האָט זיך געדוכט, אַז ער מוז אַנטרינען, ער מוז אַוועקגיין ערגעץ און איבערלאָזן אים דאָ אַליין. אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין, האָט ער זיך ביסלעכווייז צוגערוקט צום זיידן און, בעת ער האָט אָנגערירט זיין אָרעם, האָט ער אַ ציטער געטאָן, וואַרטנדיק אויף עפּעס שרעקלעכס...

פֿונאַנדערגעריסן דעם הימל, האָט דער בליץ באַלויכטן זיי ביידן, איינע לעבן די אַנדערע, צונויפֿגעשרומפּטע, קליינינקע, באַגאָסענע מיט שטראָמען וואַסער, וואָס האָט גערונען פֿון די צווייגן פֿון דעם בוים...

דער זיידע האָט געפּאַטשט מיט דער האַנט אין דער לופֿטן

און האָט אַלץ געמורמלט עפּעס, שוין מידע ווערנדיק און פאַרכליניענדיק זיך.

אַ קוק געטאָן אים אין געזיכט אַריין, האָט ליאָנקע אַ געשריי געטאָן פון שרעק... אין דעם בלויען בלאַנק פון בליץ האָט דאָס געזיכט אויסגעזען טויט, און די טריבע אויגן, וואָס האָבן זיך אויף אים געדרייט, זיינען געווען מטורפדיק.

— ייִדעשי!... לאָמיר גיין!... האָט ער זיך צעקוויטשעט און האָט פאַרשטעקט זיין קאָפּ צווישן דעם ייִדנס קני.

דער ייִדע האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אים, האָט אים אַרומגענומען מיט זיינע דינע און ביינערדיקע הענט, האָט אים פעסט צוגעפרעסט צו זיך און, דריקנדיק אים, האָט ער פלוצלונג זיך צעוואָיעט שטאַרק און האַרצרייסנדיק, ווי אַ וואָלף, וועלכן מע האָט געפאַנגען מיט אַ כאַפּ־שטייג.

דערפירט דורך דעם האָזיקן וואָיען שיער ניט ביז משוגעת, האָט זיך ליאָנקע אַרויסגעריסן פון אים, האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויף און האָט זיך געלאָזט ווי אַ פייל פון בויגן פאָראויס, ברייט עפענענדיק דערביי די אויגן, וואָס זיינען געווען פאַרבלענדט דורך די בליצן, איז געפאַלן, איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק אַלץ טיפער אין דער פינסטערניש, וועלכע איז האָ פאַרשוואונדן פון דעם בלויען שימער פון דעם בליץ, דאָ ווידער פעסט אַרומגעהאַפּט דאָס ייִנגל, וואָס איז משוגע געוואָרן פון פחד.

און דער רעגן האָט, פאַלנדיק, גערוישט אַזוי קאַלט, אַזוי מאָנאָטאָן, אַזוי טרויעריק... און, ענדלעך, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז, אויסער דעם רויש פונם רעגן, דעם גלאַנץ פונם בליץ און דער רוגזהדיקער קאַנאָנאַדע פון דעם דונער, איז אין סטעפּ קיינמאָל גאָרנישט ניט געווען.

---

אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי, ווען די דאָרפישע ייִנגלעך זיינען אַרויסגעלאָפן הינטערן דאָרף, האָבן זיי תיכף זיך אומגעקערט צוריק און האָבן געמאַכט אַ ליאַרעם, אַז זיי האָבן אונטער אַ שוואַרצן טאָפּאָל־בוים געזען דעם נעכטיקן בעטלער און אַז מע האָט אים, קענטיק, געקוילעט, ווייל לעבן אים ליגט אַ קינזשאַל.

נאָר בעת די עלטערע קאָזאַקן זיינען געקומען זען, צי ס'איז אמת, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז ניט אמת. דער אַלטער האָט נאָך געלעבט. בעת זיי זיינען צו אים צוגעגאַנגען, האָט ער זיך געפּרוּווט אויפהויבן פון דער ערד, נאָר ער האָט ניט געקאָנט. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז ביי אים אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון, און ער האָט ביי אַלעמען עפּעס געפרעגט מיט טרערנדיקע אויגן און האָט אַלץ געזוכט מיט זיי צווישן דעם עולם; ער האָט אָבער גאָרנישט ניט געפונען און האָט ניט באַקומען קיין שום ענטפער.

צו אָוונט־צו איז ער געשטאָרבן, און מע האָט אים דאָרט גופא, וואו מע האָט אים געפונען, אונטער דעם שוואַרצן טאָפּאָל־בוים, באַגראָבן, ווייל מע האָט געהאַלטן, אַז אויפן בית־עולם דאַרף מען אים ניט מקבר זיין: ערשטנס — איז ער אַ פרעמדער; צווייטנס, איז ער אַ גנב, און דריטנס — איז ער געשטאָרבן אָן ווידוי. לעבן אים האָט מען אין בלאָטע געפונען דעם קינזשאַל מיט דעם טיכל.

און אין צוויי אָדער דריי טעג אַרום האָט זיך ליאַנקע אָפּגעזוכט.

איבער אַ שמאָלן גראָבן, ניט ווייט פון דעם קאָזאַקנדאָרף, האָבן זיך גענומען דרייען מחנות קראָען, און ווען מע איז אַהין אַוועק, האָט מען געפונען דאָס יינגל ליגנדיק, מיט צעשפּרייטע הענט און מיט דעם פּנים אַראָפּ, אין אַ געדיכטער בלאָטע, וואָס איז געבליבן נאָך דעם רעגן אויפן דעק פון גראָבן.

תחילת האָט מען געהאַט באַשלאָסן מקבר צו זיין אים אויפן בית־עולם, מחמת ער איז דאָך נאָך געווען אַ קינד, נאָר נאָך דעם, ווי מען האָט איבערגעטראַכט די זאַך, האָט מען אים אַוועקגעלייגט לעבן דעם זיידן אונטער דעם זעלבן שוואַרצן טאָפּאָל־בוים. מע האָט אָנגעשאָטן אַ בערגל ערד און אויף אים האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ פּראָסטן שטיינערנעם צלם.

---

# זעקס=און=צוואַנציק מיט איינע.

זעקס=און=צוואַנציק אונזערע זיינען מיר דאָרטן געווען; — זעקס=און=צוואַנציק לעבעדיקע מאַשינעס אין אַ פייכטן אונטערערדישן קעלער, וואו פון פרימאָרגן ביז אין דער נאַכט האָבן מיר געקנעטן טייג און געפלאָכטן בייגל. קעגנאיבער דעם נידעריקן אונטערערדישן פענסטער פון אונזער קעלער איז געווען אַ גרוב, אויסגעלייגט מיט ציגל, גרין און שימלדיק פון נאַסקייט. דער פענסטער איז געווען באַשיצט פון דרויסן מיט אַ געדיכטער, אייזערנער גראַטע, און פאַר דער שיין פון דער זון איז געווען כמעט אוממעגלעך דורכצודרינגען דורך די שויבן, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיטן שטויב פון מעל.

אונזער באַלעבאָס האָט פאַרשטעלט דעם פענסטער מיט גראַטעס, כדי מיר זאָלן דורך אים ניט קענען דערלאַנגן קיין שטיקל ברויט די פאַרבייגייענדיקע בעטלערס אָדער אונזערע חברים, וואָס זיינען געווען אָן אַרבעט און הונגעריק. אונז האָט ער גערופן שווינדלער און געשפייזט אונז מיט האַלב=פאַרפוילטע דרויב: אויף מיטאָג אָנשטאָט פלייש. פאַרשפאַרט אין דעם דאָזיקן שטיינערנעם, אונטערערדישן קאַמער, אונטער דער נידעריקער, שווערער, שוואַרץ=פאַררויכערטער און מיט שפינוועבס באַדעקטער סטעליע, איז אונז געווען שטיקנדיק=ענג. טרויעריק און עקלהאַפט איז געווען אונזער לעבן צווישן די דיקע, שמוציקע פאַרשימלטע ווענט.

ניט דערפרישט, און ניט אויסגעשלאָפן, פלעגן מיר א יפשטיין פינף אַ זייגער אינדערפרי; און נאָך פאַר זעקס פלעגן מיר שוין מיד און אַפּאַטיש זיצן אויף אונזערע ערטער ביים טיש און וועל=

גערן דאָס טייג, וואָס אונזערע חברים האָבן צוגעגרייט, ווען מיר זיינען נאָך געשלאָפן. דעם גאַנצן טאָג, פון צען אַ זייגער אינדערפרי ביז צען אַ זייגער אין אָוונט, זיינען מאַנכע פון פון אונז געזעסן ביים טיש, געאַרבעט מיט דעם נאָכגיביקן שטאָף, און געוועלגערט און געפלאָכטן, עס זאָל ניט ווערן האַרט; בשעת ווען די איבעריקע האָבן געקנעטן דעם ווייכן טייג. דעם גאַנצן טאָג האָט דער זידנדיקער קעסל, וואו די בייגל האָבן זיך געקאָכט, געזונגען שטיל און טרויעריק; און דעם בעקערס לאָפּעטע האָט זיך הייזעריק געשאַרט איבערן דעק פון אויוון און געוואָרפן די גליטשיקע שטיקלעך טייג פון זודיקן קעסל אויף די הייסע ציגל.

פון אינדערפרי ביז ביינאַכט האָט אין אויוון געברענט האָליץ, און די רויטע שיין פונם פייער האָט געפינקלט און אַרומגעטאַנצט אויף די ווענט פון דער בעקעריי, אַזוי ווי עס וואָלט אין דער שטיל חוזק געמאַכט פון אונז. דער גיגאַנטישער אויוון האָט אויסגעזען, ווי אַ שרעקלעכער קאָפּ פון אַ ווילדער באַשעפעניש אין אַ צויבערגעשיכטע: ער האָט זיך אַזוי ווי דורכגעריסן דורך דער דיל, האָט אויפגעעפנט זיין פיסק, פול מיט גליענדיקן פייער און האָט געבלאָזן אויף אונז מיט זיין הייסן אָטעם; עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אַכטונג געגעבן מיט זיינע שוואַרצע לופטערן אויף אונזער אומענדלעכער אַרבעט. די דאָזיקע צוויי טיפע לעכער האָבן אויסגעזען, ווי אויגן — ווי קאַלטע, אומדערבאַרעמדיקע אויגן פון אַ ווילדער באַשעפעניש. זיי האָבן געהאַלטן אין איין קוקן אויף אונז מיט דעמזעלבן טונקעלן גלאַנץ, גלייך זיי וואָלטן געווען איבערדריסיק צו זען פאַר זיך די דאָזיקע אייביקע שקלאַפן, פון וועלכע מען קען גאָרניט דערוואַרטן עפּעס מענטשלעכס, און האָבן זיי דעריבער פאַראַכט מיט קאַלטן פילאָסאָפישן שפּאָט.

אין דעם מעל־שטויב און אין דער בלאָטע, וואָס מיר האָבן אַריינגעבראַכט פון הויף אויף אונזערע שיך, אין דער הייסער, קלעפּעדיקער אַטמאָספערע, האָבן מיר טאָג איין, טאָג אויס, געפלאָכטן פון דעם טייג בייגל, וועלכע מיר האָבן באַנעצט מיט אונזער שווייס. אונזער אַרבעט האָבן מיר געהאַסט מיט אַ גליענדיקן

האַס; מיר פֿלעגן קיינמאָל ניט עסן דאָס, וואָס עס פֿלעגט דורכ־
גיין דורך אונזערע הענט און פֿלעגן ליבערשט עסן שוואַרצברויט,
איידער די בייגל. זיצנדיק איינע קעגן די אַנדערע ביי אַ לאַנגן
טיש — ניין קעגן ניין — פֿלעגן מיר אַזוי מעכאַניש באַוועגן
מיט אונזערע הענט און פֿינגער אומענדלעכע לאַנגע שעהן, ביז
מיר פֿלעגן צוגעוויינט ווערן צו אונזער לאַנגווייליקער, מאָנאָטאָנער
אַרבעט, און אונז פֿלעגט שוין גאָרניט קימערן.

מיר האָבן אַזוי גוט דורכגעשטודירט איינער דעם אַנדערן,
אַז מיר האָבן געקענט יעדן קנייטש אויף אונזער חברס פּנים.
אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר שוין אויך ניט געהאַט, וועגן
וואָס צו ריידן; און דעריבער האָבן מיר פֿאַרבראַכט די מערסטע
צייט אין שווייגן, אויסער ווען מיר האָבן חוזק געמאַכט איינער
פֿון דעם אַנדערן. ניט שטענדיק אָבער קען מען געפֿינען פֿון
וואָס חוזק צו מאַכן דערהויפּט, ווען מען איז יענעמס אַ חבר.
מיר האָבן זיך אויך ניט אָפּגעגעבן מיט זוכן חסרונות
איינער אויפֿן צווייטן; דען באמת, ווי אַזוי האָט גאָר עמעצער
פֿון אונז, אָרעמע טייוואָלים, געקענט זיין אימשטאַנד צו זוכן פֿע־
לערן ביי יענעם, ווען מיר זיינען געווען האַלב־טויט און אַזוי ווי
פֿאַרשטיינערט? די שווערע, גראָבע אַרבעט האָט, קענטיק, דער־
שטיקט אין אונז אַלע געפֿילן. אָבער דאָס שווייגן איז נאָר שווי־
דערלעך און שרעקלעך פֿאַר די, וואָס האָבן שוין אַלץ אַרומגע־
רעדט און האָבן מער ניט, וועגן וואָס צו דערציילן איינער דעם
אַנדערן; פֿאַר די אָבער, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין
פֿאַרבינדונג צווישן זיך, איז עס גאַנץ גרינג און איינפֿאַך.

טיילמאָל האָבן מיר אויך געזונגען; דאָס זינגען פֿלעגט צו־
גיין אויף אַזאַ אופֿן: איינער פֿון אונז פֿלעגט געבן אינמיטן דער
אַרבעט אַ טיפֿן זיפֿץ, אַזוי ווי אַן איבערגעהאָרעוועטער פֿערד, און
דאַן פֿלעגן מיר אָנהויבן זינגען איינס פֿון יענע לידער, וואָס זייער
איידעלע, אײַנדרינגלעכע מעלאָדיע מאַכט אַזוי ווי לייכטער די
לאַסט פֿון דעם זינגערס ברוסט.

צוערשט האָט איינער געזונגען אַליין און מיר, די איבעריקע,
זיינען געזעסן שטיל און זיך צוגעהערט צו זיין איינזאַם ליד, וואָס

איז לאַנגזאַם אָפּגעשטאָרבן אונטער דער שווערער סטעליע פון אונזער קעלער און האָט זיך געהאַלטן בײַם אויסלעשן, אַזוי ווי אַ קלײַן פײַערל אין דעם סטעפּ אין אַ פינצטער האַרבסט־נאַכט, ווען דער גרויער הימל הענגט, ווי אַ שווערע מאַסע איבער דער ערד. דעמאָלט פלעגט נאָך אײנער צושטײן צום זינגער און צוויי ווייכע, טרויעריקע שטימען פלעגן זיך צוזאַמענגיסן אין אײן געזאַנג, אין אונזער ענגן, דומפּיקן קעלער. פּלוצלונג פלעגן זיך אויך אַנדערע אָנשליסן און דאָס ליד פלעגט זיך קײַקלען פאָראויס ווי אַ כוואַליע, פלעגט וואַקסן אַלץ העכער און שטאַרקער, ביז עס פלעגט זיך אויסדוכטן, אַז די פײַכטע, שמוציקע ווענט פון אונזער ענגער תּפיסה האָבן זיך פונאַנדערגערוקט און געעפנט. דעמאָלט האָבן אַלע אונזערע זעקס־און־צוואַנציק מענטשן געזונגען; אונזער הויך, האַרמאָניש געזאַנג האָט אָנגעפילט דעם קעלער, אונזערע שטימען האָבן זיך געטראָגן אין אַלע ריכטונגען און האָבן זיך אַזוי ווי אָנגעשלאָגן אָן די ווענט און אַ קלאָגנדיק כליפּען און זיפצן, האָבן באַרירט אונזערע הערצער מיט אַ ווייכן, טאַנטאַלישן שמערץ, האָבן אויפגעריסן אַלטע וואונדן און אַרויסגערופן אַ בענקשאַפט.

די זינגער האָבן געזיפצט טיף און שווער; אויף אַ ווײַלע פלעגט אײנער בלײַבן שטיל און זיך צוהערן צו דעם געזאַנג פון די איבעריקע און ווידעראַמאָל פלעגט זײַן שטימע זיך לאָזן טראָגן מיט דעם געמײנזאַמען שטראָם. אַן אַנדערער פלעגט מיט אַ פאַרשטיקטן קול אויסרופן „אַ!“ און צוזאַמענציען די אויגן, גלײַך די שטאַרקע כוואַליעס פון דעם געזאַנג וואָלטן אים אָנווײַזן אינדערווײַטן אַ ברײַטן, מיט זונען־שטראַלן באַלויכטענעם וועג, וואו ער און זײַנע געדאַנקען האָבן געוואַנדערט.

דער פײַער אין דעם גיגאַנטישן אויוון האָט געפלאַקערט, דער בעקער מיט זײַן שופל האָט אָן אויפהער געשאַרט איבערן דעק פון אויוון, דאָס וואַסער אין קעסל האָט געזשומעט און די שײַן פונם פײַער אויפן וואַנט האָט אַרומגעטאַנצט אין איר שטילן געשפּעט, אַזוי ווי פריער. און אָט אַזוי פלעגן מיר מיט פרעמדע ווערטער אַרויסזינגען אונזער שטומען ווײ די איבערדריסיקע לאַסט

פון לעבעדיקע מענטשן, באַרויבטע פון זונען־שיין, באַלאָדענע שקלאַפן.

אַזוי האָבן מיר געלעבט, מיר אַלע זעקס־און־צוואַנציק, אין דעם קעלער פון אַ גרויסן שטיינערנעם בנין, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ הייל, און מיר האָבן געליטן יעדער איינער פון אונז, אַזוי ווי מיר וואָלטן געהאַט צו טראָגן אויף אונזערע פלייצעס אַלע דריי גאָרנס פון דעם דאָזיקן הויז.

אויסער די לידער האָבן מיר געהאַט נאָך אַ גוטע זאַך — עפּעס אַזוינס, וואָס מיר האָבן געליבט, וואָס האָט אפשר פאַרנומען דעם אָרט פון אונזער באַרויבטער זונען־שיין.

אויף דעם צווייטן שטאָק פון דעם הויז האָט זיך געפונען אַ געשעפט פון שמוקלערשע זאַכן, און דאָרטן, צווישן די איבעריקע אַ בעטסמיידלעך, איז געווען אַ דינסט־מיידל פון אַ יאָר זעכצן, מיטן נאָמען טאַניע.

יעדן פרימאָרגן פלעגט איר קליין ראָז פנימל מיט די לעבעדיקע בלויע אייגלעך זיך באַווייזן דורך אַ שייבל אין דער גלעזערנער טיר און מיט איר קלינגענדיקן, צאַרטן קעלעכל פלעגט זי אונז זאָגן:

— נו, אַרעסטאַנטן! האָט איר עפּעס בייגל פאַר מיר!

דערהערנדיק דעם דאָזיקן גוטבאַקאַנטן קול, פלעגן מיר זיך אַלע אומקערן און מיט אַן אינערלעכער פרייד פלעגן מיר באַטראַכטן איר ריין אומשולדיק מיידלש געזיכט, וואָס האָט אַזוי זיס געשמייכלט צו אונז. מיר זיינען אַזוי געוויינט געוואָרן צו דעם דאָזיקן בילד מיטן צוגעדריקטן נעזל אָן שויב און מיט די ווייסע ציינדלעך צווישן די האַלב־געעפנטע ליפן, אַז עס איז געוואָרן אונזער טעגלעכער פאַרגעניגן. פאַלנדיק איינער איבערן אַנדערן, פלעגן מיר זיך אַ לאָז טאָן עפענען איר די טיר און זי פלעגט אַריינקומען, לוסטיק און לעבעדיק, מיט אַן אויסגעשפרייטן פאַרטעך, דאָס קעפל פאַרוואָרפן אויף אַ זייט און מיט אַ שמייכל אויף די ליפן. אירע געדיכטע, לאַנגע קאַשטאַנען־האָר זיינען אַריבערגעפאַלן איבער אירע אַקסלען און איבער דער ברוסט. און מיר, שמוציקע, העסלעכע פאַרזעעניש, וואָס מיר זיינען געווען, האָבן אַרויפגע־

קוקט צו איר — דער שוועל פֿון טיר איז געווען מיט פיר טרעפּלעך העכער פון דער דיל — מיט פּאַרריסענע קעפּ, האָבן איר געזאָגט גוטמאָרגן און גערעדט צו איר מיט באַזונדערע ווערטער, וואָס מיר האָבן געהאַלטן אָנגעגרייט בלויז פאַר איר אַליין. אונזערע שטימען פלעגן ווערן ווייכער און אונזערע וויצן איידעלער, ווען מיר פלעגן ריידן צו איר. פאַר איר איז אַלץ ביי אונז געווען גאָר אַנדערש. דער בעקער פלעגט אַרויסנעמען פון אויוון אַ שופל מיט די בעסטע און ברוינסטע בייגל און פלעגט עס געשיקט אַריינוואַרפן אין טאַניעס פאַרטעך.

— איצט, גיי און זיין פאָרזיכטיק, דער באַלעבאָס זאָל דיך ניט כאַפּן! — פלעגן מיר איר יעדעס מאָל וואָרענען. זי פלעגט שעלמיש לאַכן און פלעגט אונז ענטפערן לוסטיק:

— האָט אייך אַ גוטן טאָג, אָרעמע אַרעסטאַנטן! און פלעגט זיך אַרויסגליטשן געשווינד ווי אַ מייזל.

דאָס איז געווען אַלץ... אָבער אַ לאַנגע צייט נאָך איר אַוועקגיין פלעגן מיר נאָך אַלץ, איינע צו די אַנדערע ריידן פון איר מיט פאַרגעניגן. שטענדיק איז זי געווען די זעלבע; נעכטן אַזוי ווי אייערנעכטן, ווייל אַלץ אַרום אונז, און אויך מיר אַליין אַזוי גוט ווי זי, זיינען געבליבן די זעלביקע, יעדן טאָג די זעלביקע.

עס איז שמערצלעך און טרויעריק פאַר אַ מענטשן צו לעבן, ווען אַלץ אַרום אים בלייבט אומפאַרענדערט; און אויב די נשמה ווערט ניט אָפּגעטויט אינגאַנצן, ווערט אָבער די איינזאַמקייט וואָס ווייטער אַלץ שמערצלעכער. אונזערע געוויינלעכע געשפּרעכן וועגן פרויען פלעגן געפירט ווערן אין אַזאַ שפּראַך, אַז טיילמאָל פלעגט אונז אַליין ווערן עקלהאַפט צו הערן אונזערע גראָבע אומפאַרשעמטע רייד. די פרויען, וואָס מיר האָבן געקענט, האָבן אפשר ניט פאַרדינט קיין בעסערס. אָבער וועגן טאַניען האָבן מיר קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט ניט גערעדט; קיינער פון אונז האָט אַפילו ניט געוואַגט איר אָנצורירן מיט אַ האַנט. אַפילו אַ פרייען שפּאַס האָט זי קיינמאָל ניט געהערט פון אונז. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס מיר זיינען קיינמאָל ניט געווען מיט איר צוזאַמען אַ לאַנגע צייט. זי האָט נאָר אַ שיין געטאָן פאַר אונזערע אויגן,

ווי אַ פֿאַלנדיקער שטערן און איז באַלד פֿאַרשוואונדן געוואָרן; אפֿשר איז דאָס געווען דערפֿאַר, וואָס זי איז געווען אַזוי קליין, אַזוי שיין און אַליין, וואָס איז שיין, רופֿט אַרויס רעספּעקט אַפֿילו ביי גראָבע יונגען. און אויסערדעם — ווי אונזער שקלאַפֿערישע אַרבעט זאָל אונז ניט האָבן פֿאַרגרעבט און פֿאַרחיהט, זיינען מיר דאָך נאָך אַליץ געבליבן מענטשן, און פּונקט, ווי אַלע מענטשן, האָבן מיר אויך ניט געקענט לעבן, מיר זאָלן עפּעס ניט טייער האַלטן. קיין בעסערע פֿון איר האָבן מיר ניט געהאַט, און קיינער פֿון דעם גאַנצן הויז האָט זיך, אויסער איר, אויף אונז, אויף אונזער קעלער ניט אומגעקוקט — כאָטש דאָרטן האָבן זיך געפֿונען צענדליקער מענטשן. דאַן איז אויך מעגלעך, — וואַרשיינלעך איז דאָס געווען די הויפּט=סיבה — אַז מיר האָבן זיך צו איר אַזוי באַצווינגען, ווייל מיר האָבן זי געהאַלטן פֿאַר עפּעס אַזוינס, וואָס איז אונזער אייגנס, אַזוינס, וואָס עקסיסטירט נאָר צוליב אונזערע בייגל. מיר האָבן זיך פֿאַרפֿליכט, נאָך דער ריי, צו באַזאָרגן זי מיט פֿרישע הייסע בייגל און עס איז ביי אונז געוואָרן אַ מין טעגלעכע עבודה, צו ברענגען אַ קרבן צו אונזער אָפּגאָט; עס איז ביי אונז געוואָרן אַ מין הייליקע צערעמאָניע, צו וועלכער מיר האָבן זיך געפֿילט יעדן טאָג אַליץ מער צוגעבונדן. אויסער די בייגל האָבן מיר טאַניען אויך געגעבן אַ מאַסע עצות, מיר האָבן איר געראָטן צו טראָגן וואַרעמע קליידער, ניט צו לויפֿן צו=גיך אויף די טרעפּ און ניט צו שלעפּן קיין שווערע בינטלעך האָליץ. זי האָט אַלע אונזערע עצות אויסגעהערט מיט אַ שמייכל, האָט געענטפֿערט מיט אַ געלעכטער און קיינמאָל אונז ניט געפֿאָלגט, אָבער מיר האָבן זיך ניט געפֿונען דערפֿון באַליידיקט; מיר האָבן איר נאָר געוואָלט ווייזן, ווי ווייט מיר זאָרגן זיך וועגן איר.

זי פֿלעגט זיך אָפּטמאָל צו אונז ווענדן מיט פֿאַרשיידענע בקשות. זי פֿלעגט אונז, למשל, בעטן עפֿענען די שווערע קעלער=טיר, צעהאַקן אַ ביסל האָליץ, וואָס מיר פֿלעגן טאָן מיט דער גרעסטער צופֿרידנהייט, זאָגאַר מיט אַ געוויסן שטאָליץ, און אַנדערע זאַכן, וואָס זי פֿלעגט פֿון אונז פֿאַרלאַנגען.

אָבער ווען איינער פֿון אונז האָט זי אַמאָל געבעטן, זי

זאָל אים פאַרריכטן זיין איינציקע העמד, האָט זי אים געענט־פערט מיט אַ שמייכל פול מיט פאַראַכטונג:

— וואָס נאָך! אַ שיינער איינפאַל!

מיר האָבן געמאַכט דעם גרעסטן געלעכטער פון דעם אויס־טערלישן מענטשן, ווען ס׳האָט געקענט איינפאַלן אַזאַ מין זאַך. און פון דאַן אָן האָט קיינער פון אונז איר מער קיין זאַך ניט גע־בעטן. מיר האָבן זי געליבט — דערמיט איז געזאָגט אַלץ. דער מענטש האָט שטענדיק דעם וואונטש אָנצוהענגען זיין ליבע אויף עמעצן, ניט געקוקט, וואָס טיילמאָל באַלעסטיקט ער און באַפלעקט יענעם דערמיט; ער קען פאַרסמען מיט זיין ליבע דעם צווייטנס לעבן, ווייל ער ליבט אָן אַכטונג צו דעם, וועמען ער ליבט. מיר האָבן געמוזט ליבן טאַניען, ווייל מיר האָבן ניט געהאַט קיין אַנדערע וועמען צו ליבן.

צייטנווייז פלעגט איינער פון אונז אָנהייבן נאָכצודענקען און פרעגן זיך אַליין:

— וואָס מאַכן מיר דאָ פאַר אַ וועזן פון דער דאָזיקער מיידל? וואָס איז דאָ פאַראַן אַזוינס אין איר? וואָס גיבן מיר זיך דאָ אַזוי פיל אָפּ מיט איר? האַ?

דער יעניקער, וואָס האָט זיך אונטערגעשטעלט אַזוינס צו־ריידן, האָט געכאַפּט אַ קורצן און שאַרפן אָפּשניט. מיר האָבן גע־מוזט האָבן וועמען צו ליבן; מיר האָבן געפונען טאַניען און מיר האָבן זי געליבט, און דאָס, וואָס מיר אַלע זעקס־און־צוואַנציק האָבן געליבט, האָט געמוזט זיין הייליק פאַר אַלעמען, און דער, וואָס האָט ניט געהאַלטן מיט אונז, איז געווען אונזער שונא. מעג־לעך, אַז דאָס, וואָס מיר האָבן געליבט, איז גאָר ניט געווען אַזוי גוט, אָבער מיר זיינען געווען זעקס־און־צוואַנציק אונזערע און מיר האָבן געוואָלט, אַז דאָס, וואָס מיר פאַרערן, זאָל זיין ביי אַלעמען הייליק.

אונזער ליבע איז ניט קיין גרינגערע לאַסט, ווי אונזער האַס, און מעגלעך, אַז צוליב דעם טאַקע, זאָגן טייל שטאָלצע נשמות, שמייכלט זיי אונזער האַס מער, ווי אונזער ליבע. אָבער פאַר־וואָס אַנטלויפן זיי ניט פון אונז, אויב עס איז אַזוי?

אויסער אונזער אָפּטיילונג, וואו מיר האָבּן געאַרבּעט, האָט אונזער בּאַלעבּאָס אויך געהאַט אַ בּרויט־בּעקעריי; זי איז געווען אין דעמזעלבּיקן הויז און איז געווען אָפּגעצאַמט פון אונזער גרוב, דער בּייגל־בּעקעריי, ניט מער, ווי מיט אַ ווענטל; אָבּער די בּרויט־בּעקערס — 4 זייערע זיינען זיי געווען — האָבּן זיך געהאַלטן פון ווייטן פון אונז. אָנערקענענדיק זייער אַרבּעט פאַר אַן איידעלערע, ווי אונזערע, האָבּן זיי זיך אַליין געהאַלטן פאַר בּעסערע מענטשן, ווי מיר; זיי פלעגן קיינמאָל ניט אַריינקומען צו אונז און פלעגן זאָגאַר פון אונז אָפּלאַכן, ווען זיי פלעגן אונז בּאַגעגענען אויפן הויף; אויך מיר זיינען צו זיי ניט געגאַנגען, ווייל דער בּאַלעבּאָס האָט עס אונז פאַרבּאָטן, דען ער האָט מורא געהאַט מיר זאָלן ניט גנבענען קיין בּרויט; מיר האָבּן די בּרויט־בּעקער ניט האָלט געהאַט, ווייל מיר האָבּן זיי מקנא געווען; זייער אַרבּעט איז געווען אַ לייכטערע ווי אונזערע, זיי האָבּן געקראָגן אַ בּעסערן געהאַלט און בּעסערע עסנס; זיי האָבּן געהאַט אַ ליכטיקן גרוימען צימער צו דער אַרבּעט און זיינען געווען ציכטיק און געזונט — און דאָס איז גענוג געווען, מיר זאָלן זיי פיינט האָבּן. מיר אַלע האָבּן אויסגעזען גרוי און געל. דריי פון אונז האָבּן געהאַט סיפיליס, נאָך אייניקע האָבּן געליטן פון אַ הויט־קראַנקהייט, און איינער איז געווען אַ פולקומער קריפּל פון רעוומאַטיזם. אין אַ יום־טוב־טאָג אָדער אַזוי אין אַ פרייער צייט פלעגן זיי גיין אויסגעפוצט אין קורצע שבּתדיקע רעקלעך און סקריפּעדיקע שטיוול, צוויי פון זיי האָבּן אויך געהאַט האַרמאָניקעס און זיי פלעגן גיין שפּאַצירן אין די שטאָט־גאָרטנס, — מיר האָבּן געטראָגן שמוציקע, צעריסענע בּגדים און אַלטע לעדערנע קלומפּעס אָדער לאַפּטיעס אויף די פיס, די פאָליציי וואָלט אונז אַפילו ניט אַריינגעלאָזט אין אַ גאָרטן — ווי אַזוי־זשע האָבּן מיר זיי שוין געקענט ליב האָבּן?

אין איין שיינעם טאָג האָבּן מיר זיך דערוואוסט, אַז דער הויפּט־בּעקער האָט זיך אָנגעשיכורט, דער בּאַלעבּאָס האָט אים אָנטזאָגט און האָט גענומען אַן אַנדערן. דער איז געווען אַ סאָל־דאַט, האָט געטראָגן אַ סאַטינענע קאַמיזעלקע און אַ זייגער מיט אַ גאָלדן קייטל. מיר זיינען געווען נייגעריק אָנצוקוקן אַזאַ פראַנט,

און מיט דער האָפענונג צו כאַפּן אויף אים אַ בליק זײַנען מיר אַלע אַרויסגעלאָפן איינער נאָכן אַנדערן אויפן הויף.

ער איז אָבער אַליין געקומען צו אונז. ער האָט אַ בריק געטאָן מיטן פוס די טיר, און זי האָט זיך געעפנט. ער האָט זי ברייט געעפנט און שטייענדיק אויפן שוועל, האָט ער אויסגערופן מיט אַ שמייכל:

— אַ גאָט העלף אײַך! גוטמאָרגן אײַך, חברים!

די אײַז־קאַלטע לופט, וואָס האָט אַרײַנגעשטראָמט דורך דער אָפענער טיר, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דאַמף און האָט זיך געדרייט אַרום זײַנע פיס. ער איז געשטאַנען אויפן שוועל, האָט אונז באַטראַכט פון אויבן ביז אַראָפּ, און פון אונטער זײַנע העלע, פאַרדרייטע וואָנצעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן זײַנע גרויסע געלבלעכע ציינער. זײַן וועסטל איזווירקלעך געווען אַן אויסערגעוויינלעכע, מיט בלויע קווייטן און מיט בלישטשענדיקע, רויטע קליינע קנעפּלעך, אײַבער וועלכע עס איז געווען אַריבערגעוואָרפן דאָס זייגער־קייטל.

ער איז געווען אַ שיינער יונג, דער דאָזיקער סאָלדאַט: הויך, קרעפטיק, מיט רויטע באַקן און זײַנע גרויסע קלאָרע אויגן האָבן געהאַט אַ פרײַנטלעכן און לוסטיקן גלאַנץ. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ ווייס געקראָכמאַלעט היטל און פון אונטער זײַן ווייס־קלאָרן, ריינעם פאַרטעך האָבן אַרויסגעקוקט די שמאָלע, מאָדישע שפּיצן פון זײַנע גוט־אָפּגעפּוצטע קאַמאַשן.

אונזער בעקער האָט אים אין אַ העפלעכן טאָן געבעטן, ער זאָל פאַרמאַכן די טיר, וואָס ער האָט אין אײַלעניש געטאָן, דאַן האָט ער אונז אָנגעהויבן פונאַנדערצופרעגן וועגן אונזער באַלעבאָס. רײדנדיק אַלע מיט אַמאָל, האָבן מיר אים דערציילט, אַז אונזער באַלעבאָס איז איינער פון די ערגסטע מענטשן, אַ שווינדלער, אַ הויט־שינדער און אַ שקלאַפּן־טרײַבער; מיט איין וואָרט, מיר האָבן געזאָגט אַלץ, וואָס מען קען און מען מוז זאָגן וועגן אַ באַלעבאָס, אָבער וואָס מען קען דאָס ניט אַרויסזאָגן. דער סאָלדאַט האָט אַלץ אויסגעהערט, האָט געדרייט די וואָנצעס און האָט אויף אונז געקוקט מיט אַ פרײַנטלעכן, אָפנהאַרציקן בליק.

— האָט איר דאָ אַ סך מיידלעך? — האָט ער פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן.

מאַנכע פון אונז האָבן מיט אַפּשיי געלאַכט, אַנדערע האָבן אָנגענומען אַן ערנסטן אויסדרוק און איינער פון אונז האָט דעם סאָלדאַט דערציילט, אַז דאָ געפינען זיך אינגאַנצן ניין שטיק.

— און איר באַנוצט זיך, מסתמא, מיט דער געלעגנהייט? — האָט דער סאָלדאַט געפרעגט, ווינקענדיק מיט די אויגן.

מיר האָבן געלאַכט, אָבער ניט הויך, גלייך מיר וואָלטן געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. אַנדערע פון אונז וואָלטן אַפילו געוואָלט זיך באַרימען פאַרן סאָלדאַט, אַז זיי זיינען גאַנצע קנעפּלעך מיט די מיידלעך, קיינער האָט עס אָבער ניט געקענט; איינער פון אונז האָט זיך זאָגאַר האַלב מודה געווען:

— אַזעלכע זאַכן זיינען ניט פאַר אונז...

— נו יאָ, איך גלויב אייך אַזוי, אַז עס איז ניט פאַר אייך...— האָט דער סאָלדאַט צוגעגעבן מיט איבערצייגונג און באַטראַכט אונז נאָך אַמאָל פון קאָפּ ביז צו די פיס. — עפּעס פעלט אין אייך. איר קוקט ניט אויס, ווי עס באַדאַרף צו זיין. איר האָט דאָך גאָר קיין פּנים און קיין אויסזען ניט; די ווייבער, פאַרשטייט איר מיך, האָבן האָלט אַ שיינעם און דרייסטן אויסזען, זיי ווילן האָבן אַ קערפּער, וואָס זאָל זיין וואָס אָנצוקוקן. זיי האָבן האָלט עפּעס רעכטס... אַ געזונטן יונג, מיט אַזעלכע אָרעמס!

און ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע די רעכטע האַנט, מיט אַ פאַרקאַשערטן אַרבל ביז איבערן עלנבויגן און האָט אונז געוויזן זיין נאַקעטן מוסקולדיקן אָרעם, וואָס איז געווען צאַרט, ווייס און קרעפּטיק, און באַדעקט מיט גלאַנציקע געלע הערעלעך.

— די פּאָלקעס, די ברוסט, אַלץ מוז זיין שטאַרק און קרעפּטיק... דאַן מוז מען אויך זיין שיין אָנגעטאָן, נאָך דער לעצטער מאָדע, עס זאָל זיי קענען צוציען. אָט מיך, זעט איר, האָבן זיי האָלט, איך געפעל זיי... איך רוף זיי ניט, איך מאַך זיך צו זיי ניט צו, און זיי — צו פינף אויף אַמאָל הענגען זיי זיך ביי מיר אויפן האַלז...

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ זאַק מעל און האָט אונז

אַ לאַנגע צייט דערציילט, ווי אַזוי די פרויען האָבן אים געליבט און ווי דרייסט ער איז געווען מיט זיי... דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען, און נאָכדעם, ווי די טיר האָט זיך מיט אַ סקריפּ הינטער אים צוגעמאַכט, זיינען מיר אַ לאַנגע צייט געבליבן זיצן שטיל און האָבן געטראַכט וועגן אים און וועגן דעם, וואָס ער האָט אונז דערציילט. דעמאָלט האָבן מיר אַלע פּלוצלונג איבערגעריסן אונזער שווייגן און ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז אונז אַלעמען געפעלן געוואָרן. מיר זיינען אַלע געווען צופרידן מיט אים. ער איז געווען אַזוי פיין, אָפנהאַרציק און איינפאַך מיט אונז; ער פלעגט צו אונז קומען און אָן גאווה זיך אַוועקזעצן און פּלוידערן מיט אונז. קיינער איז צו אונז ניט געקומען, קיינער האָט צו אונז ניט אַזוי פריינטלעך גערעדט, ווי ער.

מיר האָבן געהאַלטן אין איין ריידן וועגן אים און וועגן די ערפאָלגן, וואָס שטייען אים פאָר ביי די מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אין דעם שמוקלער-געשעפט און פלעגן פאַרביי גיין פאַרביי אונז מיט פאַראַכטנדיקן שפּאָט, ווען מיר פלעגן זיי אָנגעגענען אין הויף, און פלעגן אַזוי קוקן איבער אונז, גלייך מיר וואָלטן גאָרנישט עקסיסטירט. מיר פלעגן אַפילו שטענדיק באַוואונדערן, ווען מיר פלעגן זיי אָנטרעפן פונווייטן אָדער ווען זיי פלעגן פאַרביי גיין פאַרביי אונזער פענסטער — ווינטער אין פוטערנע מאַנטלען און היטעלעך און זומער-צייט — מיט בלומען-געפוצטע היט און מיט קאָלירטע שירעמס אין די הענט. דאָך האָבן מיר וועגן זיי גערעדט אין אַזאַ פאָרם, אַז זיי וואָלטן רויט געוואָרן פאַר חרפּה און אויפרעגונג, ווען זיי וואָלטן דאָס געהערט...

— ער זאָל אָקאָרשט ניט פאַרפירן די קליינע טאַניע! — האָט דער בעקער פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן.

מיר האָבן אַלע געשוויגן, ווייל די דאָזיקע ווערטער האָבן אונז אַלעמען באַאומרויקט. מיר האָבן זיך אָן איר גאָר געהאַט פאַרגעסן, אַזוי ווי זי וואָלט פאַרשטעלט געוואָרן פאַר אונז דורך דער שיינער, קרעפטיקער פיגור פון דעם סאָלדאַט.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבעדיקער וויכוח; איינקע פון אונז האָבן געזאָגט, אַז טאַניע וועט זיך אויף אַזוי וויט ניט דער-

נידעריקן; אַנדערע ווידער האָבן געצווייפלט און געזאָגט, אַז זי וועט זיך ניט קענען צוריקהאַלטן פון אים; גאָר אַנדערע האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל אים גוט אָנברעכן די ביינער, אויב ער וועט פּרוּוון זיך טשעפּען צו טאַניען. ענדלעך האָבן מיר אַלע איינשטימיק באַשלאָסן, גוט אַכטונג צו געבן אויף דעם סאָלדאַט און טאַניען און וואָרענען דאָס מיידל, .זי זאָל זיך היטן פאַר אים. דער דאָזיקער באַשלוס האָט געמאַכט אַ סוף צו אונזער וויכּוח.

---

פיר וואָכן זיינען פון דעמאָלט אָן אַוועק; דער סאָלדאַט האָט אונטער דער צייט געבאַקן ווייס ברויט, האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט די מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אין דעם שמוקלער-געשעפט, ער האָט אונז אָפט באַזוכט און האָט מער ניט גערעדט וועגן זיינע העלדיש-קייטן איבער די מיידלעך; ער האָט נאָר געדרייט די וואָנצעס און געטשמאָקעט מיט די ליפּן.

טאַניע איז יעדן פרימאָרגן, אַזוי ווי אַלעמאָל, אַריינגעקומען נאָך די בייגעלעך און איז געווען אַזוי לוסטיק, לעבעדיק און פריינטלעך צו אונז, אַזוי ווי שטענדיק. מיר האָבן אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט ריידן מיט איר וועגן דעם סאָלדאַט, נאָר זי האָט אים אָנגערופן „די קאַלב מיט די אויסגעגלאָצטע אויגן" און מיט נאָך אַנדערע צונעמענישן. זי האָט פון אים חוזק געמאַכט און דאָס האָט אונז באַרויִקט. מיר האָבן צוגעזען, וואָס די איבעריקע מיידלעך האָבן פאַרפירט מיטן סאָלדאַט, און מיר זיינען שטאָלץ געווען מיט אונזער מיידל; טאַניעס אויפפירונג האָט אונז פאַרשאַפט כּבוד; מיר האָבן דעם סאָלדאַט באַהאַנדלט אין אונזערע געשפּרעכן מיט ווייניקער רע-ספּעקט. זי איז אונז געוואָרן טייערער און מיר האָבן איר יעדן פרימאָרגן באַגריסט מיט מער ליבלעכקייט און פריינטשאַפט.

איינמאָל איז ער צו אונז אַריינגעקומען אַ ביסל שיכּורלעך, האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט אָנגעהויבן לאַכן. ווען מיר האָבן אים געפרעגט, פון וואָס ער לאַכט, האָט ער אונז דערקלערט:

— צוויי זייערע – לודקאַ און גרושקאַ — האָבן זיך איבער מיר געשלאָגן. איר האָט געדאַרפט זען, ווי זיי האָבן זיך גע-געבן! כאַ-כאַ-כאַ! זיי האָבן זיך צעראַצט די פּנימער און צע-

ריסן די קליידער! מען האָט געקענט שטאַרבן פון געלעכטער! פאַרוואָס קענען זיך פרויען ניט שלאָגן, ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווי מענטשן שלאָגן זיך? פאַרוואָס צעראַצן זיי זיך שטענדיק די פּנימער? האַ?

ער איז געזעסן אויפן באַנק, געזונט, פריש און מונטער; ער איז געזעסן און געלאַכט. מיר האָבן געשוויגן. דאָס מאָל האָט ער געמאַכט אַן אומאָנגענעמען איינדרוק אויף אונז.

— וואונדערבאַר! דאָס איז דען ניט מערקווערדיק, וואָס פאַר אַ מזל איך האָב דאָס צו פרויען? הע? איך האָב מיך אַזוי פיל אָנגעלאַכט, אַז איך בין אַזש קראַנק! איין וואונק און אַלץ איז פאַרטיק מיט זיי! צום טייוול!

ער האָט אויפגעהויבן זיינע ווייסע, האָריקע הענט און זיי זיינען צוריקגעפאַלן אויף זיינע קני. זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַ נאַיוון אויפריכטיקן שטוינען, אַזוי ווי ער וואָלט אַליין געווען אי־בערראַשט פון זיין גוטן מזל, וואָס ער האָט צו פרויען. זיין דיק, רויט געזיכט האָט געשטראַלט פון גליק און זעלבסטצופרידנהייט און ער האָט געשמאָקעט מיט די ליפן מער ווי אַלעמאָל.

אונזער בעקער האָט אומרויק און אויפגערעגט געשאַרט מיטן שופל איבערן דעק פון אויוון און פלוצלונג האָט ער זיך אָנגערופן:

— וואָס איז עס פאַר אַ העלדישקייט? אַ קונץ אַיינצובויגן אַ יונג בוימעלע? אַנו, זיי נאָר אַ העלד און בויג איין אַ סאָסנע!

— וואָס מיינסטו דערמיט? — האָט דער סאָלדאַט געפרעגט.

— אָ, ס'איז גאָרניט...

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— גאָרניט, עס האָט זיך מיר אַרויסגעגליטשט!

— ניין, וואַרט אַ ווײַלע! וואָס מיינסטו? וואָס פאַר אַ סאָסנע?

אונזער בעקער האָט ניט געענטפערט און האָט שנעל גע־אַרבעט מיטן שופל אין אויוון; ער האָט אַריינגעוואָרפן די האַלב־געקאָכטע בייגל און אַרויסגענומען די פאַרטיקע און מיט אַ גערויש זיי אַראָפּגעוואָרפן אויף דער דיל צו די בעקער־געזעלן, וואָס האָבן זיי אַרויפגעצויגן אויף שנירלעך. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט

אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם סאָלדאַט און אָן דעם געשפּרעך מיט אים. דער סאָלדאַט איז פּלוצלונג געוואָרן אומרויִק. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און איז געגאַנגען צום אויוון, ריזיקירנדיק צו קריגן אַ זעץ מיטן שופל, וואָס האָט זיך מיט אַ פיבערדיקער געשווינדקייט באַוועגט אין דער לופטן.

— ניין, זאָג מיר, איך בעט דיך, וועמען מיינסטו? דו האָסט מיך באַליידיקט... איך? ס'איז ניטאָ אַזעלכער, וואָס זאָל קענען ביי־שטיין אַנטקעגן מיר, ניין, ניין! און דו באַליידיקסט מיך אַזוי...

עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איזווירקלעך טיף גע־קרענקט. וואַרשיינלעך, האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס אַנדערש זיך איבערצונעמען, אויסער מיט זיין פעיקייט צו פאַרפירן פרויען. און אפשר איז אויך די דאָזיקע פעיקייט געווען די איינציקע זאַך, וואָס האָט אים געמאַכט פילן, אַז ער לעבט.

פאַראַן מענטשן, ביי וועמען אַ געוויסע קערפּערלעכע אָדער גייסטיקע קראַנקהייט שיינט צו זיין דאָס שענסטע און בעסטע אין זייער לעבן. זייער גאַנץ לעבן גיבן זיי זיך מיט דעם אָפּ, זיי לעבן נאָר צוליב דעם, זיין ליידן דערפון, זיי נערן זיך מיט דעם, זיי באַקלאָגן זיך פאַר אַנדערע וועגן דעם און ציען דורכדעם די אויפמערקזאַמקייט פון זייערע מיטמענטשן אויף זיך. אַזוי אַרום, רופן זיי צו זיך אַרויס די סימפּאַטיע פון מענטשן; אָבער חוצדעם באַ־זיצן זיי קיין זאַך ניט. נעמט פון זיי אַוועק די דאָזיקע קראַנק־הייט, וועלן זיי בלייבן די אומגליקלעכסטע, דען זיי האָבן פאַר־לאָרן די איינציקע קוועלע פון זייער לעבן — זיי בלייבן ביי גאָר־ניט. טיילמאָל איז דאָס לעבן פון מענטשן אַזוי אָרעם, אַזוי פּוסט, אַז אינסטינקטיוו ווערט ער געצוואונגען צו שעצן זיין פעלער, ווייל דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס מאַכט אים פילן, אַז ער לעבט; מען קען דרייסט זאָגן, אַז מענטשן קריגן פעלערן צוליב זייער פּוסט־קייט.

דער סאָלדאַט איז געווען באַליידיקט, ער האָט זיך גאַנץ נאָענט צוגערוקט צום בעקער און האָט אַרויסגעבורמט:

— ניין, זאָג מיר טאַקע, ווער איז עס?

— דיר זאָגן? — האָט דער בעקער זיך פּלוצלונג געווענדט צו אים.

— נו, זאָג, ווער?

— קענסט טאַניען?

— נו, וואָס איז?

— איר מיין איך, דאָס, פּרווו אָקאָרשט מיט איר!

— איך?

— יאָ, דו!

— קאָמיש, דאָס איז דאָך גאָרניט פאַר מיר — פו!

— אָט, וועלן מיר זען!

— איר זאָלט עס זען! כאַ-כאַ-כאַ!

— זי וועט דיר —

— גיב מיר אַ חודש צייט!

— וואָס פאַר אַ באַרימער דו ביסט, סאָלדאַט!

— צוויי וואָכן בלויז! איך וועל עס באַווייזן! ווער דאָס? טאַניע! פו!

— גיי אַוועק! דו שטייסט מיר אין וועג!

— צוויי וואָכן בלויז — און איך בין מיט איר פאַרטיק. אָך, דו! —

— טראָג זיך אָפּ, זאָג איך דיר!

אונזער בעקער איז פּלוצלונג ווילד געוואָרן און האָט געפּאַכט מיטן שופל. דער סאָלדאַט האָט זיך מיט פאַרוואונדערונג אָפּגערוקט פון אים. ער האָט אונז אַלעמען באַטראַכט און זאָגנדיק צו אונז אין אַ פריינטלעכן טאָן: „נו, גוט!" איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר און איז אַוועק.

אונטער דער צייט, וואָס זיי האָבן זיך ביידע געאַמפּערט, זיינען מיר אַלע געזעסן שטיל און האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. אָבער באַלד, ווי דער סאָלדאַט איז אַוועק, איז צווישן אונז אַנטשטאַנען אַ הויכער און לעבעדיקער שמועס:

— דו האָסט זייער שלעכט געטאָן, פּאַוול! האָט איינער פון אונז געזאָגט צום בעקער.

— טו דיין אַרבעט! — האָט אים דער בעקער געענטפערט ווילד.

מיר האָבן געשפירט, אַז דער סאָלדאַט איז געווען זייער אויפגערעגט און אַז טאַניע איז געשטאַנען אין געפאַר. מיר האָבן עס געשפירט און אין דערזעלבער צייט זיינען מיר געווען דורכגעדרונגען מיט אַ ברענענדיקער, אָנגענעמער נייגעריקייט, צו וויסן, מיט וואָס וועט זיך דאָס אויסלאָזן. וועט זי זיך קענען אַנטקעגנשטעלן דעם סאָלדאַט? און כמעט אַלע האָבן מיר איבערצייגט אויסגערופן: טאַניע? זי וועט אים צו זיך ניט צולאָזן! ער וועט גאָרניט מאַכן מיט איר!

מיר זיינען געווען שרעקלעך פאַראינטערעסירט צו וויסן די שטאַרקייט פון אונזער אָפּגאָט; מיר האָבן געזוכט איינער דעם אַנדערן צו איבערצייגן, אַז אונזער אָפּגאָט איז גענוג שטאַרק אויסצוהאַלטן דעם דאָזיקן נסיון. ענדלעך האָבן מיר גענומען טראַכטן, אַז מיר האָבן נאָך ווייניק געערגערט דעם סאָלדאַט, אַז ער קען זיך נאָך אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם געוועט, אַז עס וואָלט גוט געווען אים נאָך מער אונטערצוהעצן. פון דעם טאָג אָן האָבן מיר אָנגעהויבן צו לעבן אַ גאַנץ אַנדער לעבן, אַ לעבן פון נערוועזער אויפגערעגטקייט, פון וועלכן מיר האָבן פריער ניט געוואוסט. גאַנצע טעג האָבן מיר פאַרבראַכט אין אַרומרייסן זיך; עס האָט אויסגעזען, ווי מיר וואָלטן קליגער געוואָרן און געקראָגן מער רייד און בעסערע אויסדרוקן. עס האָט אונז אויסגעוויזן, ווי מיר וואָלטן זיך פאַרוועט מיטן טייוול און טאַניע איז געווען דער אַיינשטעל פון אונזער זייט. ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט פון די בעקער, אַז דער סאָלדאַט האָט אָנגעהויבן „זיך צו יאָגן נאָך טאַניען“, האָבן מיר געפילט אַ מערקווערדיקע אָנגענעמע שרעק און אונזער לעבן איז געוואָרן אַזוי אינטערעסאַנט, אַז מיר האָבן אַפילו ניט באַמערקט, ווי אונזער באַלעבאָס האָט אויסגענוצט אונזער אויפגערעגטקייט, און האָט אונז געגעבן מיט 14 פונט טייג אויפן טאָג מער אויסצואַרבעטן. מיר האָבן זיך אפילו ניט געפילט מיד פון אונזער אַרבעט. אַ גאַנצן טאָג איז טאַניעס נאָמען ניט אַרונטער פון אונזערע ליפּן. יעדן פרימאָרגן פלעגן מיר זי אָפּוואַרטן מיט אַ מאָדנער אומגעדולד.

טיילמאָל פלעגן מיר זיך פאָרשטעלן, אַז זי וועט קומען צו אונז און זי וועט שוין מער ניט זיין די זעלביקע טאַניע. מיר האָבן אָבער איר גאָרניט דערציילט פון דעם וויכוח, וואָס מיר האָבן געהאַט איבער איר. מיר האָבן איר קיין זאַך ניט געפרעגט און זיך באַצויגן צו איר פונקט אַזוי גוט און פריינטלעך, ווי פריער. אָבער עפּעס נייס איז צוגעקומען אין אונזערע באַציִונגען צו טאַניען, עפּעס אַזוינס, וואָס איז אונז פריער פרעמד געווען.

און דאָס איז געווען די געשפּאַנטע נייגעריקייט, וואָס איז אַזוי קאַלט און שאַרף, ווי אַ שטאָלענער מעסער.

— ברידער! היינט ענדיקט זיך דער טערמין! — האָט אונזער בעקער, שטעלנדיק זיך אין איינעם אַ פרימאָרגן צו דער אַרבעט, צו אונז געזאָגט.

מיר האָבן דאָס אַלע געוואוסט און ניט געדאַרפט וואַרטן, ער זאָל אונז דערמאָנען; דאָך האָט עס אונז אַלעמען געמאַכט אויפציטערן.

— באַטראַכט זי גוט... זי וועט באַלד דאָ זיין! האָט ער ווייטער געזאָגט.

— איז וואָס וועט זיין, מען קען דען עפּעס אַרויסזען! — האָט איינער זיך אָנגערופן אין אַן אומרויִקן טאָן.

און פון דאַסניי האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומלדיקע אַמפּעריי. היינט האָבן מיר זיך דאָס געזאָלט איבערצייגן, ווי ריין און אָן אַ שפּרינקעלע ס'איז געווען די כלי, אין וועלכער מיר האָבן אַריינגעלייגט דאָס בעסטע, וואָס איז געווען אין אונז. אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן איז אונז צום ערשטן מאָל קלאָר געוואָרן, אַז מיר האָבןווירקלעך געשפּילט אַ גרויסע שפּיל; אַז דורך ברענגען צו אַ נסיון די ריינקייט פון אונזער אָפּגאָט קענען מיר זי אינגאַנצן פאַרלירן. פאַר די גאַנצע 14 טעג האָבן מיר געהערט, אַז טאַניע איז עקשנות־דיק און אומאויפהערלעך פאַרפאָלגט געוואָרן פון דעם סאָלדאַט, אָבער קיינעם פון אונז איז גאָרניט איינגעפאַלן זי צו פרעגן, ווי זי באַציט זיך צו אים. זי איז געקומען צו אונז יעדן פרימאָרגן נאָך די בייגל און איז שטענדיק געבליבן די זעלביקע.

אויך אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן האָבן מיר געהערט איר שטימע:

— אָרעמע אַרעסטאַנטן! דאָס בין איך!

מיר האָבן איר געעפנט די טיר, און ווען זי איז אַריינגעקומען זיינען מיר קענן אונזער געוויינהייט געבליבן שטיל, ניט אַזוי ווי אַלע מאָל. מיר האָבן מיט פאַרשנדיקע אויגן געקוקט אויף איר און ניט געוואוסט, וואָס צו ריידן צו איר און וואָס ביי איר צו פרעגן. אַזוי זיינען מיר געשטאַנען פאַר איר, ווי אַ פינסטערע, טרויעריקע און שטיל־שוויינגדיקע מאַסע. זי האָט אויסגעזען צו זיין איבעררראַשט פון דעם דאָזיקן אומגעוויינלעכן קבלת־פנים. זי איז פלוצלונג געוואָרן בלאַס און אומרויִק, און מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע האָט זי ביי אונז געפרעגט:

— וואָס איז מיט אייך? פאַרוואָס זייט איר היינט עפּעס אַזוי?

— און דו? — האָט איר דער בעקער בייז אַ שטאָך געטאָן און ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר.

— וואָס זאָל דען מיט מיר זיין?

— גאָ־גאָרניט.

— נו, טאָ גיט מיר געשווינד די בייגעלעך.

פריער האָט זי זיך קיינמאָל ניט אַזוי געאײלט.

— דו האָסט נאָך גענוג צייט! — האָט דער בעקער צו איר געזאָגט, ניט רירנדיק זיך פון אָרט און ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון איר געזיכט.

פלוצלונג האָט זי זיך אומגעקערט און איז פאַרשוואונדן געוואָרן דורכן טיר.

דער בעקער האָט גענומען זיין שופל און זיך אומגעקערט צום אויוון און געזאָגט מיט אַ רויִקער שטימע:

— אַלזאָ, געענדיקט! אָבער אַ סאָלדאַט! אַזאַ געמיינע חיה! אַזאַ נידעריקע באַשעפעניש!...

ווי אַ סטאַדע שעפּסן, וואָס שטופּן איינער דעם אַנדערן, זיינען מיר צוריקגעגאַנגען צום טיש, האָבן זיך שווייגנדיקערהייט אַוועקגעזעצט און האָבן אָנגעהויבן גלייכגילטיק צו אַרבעטן. פלוצלונג אָבער האָט איינער פון אונז איבערגעריסן די שטילקייט:

— נאָך אַלעמען, אפשר איז עס נאָך ניט —

— שווייג! — האָט דער בעקער אויסגעשריען.

מיר האָבן אַלע געוואוסט, אַז ער איז קליגער און פאַרשטייט אַ זאַך בעסער ווי מיר. דער קלאַנג פון זיין שטימע האָט אונז איבערציינגט, אַז דער סאָלדאַט האָט געזיגט און מיר זיינען געוואָרן טרויעריק און נידערגעשלאָגן.

אַרום 12 אַ זייגער — ווען מיר האָבן געהאַלטן אין עסן אונזער מיטאָג — איז דער סאָלדאַט אַריינגעקומען. ער איז געווען ריין און לעבעדיק, אַזוי ווי אַלעמאָל, און האָט, ווי שטענדיק, געקוקט אונז גלייך אין די אויגן. אונז אָבער איז שווער געווען אים צו קוקן גלייך אין געזיכט.

— נו, מיינע הערן, ווילט איר, איך זאָל אייך ווייזן, וואָס אַ סאָלדאַט קען? — האָט ער אונז געפרעגט מיט אַ שטאָלצן געלעכטער.

— קומט אַרויס אין פירהויז און קוקט דורכן שפּאַלט — איר פאַרשטייט?

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אין פירהויז און שטויסנדיק איינער דעם אַנדערן, האָבן מיר זיך געפּלייסט צוצוקומען צו אַ שפּעלטל אין דער הילצערנער ווענטל פון פירהויז, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום הויף. מיר האָבן ניט באַדאַרפט לאַנג צו וואַרטן. באַלד האָבן מיר דערזען טאַניען, ווי זי גייט מיט געשווינדע שריט און מיט אַ פאַרזאָרגטן פּנים איבערן הויף און שפּרינגט איבער די בלאָטקעלעך פון דעם צעשמאָלצענעם שניי און פאַרשווינדט אין דעם מאַגאַזין־קעלער. אין אַ ווײַלע אַרום איז פייפנדיק אַרויסגעקומען דער סאָלדאַט און איז ניט געאײַלט געגאַנגען אין דער זעלביקער ריכטונג. ער האָט געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס און זיינע וואָנצעס האָבן געציטערט.

ס'איז געגאַנגען אַ רעגן און מיר האָבן געזען, ווי די טראָפּנס זיינע געפאַלן אין די לוזשעס און האָבן געמאַכט בלעזלעך אויפן וואַסער. עס איז געווען אַ פייכטער, גרויער, זייער לאַנגווייליקער טאָג. דער שניי איז נאָך געלעגן אויף די דעכער, אָבער אויף דער ערד האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אַרויסצווייזן טונקעלע לאַטעס בלאָטע. אויך דער שניי, וואָס איז געלעגן אויף די דעכער, האָט שוין אויסגעזען, ווי ער וואָלט געווען באַדעקט מיט אַ ברוינלעכער

שמוציקער מאַסע. דער רעגן איז געפאַלן גאַנץ זאַכט מיט אַ מע־לאַנכאָלישן גערויש. עס איז אונז געווען קאַלט און אומאָנגענעם צו וואַרטן.

דער ערשטער איז אַרויס פון מאַגאַזין־קעלער דער סאָלדאַט; ער איז זיך געגאַנגען גאַנץ לאַנגזאַם איבערן הויף, האָט באַוועגט מיט די וואָנצעס און געהאַלט די הענט אין די קע־שענעס — דער זעלביקער ווי שטענדיק.

באַלד דערנאָך איז אויך טאַניע אַרויסגעקומען. אירע אויגן האָבן געלויכטן פון פרייד און גליק און אירע ליפן האָבן גע־שמייכלט. זי איז געגאַנגען אַזוי ווי פאַרחלומט און זיך באַוועגט מיט אומזיכערע טריט.

מיר האָבן זיך מער ניט געקענט אײַנהאַלטן. מיר האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר, האָבן זי אויפגעריסן און זײַנען אַרויס אין הויף און האָבן זי אָנגעהויבן אויסצופײַפן, מיר האָבן געשריען און ווילד און בייז זי באַליידיקט.

דערזעענדיק אונז, האָט זי אויפגעשוידערט און איז געבליבן שטיין, אַזוי ווי צוגעשמידט צו דער בלאָטע אונטער אירע פיס. מיר האָבן זי אַרומגערינגלט און האָבן מיט ווילדקייט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, געשאָטן אויף איר באַליידיקונגען און שענדלעכע ווערטער.

זעענדיק, אַז זי קען פון אונז ניט אַוועק, ווייל מיר האָבן זי געהאַט אַרומגערינגלט און מיר קענען זי זידלען און באַליידיקן וויפיל אונזער האַרץ געלוסט, האָבן מיר זיך ניט געאײַלט און עס געטאָן גאַנץ געלאַסן. איך ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער מיר האָבן זי ניט געשלאָגן. זי איז געשטאַנען אינמיטן און האָט געדרייט דעם קאָפּ אַהין און אַהער, און אויסגעהערט אונזערע באַליידיקונגען און זידלערייען. און מיר — מיר האָבן געהאַלטן אין איין גיסן אויף איר אַלץ מער און מער דעם שמוץ און גיפט פון אונזערע ווערטער.

די פאַרב פון איר געזיכט איז פאַרשוואונדן. אירע בלויע אויגן, וואָס האָבן אַזוי גליקלעך געלויכטן מיט אַ מינוט צוריק, זײַנען געווען ברייט צעעפנט, איר ברוסט האָט זיך האַסטיק באַוועגט און אירע ליפן האָבן געציטערט.

מיר האָבן פון איר גענומען נקמה, אַזוי ווי זי וואָלט אונז באַרויבט. זי האָט געהערט צו אונז, מיר האָבן אויף איר פאַרשווענדט דאָס בעסטע, וואָס מיר האָבן געהאַט, און אַפילו דאָס בעסטע ביי אונז איז ניט געווען מער, ווי בעטלער-ברעקלעך, אָבער מיר זיינען געווען זעקס-און-צוואַנציק און זי — בלויז איינע, און מיר האָבן ניט געקענט געפינען גענוג פיין, וואָס זאָל זיין גלייך צו איר פאַרברעכן, וואָס זי איז קעגן אונז באַגאַנגען! ווי מיר האָבן זי באַליידיקט! זי האָט אַלץ געשוויגן, זי האָט אויף אונז געקוקט מיט ווילדע אויגן און האָט געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער.

מיר האָבן געלאַכט, געשריען און געליאַרעמט. אַנדערע מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענקלייבן און האָבן אונז מיטגעהאָלפן... איינער פון אונז האָט זי געשלעפּט פאַרן אַרבל...

פּלוצלונג האָבן אירע אויגן אויפגעבליצט, זי האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן איר האַנט און, צורעכט געמאַכט די האָר, האָט זי רויִק אונז אַריינגעקוקט אין די פּנימער אַריין און האָט הויך צו אונז אַ זאָג געטאָן:

— אַך, איר עלנדע אַרעסטאַנטן, וואָס איר זייט!

און זי האָט אָנגעהויבן צו גיין, זי איז געגאַנגען גלייך אויף אונז, אַזוי ווי מיר וואָלטן גאָרניט געווען און איר ניט פאַרשטעלט דעם וועג.

מיר האָבן זיך אָפּגערוקט און זי געלאָזט דורכגיין.

אַרויסגייענדיק פון אונזער קרייז און ניט אומקערנדיק זיך, האָט זי גאַנץ הויך אויסגעשריען צו אונז מיט אומבאַשרייבלעכער פאַראַכטונג: איר פּאַסקודנע, נידערטרעכטיקע באַשעפענישן! און איז אַוועק.

מיר זיינען געבליבן שטיין אינמיטן הויף, אין רעגן, אין שמוץ, אונטער דעם גרויען זונענלאָזן הימל.

דעמאָלט זיינען מיר אויך שווייגנדיקערהייט אַוועק צו אונזער פייכטן, שטיינערנעם קעלער. און אַזוי ווי פריער, האָט די זון קיינמאָל ניט אַריינגעשיינט דורך אונזער פענסטער און טאַניע איז קיינמאָל צו אונז מער ניט געקומען...

---

# דער הפקר-יונג.

## 1.

### די באַגעגעניש מיט אים.

אָנגעשטויסן זיך אין דער פינסטער אויף פּלויטן, האָב איך דרייסט געשפּרייזט איבער די בלאָטיקע לווּשעס פון פענסטער צו פענסטער, האָב מיטן פינגער שטאַרק געקלאַפּט אין די שויבן און האָב אויסגערופן:

— לאָזט אַריין אַ וואַנדערער איבערנעכטיקן!?

אַלם ענטפער האָט מען מיך געשיקט צו די שכנים, געשיקט אין דעם דאָרפישן פאַרזאַמלונגס-הויז, געשיקט צום טייוול; פון איין פענסטער האָט מען מיך געדראָט, אַז מע וועט אָנרייצן אויף מיר די הינט, פון אַ צווייטן האָט מען מיר שטום, נאָר מיט אַ קלאָרער אָנצוהערעניש באַוויזן אַ גרויסע פויסט. און איינע אַ פרוי האָט עפּעס געשריען צו מיר:

— גיי-גיי, טראָגט זיך אָפּ, כּל-זמן דיינע ביינער זיינען נאָך גאַנץ! מיין מאַן איז אין דער היים...

איך האָב זי אַזוי פאַרשטאַנען: משמעות, אַז זי פלעגט אַריינלאָזן אויף נאַכטלעגער, ווען דער מאַן פלעגט ניט זיין אין דער היים... באַדויערט, וואָס ער איז אין דער היים, בין איך אַוועק צו אַן אַנדער פענסטער.

— גוטע מענטשן, לאָזט אַריין אַ וואַנדערער איבערנעכטיקן?!

האָט מען מיר ליבלעך געענטפערט:

— געזונטערהייט... ווייטער!

און דאָס וועטער איז געווען אַן עקלהאַפטס. — ס'האָט געגאָסן אַ דריבנער, קאַלטער רעגן, און די בלאָטיקע ערד איז געווען געדיכט פאַרהילט אין פינסטערניש. טיילמאָל פלעגט אָנפליען פון ערגעץ אַ שטאַרקער ווינט; ער האָט שטיל געקלאַפּט אין די צווייגן פון די

ביימער, האָט געדרויִשט אין דעם נאַסן שטרוי אויף די דעכער און האָט געבוירן נאָך אַ סך אומעטיקע קלאַנגען, און האָט מיט דער טרויעריקער מוזיק פון זיפצן און קלאַנגען צעשטערט די פינסטערע נאַכט=שטילקייט. הערנדיק די דאָזיקע טרויעריקע פּרעלודיע פון דער צאָרנפולער פּאָעמע, וואָס הייסט האַרבסט, זיינען די מענטשן אונטער די דעכער געוואָרן, משמעות, שלעכט געשטימט און האָבן מיך דערפאַר ניט אַריינגעלאָזט נעכטיקן. איך האָב זיך לאַנג געראַנגלט מיט דעם באַשלוס זייערן, און זיי האָבן זיך עקשנותדיק אַנטקעגנגעשטעלט און האָבן סוף=כל=סוף צעשטערט מיין האָפענונג, צו נעכטיקן אונטער אַ דאַך. דעמאָלט בין איך אַרויס פון דאָרף אין פעלד, און האָב געטראַכט, אַז דאָ וועל איך אפשר געפינען אַ סטויג היי אָדער שטרוי... הגם בלויז דער צופאַל האָט מיך געקענט אַהין פירן, אין דער דאָזיקער געדיכטער און שווערער פינסטערניש.

אָבער אָט זע איך, ווי אַ טריט דריי פון מיר הייבט זיך אַרויף עפּעס אַ גרויסע זאַך, וואָס איז נאָך פינסטערער, ווי די פינסטערניש גופא. גיי איך אַהין און שטויס זיך אָן, אַז דאָס מוז זיין אַ תבואה=שפּייכלער. די תבואה=שפּייכלערס בויט מען ניט האַרט צו דער ערד, נאָר מע בויט זיי אויף פּאַליעס אָדער אויף שטיינער; צווישן דער דיל פון דעם שפּייכלער און דער ערד איז פאַראַן אַ פרייער רוים, וואו אַן אָנשטענדיקער מענטש קען אַהין אַריין, — מען דאַרף זיך בלויז לייגן אויפן בויך און דורכקריכן.

קענטיק, דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל איבערקומען די דאָזיקע נאַכט ניט בלויז אונטער אַ דאַך, נאָר אויך אונטער אַ דיל. צופרידן דערמיט, בין איך אַרונטערגעקראָכן אַהין איבער דער טרוקענער ערד און אָנגעטאַפּט מיט דער ברוסט און מיט די זייטן עפּעס אַ גלאַטערן אָרט אויף צום לייגן זיך. און פּלוצלונג דערהער איך אין דער פינסטער עמעצנס אַ רויק=וואָרענדיקע שטימע:

— נעמט זיך לינקס, חשובער הער...

געווען איז דאָס ניט שרעקלעך, אָבער באמת — אומגעריכט.

— ווער איז דאָס? — האָב איך געפרעגט.

— אַ מענטש... מיט אַ שטעקן...

— איך האָב אויך אַ שטעקן...

— און שוועבעלעך האָט איר?

— כ'האָב שוועבעלעך אויך...

— דאָס איז גוט!

איך האָב ניט אײַנגעזען די גוטסקייט דערפון, ווייל לויט מיין מיינונג, וואָלט מיר ערשט דעמאָלט געקאָנט זיין גוט, ווען איך וואָלט געהאַט ברויט און טאַבאַק, און ניט בלויז שוועבעלעך.

— נו, וואָס, אין דאַרף לאָזט מען ניט נעכטיקן? — האָט דער אומגעזעענער גאַסט געפרעגט.

— מע לאָזט ניט, — האָב איך געענטפערט.

— און מיך האָט מען אויך ניט געלאָזן...

דאָס איז געווען קלאָר, — אויב נאָר ער האָט זיך געבעטן נעכטיקן. אָבער ער האָט געקענט ניט בעטן זיך אויך, און עס קען זיין, אַז ער איז גאָר אַריינגעקראָכן אַהער מיט דער כוונה, אָפּצוואַרטן אַ באַקוועמען מאָמענט און דורכפירן אַ ריזיקאַליש שטיקל אַרבעט, צו וועלכער מע מוז אומבאַדינגט האָבן די נאַכט-פינסטערניש. הגם יעדע אַרבעט איז אָנגעלייגט ביי גאָט, דאָך האָב איך פעסט געהאַלטן אין דער האַנט דעם שטעקן.

— האָבן ניט געלאָזן, די שדים! — האָט די שטימע איבערגעחזרט. — חמורים! אין אַ גוט וועטער לאָזן זיי גראָד אַריין, אָבער איז אַזאַ וועטער — איז כאָטש לייג זיך און פּלאַץ! וואוהין גייט איר? — האָב איך געפרעגט.

— קיין... ניקאָלאַיעוו. און איר?

איך האָב אויך געזאָגט וואוהין.

— גייען מיר, הייסט עס, אויף איין וועג. אַנו, צינדט נאָר אָן אַ שוועבעלע, וועל איך פאַררויכערן.

די שוועבעלעך זיינען נאַס געוואָרן. — כ'האָב לאַנג און אומגעדולדיק געריבן מיט זיי אָן דער ברעט איבער מיין קאָפּ. ענדלעך, האָט זיך אָנגעצונדן אַ קליין פייערל, און פון דער פינסטערניש האָט אַרויסגעקוקט אַ בלאַס געזיכט אין אַ שוואַרצער באָרד.

די גרויסע, קלוגע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר מיט אַ חוזק־שמייכעלע, דערנאָך האָבן די ווייסע ציינער אַ בלאַנק געטאָן אונטער די וואָנצעס, און דער מענטש האָט צו מיר געזאָגט:

— רויכערןווילט איר?

שוועבעלע האָט אויסגעברענט. כ׳האָב אָנגעריבן אַ צווייטע און פאַר איר שיין האָבן מיר, נאָך אַמאָל באַקוקט איינע די אַנדערע, און דערנאָך האָט מיין נאַכטלעגער־חבר געזאָגט מיט זיכערקייט:

— נו, מיר דוכט, אַז מיר האָבן זיך ניט וואָס צו שטערן... נעמט אַ פּאַפּיראָס.

צווישן די ציינער האָט ער געהאַלטן נאָך אַ פּאַפּיראָס, און, ווען ער האָט זיך פונאַנדערגעברענט ביים רויכערן, האָט ער באַלויכטן זיין געזיכט מיט אַ שוואַכער, רויטלעכער שיין. לעבן זיינע אויגן און אויפן שטערן איז ביי אים געווען אַ סך טיפע און דינע קנייטשן. פריער, ביים שיין פון דער שוועבעלע, האָב איך באַמערקט, אַז ער איז אָנגעטאָן אין ורעשטלעך פון אַן אַלטן וואַטענעם מאַנטל און איז אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק, און אויף די פיס טראָגט ער אַמין שיך פון איין שטיק לעדער — „פּאָרשניעס״, ווי זיי הייסן אויפן דאָן.

— אַ וואַנדערער? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ. און איר?

— אויך.

ער האָט זיך גענומען באָרבלען, און דערביי האָט ביי אים אַ קלונג געטאָן עפּעס אַ מעטאַלענע זאַך, — קענטיק, אַ טיי־קענדל אָדער אַ קעסעלע, די דאָזיקע נייטווענדיקע כּלים פון אַ וואַנדערער צו די הייליקע ערטער; נאָר אין זיין טאָן האָט געפעלט יענער שטריך פון פאַלשער אָנשטענדיקייט, וואָס פאַראַט שטענדיק דעם וואַנדערער, אין זיין טאָן האָט ניט געקלונגען די גנבישע פרומקייט און זיינע רייד זיינען דערוויילע ניט געווען געמישט — ניט מיט קיין גאָטספאָרכטיקע זיפצן, ניט מיט קיין פּסוקים פון די „הייליקע שריפטן״. בכלל איז ער ניט געווען ענלעך אויף דעם פּראָפעסיאָנעלן אַרומשלעפער איבער די „הייליקע ערטער״, — אויף

דעם דאָזיקן ערגסטן טיפּ פון דער אָנצאָליקער „וואַנדערנדיקער רוסלאַנד" — דעם ערגסטן לויט זײַנע מאָראַלישע אײַנשאַפּטן און צוליב דער מאַסע ליגנס און נאַרישע גלויבעניש, מיט וועלכע די דאָזיקע קאַטעגאָריע מענטשן שטעקן אָן דאָס גײַסטיק-הונגעריקע און שטענדיק לעכצנדיקע דאָרף. חוץ דעם איז ער גאָר געגאַנגען קיין ניקאָלאַיעוו, וואו ס'זײַנען ניטאָ קיין הייליקע ערטער און קיין הייליקע בײַנער...

— און פונוואַנען שפּרײַזט איר דאָס? — האָב איך אים געפרעגט.

— פון אַסטראַכאַן...

אין אַסטראַכאַן זײַנען אויך ניטאָ קיין הייליקע בײַנער. דאַן האָב איך בײַ אים געפרעגט:

— הייסט עס, אַז איר גייט „פון ים צו ים", ניט איבער די הייליקע ערטער?

אין די הייליקע ערטער קום איך אויך אַרײַן. פאַרוואָס זאָל איך ניט אַרײַנגיין אין אַ הייליקן אָרט? .כ'גיי אַרײַן מיט פאַרגעניגן... דאָרטן גיט מען שטענדיק גוט עסן... דערהויפּט, אויב מע זאָל ווערן חבר מיט די מאָנאַכינס. אונזערן אַ ברודער אַכטן זיי שטאַרק, ווײַל ער טראָגט אַרײַן אַ סך פאַרשיידנאַרטיקייט אין זייער לעבן. ווי איז אײַער קוק אויף דעם?

איך האָב אים דערקלערט.

— שפּײַז-פונקטן. און פונוואַנען גייט איר? אַהאַ! אַ לאַנגער וועג. רײַבט אָן אַ שוועבעלע — לאָמיר ווידער פאַררויכערן. ווען מע רויכערט, ווערט עפּעס אַזוי ווי לײַכטער...

ס'איז געווען קאַלט אי פון דעם ווינט, וואָס האָט זיך כּסדר אַרײַנגעריסן צו אונז מיט עזות, אי פון די פײַכטע קליידער.

אפשר ווילט איר עסן? איך האָב בײַ זיך ברויט, קאַרטאָפל און צוויי געבראָטענע קראָעס... געבן?

— אַ קראָע? — האָב איך מיט נײַגעריקייט געפרעגט.

— און איר עסט זיי ניט? אַ שאָד...

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ גרויסע לוסטטע ברויט.

— קיין קראָעס האָב איך קיינמאָל ניט פאַרזוכט...

— טאָ נעמט, פאַרזוכט. האַרבסט־צייט זיינען זיי זייער געשמאַק. און חוצדעם — איז אַ סך אָנגענעמער צו עסן אַ קראָ, וואָס מי׳ן פאַנגט מיט די אייגענע הענט, איידער ברויט אָדער חזיר, וואָס אַ יענטש דערלאַנגט דיר פון דעם פענסטער פון זיין שטוב... וואָס נאָכדעם, ווי דו נעמסט עס צו... וואָלסטו זי וועלן אונטערצינדן...

אָ, דאָס האָט ער גראָד געזאָגט מיט שכל, מיט שכל און אינטערעסאַנט. עסן קראָעס איז פאַר מיר געווען אַ נייס, שטאַרק פאַרוואונדערט האָט עס מיך אָבער ניט — איך האָב געוואוסט, אַז אין אָדעס עסן די בעטלער מייז, אין ראָסטאָוו עסן זיי שנעקעס. איז וואָס איז דאָ אַזוי דער חידוש? אַפילו די פאַריזער אײַנוואוינער גופא, ווען זיי זיינען געווען באַלאַגערט, האָבן אויך מיט פאַרגעניגן געגעסן אַלערליי פאַסקודסטווע, און ס׳זיינען דאָ אַזעלכע מענטשן, וואָס דאָס גאַנצע לעבן געפינען זיי זיך אין באַלאַגערונגס־צושטאַנד.

— און ווי אַזוי כאַפּט איר די קראָעס? — האָב איך זיך אינפאָרמירט.

— ניט מיטן מויל, נאַטירלעך. מע קען זיי דערהרגענען מיט אַ שטעקן אָדער מיט אַ שטיין, נאָר זיכערער איז — פאַנגען זיי! מע דאַרף צום עק פון אַ לאַנגן שטריקל צובינדן אַ שטיקל חזיר, אַ שטיקל פלייש אָדער די אייבערשטע האַרטע ופון ברויט. די קראָע כאַפּט עס, שלינגט עס איין — און דאַן איז זי אַ געפאַנגענע! דערנאָך, דרייט מען איר אַראָפּ דעם קאָפּ, מע פליקט זי אַרום, מע מאַכט זי אויס און, אַריפגעזעצט אויף אַ שטעקן, בראָט מען זי אויף אַ פייער.

— ס׳וואָלט געווען גוט צו וואַרעמען זיך איצט אַרום אַ פייער! — האָב איך אַ זיפץ געטאָן.

די קעלט איז געוואָרן נאָך שפירעוודיקער. ס׳האָט אויסגעזען, ווי דער ווינט גופא וואָלט פאַרפראָרן געוואָרן — מיט אַזאַ קרענקלעך־ציטעריקן קוויטשען האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אָן די ווענט פון דעם תבואה־שפייכלער. טיילמאָל פלעגט צוזאַמען מיט אים קומען צו פליען אַ וואָיען פון אַ הונט, אַ קרייען פון אַ האָן, אַן אומעטיקער קלונג פון אַ וועכטער־גלאָק פון אַ דאָרפישן קלויסטער, וואָס האָט זיך פאַרבאַהאַלטן אין דער פינסטער. די רעגנטראָפּנס זיינען שווער גע־

פאַלן פון דעם דאַך פון דעם תּבואה־שפּײַכלער אויף דער פּײַכטער ערד.

— ס'איז לאַנגווײַליק צו ליגן און שווײַגן... — האָט מײַן נאַכט־לעגער־קאָלעגע געזאָגט.

— און ריידן איז קאַלט, — האָב איך באַמערקט.

— רוקט אַרײַן אײַער צונג אין בוזעם... וועט זיך זיך אָנ־וואַרעמען.

— אַ דאַנק פאַר דער עצה...

— וואָס, מירן גײן צוזאַמען? מיר האָבן דאָך איין וועג...

— גוט!

— איז לאָמיר זיך באַקענען... איך בין, לאָמיר זאָגן, דער אַדעליקער פּאַוול איגנאַטיעוו פּראָמטאָוו....

— איך האָב זיך אויך פאָרגעשטעלט.

— נו, איז אָט! איצט וועל איך בײַ אײַך פרעגן —ווי אַזוי זײַט איר אַרויף אויף דעם־אָ וועג? אוים שוואַכקײַט צום ביטערן טראָפּן, משמעות?

— אוים דעם לאַנגווײַל פון לעבן...

— דאָס איז אויך מעגלעך... אײַך איז באַקאַנט די אויסגאַבע פון סענאַט מיטן נאָמען: ידיעות וועגן פּראָצעסן?

— באַקאַנט.....

— אײַער נאָמען איז דאָרטן ניט אָפּגעדרוקט?

איך האָב זיך נאָך דאַמאָלסט אין ערגעץ ניט געהאַט גע־דרוקט, און איך האָב אים דאָס דערקלערט.

— און איך בין דאָרטן אויך ניט אָפּגעדרוקט...

— איר האָפט אָבער?

— אַלץ איז אין גאָטס האַנט!

— איר זײַט, קענטיק, אַ פרײַלעכער מענטש?

— צו וואָס זאָל מען זיך זאָרגן??

— ניט יעדערער, אין אײַער לאַגע, וואָלט עס געזאָגט, — האָב איך געצווייפלט אין דער אויפריכטיקייט פון זײַנע ווערטער.

— די לאַגע — איז אַ פּײַכטע און אַ קאַלטע, אָבער מיטן באַגינען וועט זי זיך ענדערן. ס'וועט אויפגײן די זון... זי מוז

אויפגיין! דעמאָלט וועלן מיר אַרויסקריכן פון דאַנען און מיר וועלן טרינקען טיי, וועלן עפּעס איבערבייסן און זיך אָנוואַרעמען... ס׳איז הײַנט שלעכט?

— גוט! האָב איך מסכּים געווען.

— נו, אָט זעט איר! יעדע שלעכטע זאַך האָט זיך אירע גוטע זייטן.....

— און יעדע גוטע זאַך — אירע שלעכטע...

— אָמן! — האָט פּראָמטאָוו אויסגערופן מיט דעם טאָן פון אַ דיאַקאָן.

אויף מײַן וואָרט, מיר איז פריילעך געוואָרן מיט אים! כ׳האָב באַדויערט, וואָס איך קאָן ניט זען זײַן פּנים, וואָס האָט, לויט דער שפּע פון די אינטאָנאַציעס פון זײַן קול, באַדאַרפט זייער אויסדריקלעך שפּילן. מיר האָבן לאַנג גערעדט וועגן פאַרשיידענע נאַרישקייטן און האָבן דערמיט פאַרבאָרגן אונזער פאַרלאַנג נעענטער זיך צו באַקענען. איך האָב זיך אינערלעך אַנטציקט פון זײַן געשיקטקייט, מיט וועלכער ער האָט פאַרשוויגן וועגן זיך און האָט מיך געצוואונגען צו ריידן פאַר אים.

ווי מיר האָבן זיך אַזוי פרידלעך געשמועסט — האָט דערווײַלע אויפגעהערט דער רעגן און די פינסטערניש האָט אומבאַמערקטערהייט אָנגעהויבן צו צערינען; אויף מזרח האָט זיך מיט אַ ציטעריקן ליכט שוין אָנגעצונדן אַ ראָזער פּאַס פון באַגינען. מיט דעם באַגינען איז אויך געקומען די פרימאָרגן־פרישקייט, וועלכע איז אָנגענעם און אויפמונטערנדיק, ווען זי דערוויסט דעם מענטשן אין טרוקענע און וואַרעמע קליידער.

— אפשר וועלן מיר דאָ עפּעס געפינען, מיט וואָס פונאַנדערצולייגן אַ פײַער... אַ טרוקן שפּענדל? — האָט פּראָמאָטאָוו געפרעגט.

מיר האָבן געפּויזעט איבער דער ערד און געזוכט, נאָר האָבן קיין זאַך ניט געפונען. דעמאָלט האָבן מיר באַשלאָסן אָפּצורייסן עפּעס אַ ברעט, וואָס איז געווען ניט גאָר שטאַרק צוגעשלאָגן. אָפּגעריסן, האָבן מיר זי פאַרוואַנדלט אין שפּענער. דערנאָך האָט פּראָמטאָוו פאָרגעלייגט, מיר זאָלן פּרווון אויסבויערן אַ לאָך אין

דיל פון שפייכלער און אַרויסבאַקומען קאָרן־קערנער, — ווייל פון קאָרן, געקאָכט אין וואַסער — באַקומט זיך אַ גאַנץ גוטער מאכל. איך האָב פּראָטעסטירט און דערקלערט, אַז דאָס איז אומבאַקוועם — מיר וועלן אַרויסלאָזן פון דעם שפייכלער עטלעכע פוד קאָרן, כּדי צו באַקומען סך־הכל צוויי־דריי פונט.

— וואָס אַרט עס אייך? — האָט פּראָמאָטאָוו געפרעגט.

— פרעמדן אייגנטום, זאָגט מען, דאַרף מען אַכטן...

— דאָס דאַרף מען, ליבינקער, בלויז דעמאָלט, ווען מע האָט אַליין... און מע דאַרף דאָס בלויז דערפאַר, ווייל פאַר יעדן אַנדערן איז עס — פרעמדס...

איך האָב געשוויגן און האָב געטראַכט, אַז דער דאָזיקער מענטש דאַרף זיין זייער אַ גרויסער ליבעראַל אין הילכות אייגנטום און אַז ווי אַנגענעם די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט מיט אים זאָל ניט זיין, האָט זי דאָך אירע אומבאַקוועמע מאָמענטן.

באַלד האָט זיך באַוויזן די זון, אַ פריילעכע און אַ העלע. די בלויע שטיקלעך הימל האָבן אַרויסגעקוקט פון די צעריסענע וואָלקנס, וואָס האָבן לאַנגזאַם און מיד געפּויזעט אויף צפון. אומעטום האָבן געפינקלט טראָפּנס רעגן. איך מיט פּראָמטאָוון זיינען אַרויסגעקראָכן פון אונטערן שפייכלער און זיינען אַוועק מיטן פעלד, איבער דעם שטעכעדיקן שטרוי פון די אָפּגעשניטענע תּבואה, צו דער גרינער, געדרייטער סטעזשקע פון די ביימער, וואָס זיינען געשטאַנען פונווייטן.

— דאָרטן איז אַ טייך, — האָט מיין באַקאַנטער געזאָגט.

איך האָב אויף אים געקוקט און געטראַכט, אַז אים מוז זיין אַ יאָר פערציק און אַז דאָס לעבן איז פאַר אים ניט געווען קיין שפּאַס. זיינע אויגן, טונקעלע און טיף־איינגעפאַלענע אין די אויגנ־לעכער, האָבן געפינקלט מיט אַ רויִקן גלאַנץ און מיט זעלבסט־זיכערקייט, און אַז ער פלעגט זיי אַ ביסל פאַרזשמורען, פלעגט זיין פּנים באַקומען אַן אויסדרוק פון כיטרעקייט און פון האַרטקייט. אין זיין פעסטן און שפּאַרעוודיקן גענגל, אין דעם לעדערנעם קלומעק, וואָס איז געווען געשיקט צוגעפּעסטיקט צום רוקן, אין זיין גאַנצער פיגור האָט זיך אַרויסגעוויזן די התגלות צו דעם וואַנדער־לעבן, די דערפאַרנקייט פון אַ וואָלף און די כיטרעקייט פון אַ פוקס.

— לאָמיר גיין אָט=אַזוי, — האָט ער געזאָגט: — דאָ באַלד, איבערן טייך, אַ וויאָרסט זעקס פון דאַנען, געפינט זיך דאָס דאָרף מאַנזשעלעיאַ, און פון אים ציט זיך אַוועק אַ גלייכער וועג קיין נאָוואָ=פראַגע. לעבן דעם דאָזיקן שטעטל וואוינען שטונדיסטן, באַפּ=טיסטן און אַנדערע טרוימערישע פויערימלעך... ווען מע זאָל אויס=טראַכטן פאַר זיי עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיי טרייסטן, וועלן זיי געבן גוט אָפּעסן. אָבער וועגן די הייליקע שריפטן—קיין איין וואָרט ניט! זיי זיינען אַליין אין די הייליקע שריפטן, ווי ביי זיך אין דער היים...

מיר האָבן זיך אויסגעקליבן אַן אָרט, ניט ווייט פון דער גרויסע שוואַרצע טאָפּאָלן, האָבן אָנגעקליבן שטיינער, וועלכע האָבן זיך אַ היבש ביסל געוואַלגערט אויפן ברעג טייכל, וואָס איז געוואָרן טריב פון רעגן, און האָבן אויף די שטיינער פונאַנדערגעלייגט אַ פייער. אַ וויאָרסט צוויי פון אונז איז אויף אַ בערגל געשטאַנען דאָס דאָרף און אויף דעם שטרוי פון זיינע דעכער האָט געגלאַנצט דאָס ראָזע גאָלד פון דעם באַגינען. די ווענט פון די ווייסע כאַטעס זיינען געווען פאַרשוועלט פון די שפּיציקע פּיראַמידן פון די טאָפּאָל=ביימער, וואָס זיינען געווען געפאַרבט מיט האַרבסט=פאַרבן און מיט פרימאָרגן=זון. דער גרויער רויך פון די קוימענס האָט איינגעהילט די טאָפּאָל=ביימער און האָט פאַרטונקלט די אָראַנזשענע און פורפור=רויטע קאָליאָרן פון די בלעטער און דעם צאַרט=בלויען הימל צווישן זיי.

— כ'וועל זיך אויסבאָדן, — האָט פראָמטאָוו געזאָגט. — נאָך אַזאַ פאַסקודנע נאַכט איז עס ממש נויטווענדיק. איך ראַט איך דאָס אויך. און ביז וואַנען מיר וועלן זיך אָפּפרישן — וועט זיך דערווייל אויפקאָכן טיי. איר ווייסט, מיר דאַרפן זיך פלייסן, אַז אונזער וועזן זאָל שטענדיק זיין ציכטיק און פריש.

ריידנדיק, האָט ער זיך דערווייל אויסגעטאָן. זיין קערפּער איז געווען אַ ראַסיקער, פיין געבויט, מיט שטאַרקע, גוט=אַנטוויקלטע מוסקלען. און ווען איך האָב אים דערזען אַ נאַקעטן, האָבן זיינע שמוציקע טראַנטעס מיר אויסגעוויזן צוויי מאָל אַזוי אומווערדיק און עקלהאַפט, ווי זיי האָבן מיר אויסגעוויזן ביז איצט... אָפּגעטונקט זיך אין דעם ברענענדיקן וואַסער פון טייך, זיינען מיר, ציטערנדיק און

בלוי פון קעלט, אַרויסגעשפּרונגען אויפן ברעג און האָבן אַרויפגעצויגן אויף זיך אונזערע קליידער, וואָס האָבן זיך אָנגעוואַרעמט בײַם פייער. דערנאָך האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט לעבן פייער טרינקען טיי.

פראַמטאָוו האָט געהאַט אַן אײַזערן טעפּעלע; האָט ער אים אָנגעגאָסן כ״ט קאָכעדיקן טיי און מיר פאָרגעלייגט, איך זאָל טרינקען דער ערשטער. נאָר דער טײַוול, וואָס איז גרייט חוזק צו מאַכן פון מענטשן, האָט אַ צי געטאָן אַ פאַלשע סטרונע אין מײַן האַרצן, און איך האָב גרויסמוטיק געענטפערט:

— אַדאַנק! טרינקט איר פריער, און איך וועל צו־וואַרטן.

איך האָב דאָס געזאָגט, זייענדיק שטאַרק זיכער, אַז פראַמטאָוו וועט אומבאַדינגט וועלן קאָנקורירן מיט מיר אין גרויסמוטיקייט און העפלעכקייט, און דעמאָלט וואָלט איך זיך געלאָזט אײַנבעטן און וואָלט דער ערשטער אויסגעטרונקען די טיי. ער האָט אָבער פּשוט געזאָגט:

— נו, גוט...

און האָט צוגעטראָגן דאָס טעפּעלע צום מויל.

איך האָב זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט און האָב שטאַרק גענומען קוקן ווײַט אין סטעפּ אַרײַן, וועלנדיק מיט דעם איבערצייגן פראַמטאָוו, אַז איך זע כלומרשט ניט דעם בייסיקן שפּאָט פון זײַנע שוואַרצע אויגן. און ער האָט זיך דערווײַלע געזופּט די טיי, געקײַט ברויט, געשמאַק געשמאַקעט מיט די ליפּן, און דאָס אַלץ האָט ער געטאָן פײַנלעך־לאַנגזאַם. פון קעלט האָבן זיך בײַ מיר אַזש געטרייסלט די געדערעם, און איך בין געווען גרייט אָנצוגיסן זיך אין הויפן הייס וואַסער פון טיי־קענדל.

— וואָס, — האָט זיך פראַמטאָוו צעלאַכט, — ס'איז ניט באַקוועם צו מאַכן זיך דעליקאַט?

— אַוודאי! — האָב איך געזאָגט.

— רעכט אויף אײַך: לערנט זיך... צו וואָס זאָלט איר אָפּטרעטן אַ צווייטן דאָס, וואָס אײַך אַליין איז אָנגענעם און באַקוועם? דען הגם מע זאָגט, אַז אַלע מענטשן זײַנען ברידער — האָט דאָך קיינער דאָס ניט געפּרוווט דערווײַזן מיט מעטריקעס...

— איר מיינט עס טאַקע מיט אַן אמת?

— ווער צווינגט מיך דען צו זאָגן ניט אַזוי, ווי איך מיין? איר פאַרשטייט, יעדער מענטש האָט שטענדיק ליב אַ ביסעלע פאָזירן, ווער ער זאָל ניט זיין...

— כ׳פאַרשטיי ניט, מיט וואָס האָב איך געקענט אַרויסרופן ביי אייך אַזאַ אומצוטרוי צו זיך... — האָט דער דאָזיקער וואָלף אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען. — אפשר דערמיט, וואָס איך האָב אייך געגעבן ברויט און טיי? האָב איך דאָס געטאָן ניט אויס ברידערלעכע געפילן, נאָר אויס נייגעריקייט.

איך זע אַ מענטש געפינט זיך ניט אויף זיין אָרט, ווילט זיך מיר וויסן, ווי אַזוי און ׳דורך וואָס איז ער אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון לעבן...

— און מיר ווילט זיך אויך וויסן... זאָגט מיר: ווער זייט איר און וואָס זייט איר? — האָב איך אים געפרעגט.

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט פאַרשנדיקע בליקן און האָט, שווייגנדיק אַ ווײַלע, געזאָגט:

— קיין מענטש ווייס ניט גענוי, ווער ער איז.... מע דאַרף אים פרעגן, פאַר וועמען האַלט ער זיך.

— זאָל זיין אַזוי.

— נו... איך מיין, אַז איך בין אַזאַ מענטש, וועמען ס׳איז ענג געוואָרן אין לעבן. דאָס לעבן איז ענג, און איך בין ברייט... אפשר איז עס ניט ריכטיק. נאָר אויף דער וועלט איז פאַראַן אַ געוויסער סאָרט מענטשן, וואָס שטאַמען, ווייזט אויס, פון דעם איי־ביקן יידן. זייער אייגנאַרטיקייט באַשטייט אין דעם, וואָס זיי קענען זיך בשום אופן ניט אויסזוכן קיין אָרט אויף דער ערד און פאַר־פעסטיקן זיך אויף אים. ס׳דופעט זיי אינעווייניק אַ פאַרלאַנג צו עפּעס נייס.... די קליינע פון זיי קענען זיך קיינמאָל ניט אויסקלייבן אַ פאָר הויזן לויט זייער געשמאַק, און דעריבער זיינען זיי שטענ־דיק אומצופרידן און אומגליקלעך; די גרויסע דערקענען, באַפרידיקט ניט קיין זאַך — ניט געלט, ניט פרויען, ניט כבוד... אַזעלכע מענטשן האָט מען ניט ליב אין לעבן — זיי זיינען חוצפהדיק און קע־נען זיך ניט איינאָרדנען. דאָס רוב מענטשן זיינען דאָך גראָשנס,

גלייכע, גאַנגבאַרע מטבעות... דער חילוק צווישן זיי איז בלויז אין די יאָרן, ווען מען האָט זיי 'געגאָסן. דער איז — אָפּגעריבן, דער איז־ אַ ביסל נייער, אָבער דעם ווערט האָבן זיי דעם זעלביקן, דער מאַטעריאַל וויערער איז דער זעלבער און זיינען אַזוי ענלעך, איינע אויף די אַנדערע, אַז ס'נעמט עקלען פון דעם. אָבער איך, זעסטו, בין ניט קיין גראָשן.... כאָטש איך בין אפשר ניט מער פון אַ קאָפּיקע... אָט דאָס איז גאָר..

ער האָט דאָס אַלץ געזאָגט מיט אַ סקעפּטישן שמייכל, און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער גלויבט זיך אַליין ניט. נאָר אין מיר האָט ער דערוועקט אַ זשעדנע נייגעריקייט, און איך האָב באַשלאָסן נאָכגיין נאָך אים, ביז איך וועל זיך ניט דערוויסן, ווער ער איז. קלאָר, אַז ער'איז געווען, וואָס מען רופט, אַ „אינטעליגענטער מענטש". צווישן די וואַגאַבונדן געפינען זיך אַ היבש ביסל אַזעלכע, אָבער אַלע זיינען זיי טויטע מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאָרן יעדן רעספּעקט צו זיך, וואָס זיינען זיך אַליין ניט פעיק אָפּצושאַצן, און אַלע לעבן זיי בלויז דערמיט, וואָס יעדן טאָג זינקען זיי אַלץ ני־ דעריקער און נידעריקער אין שמוץ און פאַסקודסטווע; דערנאָך צע־ שמעלצן זיי זיך און פאַרשווינדן פונם לעבן.

אָבער פראָמטאָוו האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פעסטס, שטאַנד־ האַפטיקס. און ער האָט זיך ניט באַקלאָגט אויפן לעבן, ווי דאָס טוען אַלע.

— נו, וואָס? מירן גיין! — האָט ער פאָרגעלייגט.

— מירן גיין!

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, דערוואַרעמט פונם טיי און פון דער זון, און זיינען אַוועק מיטן ברעג, אַראָפּ־טייך.

— און פון וואָס לעבט איר? — פרעג איך ביי פראָמטאָוון — איר אַרבעט?

— אַרבע־עטן? ניין, איך בין אויף דעם ניט קיין בעלן...

— טאָ ווי?

— אָט... איר וועט שוין זען!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. דערנאָך, אַז ער איז אָפּגעאַנגען עטלעכע טריט, האָט ער גענומען אונטערפייפן צווישן די ציינער עפּעס

אַ פריילעך לידל. זיינע אויגן האָבן זיכער און שאַרף באַקוקט דעם סטעפּ, און ער האָט געשפּרייזט פעסט, ווי אַ מענטש, וואָס גייט צו זיין ציל.

איך האָב אויף אים געקוקט, און דער פאַרלאַנג צו דערגיין, מיט וועמען איך האָב צו טאָן, האָט זיך נאָך שטאַרקער צעברענט ביי מיר.

אונז האָט אַרומגערינגלט דער וויסטער און שטילער סטעפּ, איבער אונז האָט געשיינט די ליבע דרום-זון, מיר האָבן אַריינגעעטעמט אין זיך מיט אַ פולער ברוסט די ריינע, אָפּפרישנדיקע לופט און זיינען געגאַנגען אין דער ווייט אַריין, וואו אָפּגעריסענע שטיקלעך וואָלקן האָבן זיך אויפגעדרענגט אין אַ שיינעם כאַאָס פון פאַרבן און פאָרמען.

.....ווען מיר זיינען אַריין אין דער דאָרף-גאַס, איז אַרויסגעפאַלן אויף אונז פון ערגעץ אַ קליין הינטל און מיט אַ הייכן בילן האָט ער זיך גענומען דרייען אַרום אונז. אַז מיר פלעגן אויף אים אַ קוק טאָן, פלעגט ער זיך שרעקעוודיק צעקוויטשען און פלעגט אָפּשפּרינגען אָן אַ זייט, אַזוי ווי אַ פילקע, און פלעגט זיך ווידער אַ וואָרף טאָן אויף אונז און נעמען בייז בילן. ס'זיינען אַרויסגעלאָפן זיינע חברים, זיי האָבן זיך אָבער ניט אויסגעצייכנט מיט אַזאַ פלייסיקייט — זיי פלעגן געבן אַ פּאָר מאָל אַ האַווקע און פלעגן זיך ערגעץ באַהאַלטן. ס'האָט אויסגעזען, ווי זייער גלייכגילטיקייט וואָלט נאָך מער צערייצט דעם געלן הינטל.

איר זעט, וואָס פאַר אַ געמיינעם כאַראַקטער ער האָט? — האָט פראָמטאָוו געזאָגט און געוויזן מיטן קאָפּ אויפן פלייסיקן הונט. — און ער לייגט דאָך. ער פאַרשטייט, דאָך, אַז מע דאַרף ניט בילן, און ער איז ניט קיין שלעכטער — ער איז אַ פחדן און וויל זיך אויסצייכענען פאַרן באַלעבאָס... דאָס איז אַ ריין-מענטשלעכער שטריך... און ס'איז קיין צווייפל ניט, אַז אַ מענטש האָט דעם דאָזיקן שטריך ביי אים אַנטוויקלט. די מענטשן מאַכן קאַליע די חיות... באַלד וועט קומען אַ צייט, ווען די חיות וועלן אויך זיין אַזוי געמיין און ניט אויפריכטיק, אָט ווי איך מיט איך...

— איך דאַנק אייך, — האָב איך געזאָגט.

— ניטאָ פאַרוואָס. מע דאַרף זיך אָבער נעמען צום שיסן...

אויף זיין אויסדרוקלאָזן געזיכט האָט זיך באַוויזן אַ טרויעריקע מינע, די אויגן זיינען געוואָרן נאַריש, אינגאַנצן האָט ער זיך איינגעבויגן, איינגעהויקערט, און די טראַנטעס אויף אים האָבן זיך אויפגעשטעלט, אַזוי ווי די פלוספעדערן ביי אַ יאָרש.

— מע דאַרף זיך ווענדן צו דעם נאָענטן מיט אַ בקשה וועגן ברויט, — האָט ער מיר דערקלערט זיין אומוואַנדלונג און האָט גענומען שטאַרק קוקן אין די פענסטער פון די כאַטעס. לעבן איין כאַטע איז אונטערן פענסטער געשטאַנען אַ פרוי און האָט געוויגן אַ קינד. פראָמטאָוו האָט זיך פאַר איר פאַרנייגט און האָט מיט אַ פרעגנדיקן טאָן געזאָגט:

— מוטער! גיט פאַר אָרעמע וואַנדערער אַ שטיקל ברויט!

— האָט קיין פאַריבל ניט! — האָט די פרוי געענטפערט און האָט אונז אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַרדעכטיקן בליק.

— די ברייסט זאָלן ביי דיר פאַרשפאַרט ווערן, דו הינטישע טאָכטער! — האָט איר מיין באַגלייטער בייז צוגעוואונטשן.

די פרוי האָט זיך צעקוויטשעט, גלייך מע וואָלט איר אַ שטאָך געטאָן, און האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף אונז.

— אַך, איר.....

פראָמטאָוו האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און האָט איר נאָכגעקוקט מיט זיינע שוואַרצע אויגן און זייער אויסדרוק איז געווען ווילד און פול מיט רציחה... די פויערטע איז בלאַס געוואָרן, האָט אַ ציטער געטאָן און, אַ מורמל געטאָן עפּעס, איז זי שנעל אַוועק אין שטוב.

— קומט, — זאָג איך צו פראָמטאָוון.....

— לאָמיר צו־וואַרטן, זי וועט באַלד אַרויסטראָגן ברויט...

— זי וועט אַרויסשיקן צו אונז דעם מאַן מיט אַ היי־גאָפּל.

— אַ סך פאַרשטייט איר! — האָט דער דאָזיקער וואָלף סקעפּטיש געשמייכלט.

ער איז געווען גערעכט, — די פרוי איז אַרויסגעקומען צו אונז מיט אַ האַלבן לעבל ברויט און מיט אַ היבשן שטיק חזיר. זי

האָט זיך טיף און שטום פאַר אים פאַרנייגט און געזאָגט צו אים מיט אַ פרענגנדיקן טאָן:

— ביטע, נעמט, גאָטס מענטש, זייט ניט בייז...

— גאָט זאָל דיך פאַרהיטן פון אַ שלעכט אויג, פון אַ כישוף און פון אַ קרענק!... — האָט פראַמטאָוו איר שטאַרק אָנגעוואונטשן. און מיר זיינען אַוועק.

— הערט, — האָב איך צו אים געזאָגט, ווען מיר זיינען שוין געווען ווייט פון דער כאַטע, — וואָס איז דאָס ביי אייך, איידל גערעדט... פאַר אַ מאַניער פון בעטן נדבות?

— דאָס איז דער סאַמע ריכטיקער... ווען מען זאָל אויף אַ פויערטע גוט אַ שאָס טאָן מיט די אויגן — וועט זי אייך אָננעמען פאַר אַ מכשף, וועט זיך דערשרעקן און וועט אייך געבן, ניט נאָר ברויט — דעם מאַנס געלט-בייטל וועט זי אייך איינגאַנצן אַוועקגעבן. צו וואָס-זשע זאָל איך זיך בעטן און זיך דערנידעריקן פאַר איר, אַז איך קען באַפעלן? כ'האָב שטענדיק געהאַלטן, אַז ס'איז בעסער אַרויסצורייסן, איידער אויסצובעטלען... נו, און אויב מען קען ניט אַרויסרייסן, דאַרף מען, נאַטירלעך, בעטן.

— און ביי אייך האָט ניט פאַסירט, אַז אָנשטאָט ברויט האָט מען אייך...

— געגעבן אין קאַרק? ניין. רוק זיך צו נעענטער! כ'האָב ביי זיך, טייערינקער, אַזאַ מין כישוף-פאַפּירל... איך דאַרף דאָס בלויז באַווייזן דעם פויער, ווערט ער גלייך מיינער אַ קנעכט. אויב איר ווילט, וועל איך אייך באַווייזן?

כ'האָב געהאַלטן אין מיינע הענט דאָס דאָזיקע שטאַרק-שמוציקע און צעקנייטשטע פאַפּירל און האָב געזען: ס'איז געווען אַ דורכגאַנגס-שיין, אַרויסגעגעבן אויפן נאָמען פון פאַוול איגנאַטיעוו פראָמטאָוו, וועלכן מע האָט אַרויסגעשיקט אַדמיניסטראַטיוו פון פעטערבורג, אויף צו גיין פון אַסטראַכאַן קיין ניקאָלאַיעוו. אויפן פאַפּיר איז געווען אַ שטעמפּל פון דער אַסטראַכאַנער פּאָליציי און די געהעריקע אונטערשריפטן — ווי עס פירט זיך...

— כ'פאַרשטיי ניט! — האָב איך געזאָגט און דעם דאָקומענט

אָפּגעגעבן דעם אייגנטימער — ווי אַזוי קענט איר גיין פון אַסטראַכאַן, אַז מע האָט אייך אַרויסגעשיקט פון פעטערבורג?

ער האָט זיך צעלאַכט און האָט מיט זיין גאַנצער פיגור אַרויסגעוויזן זיין העכערקייט איבער מיר.

— גאָר פשוט! באַטראַכט נאָר — מע האָט מיך אַרויסגעשיקט פון פעטערבורג און, אַרויסשיקנדיק, לייגט מען מיר פאָר, איך זאָל, מיט געוויסע אויסנאַמען, אויסקלייבן פאַר זיך אַ וואוינאָרט. רוף איך אָן, לאָמיר זאָגן, קורסק. קום איך קיין קורסק און גיי אין פּאָליציי... כ'האָב דעם כבוד זיך פאָרצושטעלן! די קורסקער פּאָליציי קען מיך ניט צונעמען פריינטלעך — זי האָט אייגענע זאָרג — איבערגענוג. זי איז משער, אַז פאַר איר שטייט אַ גנב, און מסתמא אַ געשייטער גנב, אויב מע האָט פון אים ניט געקענט פטור ווערן מיט גוואַלד און מיט דער הילף פון געזעץ, נאָר מע האָט געמוזט אָנקומען, אויף אויסהאָבן אים, צו אַדמיניסטראַטיווע מיטלען. און זי איז שטענדיק צופרידן משלח זיין מיך ערגעץ — כאָטש מיטן קאָפּ אין דר'ערד. זעענדיק, אַז זי איז אין פאַרלעגנהייט, קום איך איר צו הילף. היות, — זאָג איך, — איך האָב אַליין אויסגעקליבן דעם וואוינאָרט, איז צי וואָלט איר ניט וועלן, אַז איך זאָל נאָכאַמאָל אויסקלייבן פאַר זיך אַן אָרט? פאַרשטייט זיך, אַז זיי זיינען צופרידן, פטור צו ווערן פון אַ צרה. און איך זאָג זיי, אַז איך בין גרייט אויסצושליסן זיך פון דעם קרייז פון זייער זאָרג איבער דער אומבאַרירלעכקייט פון פערזאָן און פאַרמעגן... נאָר פאַר מיין פריינטלעכקייט פאַרלאַנג איך, מע זאָל מיר עפּעס געבן אויפן וועג. גיבן זיי פינף רובל, צען רובל, אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער, געווענדט אָן דער שטימונג און אָן דעם כאַראַקטער — אָבער שטענדיק גיט מען מיט פאַרגעניגן. ס'איז בעסער פאַר זיי צו פאַרלירן פינף רובל, איידער צו פאַרשאַפן זיך אין מיין פערזאָן אַן איבעריקע זאָרג; ניט אַזוי?

— ס'קען זיין, — זאָג איך.

— ס'איז געווים אַזוי! און זיי באַזאָרגן מיך מיט אַזאַ מין פּאַפּירל, וואָס איז לחלוטין ניט ענלעך צו קיין שום פּאַס. אָט אין דעם אונטערשייד צווישן דעם פּאַפּירל און דעם פּאַס שטעקט זיין

מאגישער כוח. אויף דעם פאפירל איז אָנגעשריבן: דעם אַדמי—ני—סטראַ—טי—ו אַרויסגעשיקטן פון פע—טער—בורג! אָ! באַוויז דאָס דעם סטאַראָסטע, וואָס איז געוויינלעך נאַריש, ווי אַ האָלץ, פאַרשטייט ער אין אים, פונקט וויפל אַ טויטער. ער האָט מורא פאַר דעם פאַפיר— אויף אים שטייט דאָך אַ שטעמפּל. זאָג איך אים — אויפן גרונד פון דעם דאָזיקן פאַפיר דאַרפסטו מיר געבן אַ נאַכטלעגער. גיט ער. דאַרפסט מיר געבן עסן! גיט ער. ניט געבן קען ער ניט, ווייל אויפן פאַפיר איז אָנגעשריבן — פון פעטערבורג, אַדמיניסטראַטיון. דער טייוול ווייס, וואָס דאָס איז אַזוינס — אַדמיניסטראַציע? אפשר באַטייט עס: אַז מע האָט אים געשיקט געהיים אויסצו־פאָרשן די קוסטאַר־מלאכות, אויסצופאָרשן, צי מע טרייבט ניט געהיים קיין בראָנפן, צי מע פאַרקויפט ניט געהיים קיין בראָנפן?— צי מען גייט אין קלויסטער?... אָדער וועגן עפּעס אַ זאַך, וואָס אַ שייכות צו דער ערד?... ווער קען זיך פונאַנדערקלייבן, וואָס עס באַטייט — אַדמיניסטראַציע פון פעטערבורג? אפשר האָב איך זיך גאָר איבערגעטאָן פאַר עמעצן... דער פייער איז נאַריש, וואָס פאַר־שטייט ער?

— יאָ, ער פאַרשטייט ווייניק – האָב איך באַמערקט.

— און דאָס איז זייער גוט! – האָט פראָמטאָוו גערעדט לעבעדיק און מיט איבערצייגונג. אָט אַזוי טאָקע דאַרף ער זיין, און בלויז אין אַזאַ צושטאַנד איז ער נייטיק פאַר אַלעמען, אַזוי ווי לופט, וואָרעם וואָס איז אַ פייער? אַ פייער איז פאַר אַלע מענטשן אַ נאַרהאַפטער אַרטיקל, אַזוי צו זאָגן — אַן עסבאַרער בעל־חי. אָט אַ שטייגער, איך וואָלט איך דען געקענט לעבן אויף דער וועלט אָן דעם פייער? כדי דער מענטש זאָל קענען עקסיסטירן, איז ניי־טיק זון, וואַסער, לופט און דער פייער.

— און די ערד?

— זאָל נאָר זיין אַ פייער – ערד וועט זיך שוין געפינען! מע דאַרף אים בלויז באַפעלן: עי, דו! באַשאַף ערד! און — ס'וועט שוין זיין ערד. ער קען ניט — ניט פאָלגן....

דער דאָזיקער דורכגעטריבענער, פריילעכער חברה־מאַן האָט עס ליב געהאַט צו ריידן! מיר זיינען שוין געווען לאַנג אַרויס פון דאָרף,

זיינען דורכגעגאַנגען פאַרביי אַ סך כּוטאָרס, און פאַר אונז איז ווי־ דער געשטאַנען אַ דאָרף, אינגאַנצן פאַרטרונקען אין אָראַנזשענע האַרבסט־בלעטער. פרייליך, ווי אַ טשיזשיק, האָט פראָמטאָוו גע־ פלאַפּלט, און איך האָב געהערט און האָב געטראַכט וועגן דעם פאַר מיר נייעם פאַראַזיט, וואָס גראָבט אונטער דעם פויערשן שפּינוועבס־ דיקן וואוילשטאַנד... ווען וועט מען שוין דעם פויער באַצאָלן מיט עפּעס גוטס פאַר אַלדאָס שלעכטע, מיט וועלכע מע באַלוינט אים אַזוי ברייט? אָט גייט לעבן מיר אַ פּראָדוקט פון דעם שטאָטישן לעבן, אַ ציניִשער און קלוגער אַוואַנטוריסט, וואָס לעבט אויף דעם חשבון פון די זאַפטן פון דעם דאָזיקן פויער, אַ וואָלף, וואָס איז זיכער אין זיין וועלפישן כּוח...

— הערט מיך אויס! — האָב איך זיך פּלוצלונג דערמאָנט אָן איין פאַל. — מיר האָבן זיך באַגעגנט ביי אַזעלכע אומשטענדן, וואָס צווינגען מיך שטאַרק צו צווייפלען אין דעם כּוח פון אַייער פּאַפּירל... מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס?

— ע! — האָט ער קלוגיטשקע געשמייכלט. — גאָר פּשוט — איך בין שוין איינמאָל געהאַט דורכגעגאַנגען די דאָזיקע ערטער... און ניט אַלעמאָל, ווייסט איר, איז באַקוועם צו דערמאָנען וועגן זיך...

זיין אָפנהאַרציקייט איז מיר געפעלן געוואָרן. אָפנהאַרציקייט — איז שטענדיק אַ מעלה, און ס'איז אַ גרויסער שאָד, וואָס מע טרעפט זי זעלטן צווישן אָנשטענדיקע מענטשן. און איך האָב זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו דעם אומגעצוואונגענעם פּלוידערן פון מיין באַגלייטער און זיך געפרווט פעסטשטעלן, צי איז ער טאַקע אין דער אמתן אַזאַ, ווי ער פאָזירט...

— אָט איז באַלד אַ דאָרף... אויב איר ווילט, וועל איך אַייך באַווייזן דעם כּוח פון מיין פּאַפּירל? — האָט פראָמטאָוו פאָרגעלייגט.

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן עקספּערימענט און האָב אים פאָרגעלייגט, ער זאָל מיר בעסער דערציילן, פאַרוואָס, אייגנטלעך, האָט מען אים מכבּד געווען מיט אַזאַ פּאַפּירל?...

— נו, דאָס, זעט איר, איז אַ לאַנגע געשיכטע! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. נאָר פונדעסטוועגן וועל איך אַייך

דערציילן... ווען-עס-איז. און דערווייל לאָמיר זיך צווערצן אָפּרוען און עפּעס איבערבייסן. שפּייז-מאַטעריאַל האָבן מיר גאַנץ גענוג, איז דאַרפן מיר, הייסט עס, דערווייל ניט גיין אין דאָרף און באַאומרויִקן דעם נאָענטן....

אָפּגייענדיק אָן אַ זייט פון וועג, האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און גענומען עסן. דערנאָך, אונטער דער ווירקונג פון די וואַרעמע זונען-שטראַלן און פון דעם בלאָזן פון דעם ווייכן ווינט, זיינען מיר געוואָרן פויל און זיך אויסגעצויגן און אַיינגעשלאָפן... און ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט, איז די זון, אַ פּורפּור-רויטע און אַ גרויסע, שוין געווען אויפן האָריזאָנט, און אויפן סטעפּ האָבן זיך אויסגעלייגט די שאָטנס פון דעם דרומדיקן אָוונט.

— נו, אָט זעט איר, — האָט פּראָמטאָוו דערקלערט, — ס'איז באַשערט, מיר זאָלן איבערנעכטיקן אין דעם דאָזיקן דערפל...

— לאָמיר גיין, כל-זמן ס'איז נאָך ליכטיק, — האָב איך פאָרגעלייגט.

— שרעקט זיך ניט! היינט 'נעכטיקן מיר אונטער אַ דאַך...

ער איז געווען גערעכט: באַלד אין דער ערשטער כאַטע, וואוהין מיר האָבן זיך אַריינגעשטופּט מיט דער בקשה, מע זאָל אונז לאָזן איבערנעכטיקן, האָט מען אונז גאַסטפריינדלעך אַיינגעלאַדן אַריינצוגיין.

דער באַלעבאָס פון דער כאַטע, אַ גרויסער און אַ גוטמוטיקער „טשאָלאָוויק”, איז נאָר-וואָס געקומען צו פאָרן פון פעלד, וואו ער האָט געאַקערט; זיין „זשינקאַ” האָט געקאָכט וועטשערע. פיר שמוציקע קינדערלעך האָבן זיך אויפגעדרענגט צוזאַמען אין אַ ווינקל פון שטוב, האָבן געקוקט פון דאָרט אויף אונז מיט נייגעריקע און ציטעריק-שעמעוודיקע בליקן. די געזונטע „זשינקאַ” האָט זיך שנעל און שווייגנדיק געוואָרפן פון שטוב אין פירהויז און צוריק, און האָט אַריינגעטראָגן — דאָס ברויט, דאָס קאַווענעס, דאָס מילך. דער באַלעבאָס איז געזעסן אַנטקעגן אונז אויף אַ באַנק און האָט זיך מיט התמדה געקראַצט אין קרייץ און האָט אויף אונז געוואָרפן פרעגנדיקע בליקן. באַלד האָט זיך פון זיין זייט געלאָזט הערן די געוויינלעכע פראַגע:

— וואוהין גייט איר?

— מיר גייען, גוטער מענטש, פון ים צו ים, ביז קיעוו דער שטאָט... — האָט פראָמטאָוו געענטפערט לעבעדיק מיט די ווערטער פון דעם אַלטן וויגליד...

— וואָס איז דען דאָרטן דאָ, אין קיעוו? — האָט, טראַכטנדיק אַ ווײַלע, געפרעגט דער „טשאַלאָוויק".

— און די הייליקע ביינער?

דער „טשאַלאָוויק" האָט אַ קוק געטאָן אויף פראָמטאָוון און, שווייגנדיק, אויסגעשפּיִיט. דאַן האָט ער, נאָך אַ פּויזע, געפרעגט:

— און פונוואַנען גייט איר?

— איך גיי פון פּעטערבורג, ער — פון מאָסקווע — האָט פראָמטאָוו געענטפערט.

— אָט-ווי? — האָט דער כאָכאָל אויפגעהויבן די ברעמען.— און וואָס איז דאָס פאַר אַ מין שטאָט פּעטערבורג? — מענטשן זאָגן, אַז זי איז אויסגעבויט אויפן ים... און אַז זי ווערט פאַרפלייצט....

ס'האָט זיך אויפגעעפנט די טיר, און צוויי פּויערים זיינען אַרײַנגעקומען...

— מיר זיינען געקומען צו דיר, מיכאַיל... — האָט איינער פון זיי דערקלערט.

— וואָס דאַרפט איר צו מיר!

— ס'איז אַזאַ ענין... וואָס זיינען דאָס פאַר אַ מענטשן?

— אָט די-אָ? — האָט דער באַלעבאָס געפרעגט און געוויזן אויף אונז מיטן קאָפּ.

— עהע!

דער באַלעבאָס איז אַנטשוויגן געוואָרן אַ ווײַלע, האָט אַ טראַכט געטאָן, האָט לאַנגזאַם אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און האָט געענטפערט:

— איך ווייס?

— איר זייט, קענטיק, וואַנדערער? — האָבן זיי בײַ אונז געפרעגט:

און ס'איז אָנגעשטאַנען אַ לאַנג שווייגן, בעת וועלכן די דריי פויערים האָבן אונז שטאַרק באַקוקט, מיט חשד און מיט נייגערי־קייט... ענדלעך האָבן זיך אַלע צעזעצט לעבן טיש און האָבן מיט התמדה געגומען פלעמען די בלוט־רויטע קאַוועגעס.....

— אפשר... קען עמעצער פון אײַך לייענען און שרייבן — האָט איינער פון די פויערים זיך געווענדט צו פראָמטאָוו.

— ביידע, — האָט פראָמטאָוו קורץ געענטפערט.

— איז ווייסט איר ניט אַמאָל אַ רפואה צו שטעכעניש אין רוקן, וואָס טוט מען, ווען ס'נעמט אַזוי שטאַרק שטעכן און ציען אין רוקן, אַז מען קען בײַנאַכט ניט שלאָפן?

— מיר ווייסן! — האָט פראָמטאָוו געזאָגט.

— וואָס?

פראָמטאָוו האָט לאַנג געקײַט דעם ברויט, דערנאָך האָט ער אָפּגעווישט די הענט אָן זײַנע טראַנטעס, דערנאָך האָט ער זיך פאַרקוקט אויף דער סטעליע און, ענדלעך, האָט ער שטרענג און מיט אַנטשלאָסנקייט גענומען ריידן:

— מע דאַרף אָנרייסן קראָפּעווע און הייסן דער ווײַב, זי זאָל מיט דער דאָזיקער קראָפּעווע אויסרייבן בײַנאַכט דעם רוקן, און דערנאָך אויסשמירן אים מיט מאָנאַייל און אויסרייבן מיט זאַלץ... דאָס איז אַלץ!

— איז וואָס וועט דערפון זײַן? — האָט זיך דער באַבאַל אינ־פאָרמירט.

— ס'וועט גאָרנישט ניט זײַן, — האָט פראָמטאָוו אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען.

— גאָרנישט?

— גאָר־גאָרנישט!

— וועט עס העלפן... אָבער?

— ס'וועט העלפן...

— כ'וועל פּרוּוון... כ'דאַנק אײַך...

— צו געזונט! — האָט פראָמטאָוו גאַנץ ערנסט צוגעוואָרטשן.

אַ לאַנג שטיל־שווייגן, אַ קנאַקן פון קאַוועגעס, אַ סודען זיך פון קינדער...

— הערט, — האָט דער באַלעבאָס געגומען ריידן, — וואָס הערט זיך... איר ווייסט גאָרנישט מכוח דעם.... אפשר האָט איך געכאַפּט אַ הער טאָן מיט אַ ברעג "אויער" אין פּעטערבורג, צי אין מאָסקווע... וועגן, הייסט עס.... וועגן סיביר... צי מע קען אויס־וואַנדערן אַהין, צי ניט? וואָרעם דער זעמסקער — ווער ווייס אים, צי ער זאָגט ליגן, צי ער זאָגט אמת — האָט געזאָגט, אַז מע קען אינגאַנצן ניט.

— מע קען ניט! — שניידט אָפּ פּראָמטאָוו, אַזוי ווי מיט אַ מעסער.

די פּויערים האָבן זיך איבערגעקוקט, און דער באַלעבאָס האָט אַ מורמל געטאָן אין וואָנץ:

— אַ פּראָש זאָל אַריין אין זייערע בייכער.

— מען קען ניט! — האָט פּראָמטאָוו ווידער געזאָגט, און פּלוצלונג איז זיין געזיכט געוואָרן עפּעס אַזוי באַגייסטערט... — און קענען קען מען ניט דערפאַר, — ווייל ס'איז ניטאָ נאָך וואָס צו פאָרן קיין סיביר, בשעת ערד איז אומעטום פאַראַן איבערגענוג!

— דאָס איז אַפילו אמת, אַז פאַר די טויטע איז אומעטום פאַראַן גענוג ערד.... אָבער פאַר די לעבעדיקע וואָלט מען באַדאַרפט... — האָט איין פּויער טרויעריק געזאָגט...

— אין פּעטערבורג איז באַשלאָסן געוואָרן, — האָט פּראָמטאָוו ווייטער גערעדט פייערלעך, — מע זאָל די גאַנצע ערד ביי די פּויערים און ביי די פּריצים צונעמען פאַר דער מלוכה.

די פּויערים האָבן ווילד אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן און געשוויגן. פּראָמטאָוו האָט זיי שאַרף אָנגעקוקט און האָט געפרעגט:

— צונעמען פאַר דער מלוכה — צו וואָס?

דאָס שווייגן איז געוואָרן זייער אָנגעשטרענגט, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז די פּויערים וועלן אָט־אָט פּלאַצן פון איבערראַשונג און דערוואַרטונג. איך האָב געקוקט אויף זיי און האָב קוים געקענט איינהאַלטן דעם כעס, וואָס פּראָמטאָוו האָט ביי מיר דערוועקט מיט זיין לוסטיק מאַכן זיך איבער זיי. נאָר אויפדעקן פאַר זיי זיינע פּרעכע ליגנס — וואָלט געהייסן ריזיקירן מיט זיינע ביינער.

האָב איך געשוויגן, דערדריקט פון דער אומגעלומפּערטער דילעמע.

— טאָ זאָגט שוין, גוטער מענטש! — האָט איינער פון די פּויערים, וואָס האָט זיך שיר ניט פאַרכליניעט, שטיל און ציטעריק געפרעגט.

— מען וועט אָפּנעמען צוליב דעם, כּדי מע זאָל די גאַנצע ערד קענען ריכטיק צעטיילן צווישן די פּויערים! דאָרטן האָט מען אָנערקענט, — פּראָמטאָוו האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט ערגעץ אין אַ זייט, — אַז דער אמתער באַלעבאָס פון דער ערד איז דער פּויער, איז אָט, האָט מען אָפּגעגעבן אַ באַפעל — ניט לאָזן קיין סיביר, נאָר וואַרטן אויף דער חלוקה...

ביי איין פּויער איז דאָס שטיק קאַוואָן אַזש אַרויסגעפאַלן פון די הענט. זיי האָבן אַלע געקוקט פּראָמטאָוון אין מויל אַריין מיט דאָרשטיקע אויגן און האָבן געשוויגן, פון גרויס איבערראשונג פון זייער וואונדערלעכע נייס. און דערנאָך — אין עטלעכע רגעם אַרום — האָבן זיך גלייכצייטיק דערהערט פיר אויסגעשרייען:

— מוטער הייליקע! — האָט דאָס ווייב אַרויסגעלאָזן אַ היסטערישן זיפץ.

— נאָר אפשר... זאָגט איר ליגן?

— זאָגט טאַקע, גוטער מענטש!

— איצט ווייס איך שוין, פאַרוואָס היינטיקס יאָר זיינען אַזעלכע ליכטיקע זונענאויפגאַנגען און זונענאונטערגאַנגען — האָט יענער כאַפּאַל, וועלכן ס'האָט ווי געטאָן דער רוקן, אויסגעשריען מיט איבערצייגונג.

— דאָס איז דאָך אָבער בלויז אַ קלאַנג, — האָב איך געזאָגט, — ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן...

פּראָמטאָוו האָט מיך אָנגעקוקט מיט אמתער איבערראַשונג, און האָט גענומען ריידן מיט היץ:

— ווי אַזוי איז דאָס אַ קלאַנג? ווי אַזוי איז דאָס אַ ליגן?

און פון זיינע ליפּן האָט זיך צעגאָסן אַ מעלאָדיע פון די סאַמע פּרעכסטע ליגנס, — וואָס זיינען געווען ווי זיסע מוזיק פאַר אַלע צוהערער, אויסער מיך. זיינע ליגנס האָבן אַמיזירט: די פּויערים, וואָס האָבן געוואָלט גלויבן, זיינען געווען גרייט אַריינשפּרינגען צו אים אין מויל אַריין. אָבער מיר איז געווען פּריקרע צו הערן דעם דאָזיקן באַגייסטערטן ליגן, וואָס האָט סוף-כּל-סוף אויף די דאָזיקע תמימותדיקע מענטשן געקענט ברענגען אַ גרויס אומגליק. בין איך אַרויס פון שטוב און זיך אַוועקגעלייגט אויפן הויף און געטראַכט: ווי אַזוי דעקט מען אויף די מיאוסע שפּיל פון מיין מיטגייער. זיין שטימע האָט לאַנג געקלונגען אין מיינע אויערן, דערנאָך בין איך איינגעשלאָפן...

מיט זונאויפגאַנג האָט מיך פּראָמטאָוו אויפגעוועקט.

— שטייט אויף, לאָמיר גיין! — האָט ער געזאָגט.

לעבן אים איז געשטאַנען דער באַלעבאָס פון הויז, און פּראָמטאָווס קלומעק האָט זיך געבראָכן פון פולקייט. מיר האָבן זיך מיט אים צעזעגנט און זיינען אַוועק. פּראָמטאָוו איז געווען פריילעך, האָט געזונגען, געפייפט און האָט געקוקט אויף מיר פון דער זייט מיט איראָניע. איך האָב באַטראַכט, וואָס איך זאָל מיט אים ריידן און האָב געשוויגן, און געשפּרייזט לעבנאַנאַנד מיט אים.

— נו, פאַרוואָס נעמט איר מיך ניט אויפן ציִמבל? — האָט ער פּלוצלונג געפרעגט.

— און איר אָנערקענט, אַז מען דאַרף? — האָב איך זיך טרוקן אינפאָרמירט.

— נו, פאַרשטייט זיך... איך פאַרשטיי אייך און ווייס, אַז איר דאַרפט מיך מוסרן..... איך קען אייך אַפילו זאָגן, ווי איר וועט דאָס טאָן. איר ווילט? אָבער — לאָזט עס בעסער. וואָס פאַר אַ שלעכטס שטעקט אין דעם, וואָס די פּויערים וועלן אַ ביסל פאַנטאַזירן? קליגער וועלן זיי דערפון ניט ווערן. און איך געווין דערפון. גיט נאָר אַ קוק, וואָס פאַר אַ פולן קלומעק זיי האָבן מיר אָנגעפּאַקט!

— אָבער איר קענט דאָך זיי ברענגען, ווער ווייסט צו וואָס!

— איך גלויב ניט אין דעם... און אַפילו אַז יאָ? איז וואָס גייט מיר אָן אַ פרעמדער רוקן? כ'וואָלט געווען צופרידן, איך זאָל

מײן אײגענעם קענען פֿאַרהיטן. דאָס איז טאַקע ניט מאָראַליש און ווידעראַמאָל, וואָס קימערט עס מיך, וואָס ס'איז יאָ מאָראַליש און וואָס ס'איז ניט מאָראַליש? איר דאַרפֿט מספּים זײן, אַז מיך אינטערעסירט עס לחלוטין ניט!

נו, וואָס? — האָב איך בײ זיך געטראַכט, — דער וואָלף איז גערעכט...

— לאָמיר זיך שוין אַפֿילו פֿאָרשטעלן, אַז דורך מיר וועלן זײ לײדן, אָבער דער הימל וועט דאָך נאָך דעם אויך זײן בלוי, און דער ים — געזאַלצן.

— איז ניט שוין=ושׂע אַרט אײַך ניט...

— פֿאַר מיר אַרט אויך קײנעם ניט... איך בין הפֿקר, ווי אַ גראָז אין פֿעלד, און יעדערער, ווען איך קום אונטער די פֿיס—דער שטויסט מיך אָפּ אָן אַ זײט...

ער איז געווען ערנסט און בײז=פּאַרטײיִש, און זײנע אויגן האָבן געפֿינקלט מיט נקמה.

— איך טו שטענדיק אַזוי און אַמאָל — נאָך ערגער... אין סאַראַטאָווער גובערניע האָב איך אײן פֿײערל רעקאָמענדירט אַלס סגולה צו בויכווייטאָג — ער זאָל טרינקען אײל, אײַנגעשטאַנען אויף שוואַרצע פֿרײסלעך... דערפֿאַר, וואָס ער איז געווען אַ קאַרגער. הײנט ווער קען דאָס אויסרעכענען, וויפֿל בײזע און קאָמישע זאַכן איך האָב אָפּגעטאָן פֿאַר דער צײט פֿון מײן וואַנדערן? וויפֿל נאַרישע גלײבענישן און תלומות איך האָב אַרײנגעפֿירט אין דעם גײסטיקן קרײז פֿון דעם פֿויער... און בכלל, שטער איך זיך ניט... צו וואָס זאָל איך זיך שטערן? צוליב וועלכע געזעצן, פֿרעג איך? ס'זײנען ניטאָ קײן אַנדערע געזעצן, אויסער די געזעצן, וואָס געפֿינען זיך אין מיר גופֿא! דאָס איז מײן איבערצײגונג.

— אָבער מיט וואָס באַרימט איר זיך דאָ אַזוי...

— פֿון אײער שטאַנדפּונקט — מיט דעם שלעכטס, נאַטירלעך... אָבער איך בין ניט קײן ליבהאָבער פֿון אָנשטענדיקע שטאַנדפּונקטן... און איך האַלט, אַז אויב עמעצער גיט מיר מיט אַ שטעקן, — דאַרף איך זיך ניט שטערן און צוריקגעבן מיט אַ שטעקן...

הערנדיק אים, האָב איך זיך בשעת־מעשה געטראַכט, אַז ס'וואָלט געווען זייער קלוג ניט פאַרגעסן, וואָס ס'שטייט אין דעם ערשטן קאַפּיטל תהילים, און אַוועקגיין פון דעם דאָזיקן זינדיקן מענטשן. מיר האָט זיך אָבער געוואָלט וויסן זיין געשיכטע.

אַ טעג דריי האָב איך נאָך פאַרבראַכט מיט אים, און אין די דאָזיקע דריי טעג האָב איך זיך איבערצייגט אין פיל זאַכן, וואָס פריער האָב איך זיך וועגן זיי בלויז געדאַרפט אָנשטויסן. אַזוי, אַ שטייגער, האָב איך זיך דערוואוסט, ווי אַזוי קומען צו פּראָמ־טאָוון אין קלומעק פאַרשיידענע אומגייטיקע און אַלטע זאַכן, ווי אַ שטייגער, אַ קופּערנער לייכטער, אַ דלאָט, שפּיצן אַ שטיקל, אַ מאָניסטאָ. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז איך ריזיקיר דאָ מיט מיינע ביינער און אַז איך קען אַמאָל אַריינפאַלן אין יענעם מקום, וואו עס פאַלן געוויינטלעך אַריין אַזעלכע קאָלעקציאָנערן, ווי פּראָמטאָוו. מען מוז זיך מיט אים צעשיידן... אָבער זיין לעבנס־געשיכטע!

.2

## זיין לעבנסגעשיכטע.

איז אָט איינמאָל, ווען אַ שטורעמווינט האָט געווילדעוועט און האָט געוואָרפן פון די פיס, און איך מיט פּראָמטאָוון האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ סטויג היי, כדי צו באַשיצן זיך פון דער קעלט, האָט מיר פּראָמטאָוו דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע.

נו, איז נעמען מיר דערציילן... איר זאָלט האָבן דערפון עפּעס אַ נוצן און אויך אַראָפּנעמען זיך אַ מוסר... כ'וועל אָנ־הייבן פון דעם טאַטן. מיין טאַטע איז געווען אַ שטרענגער און אַ גאָטספאָרכטיקער מענטש, האָט זיך צו זעכציק יאָר דערשלאָגן צו פולער פּענסיע און האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַ קליינער קרייז־שטאָט, וואו ער האָט זיך געקויפט אַ הייזל... און מיין מאַמע איז געווען אַ פרוי מיט אַ גוט האַרץ און מיט הייס בלוט.... אַזוי אַז ס'קען גרייליך געמאָלט זיין, אַז מיין טאַטע איז גאָר ניט מיין פאָטער. ער האָט צו מיר ניט געהאַט קיין שום אַכטונג, פאַר יעדע קליי‍ניקייט פלעגט ער מיך שטעלן אין ווינקל, אויף די קני, אָדער

ער פֿלעגט מיך גלאַט שלאָגן מיטן רימען. די מאַמע הערקעגן האָט מיך ליב געהאַט און מיט איר האָט זיך מיר געלעבט גוט. פֿאַר יעדעס קוויטעלע, וואָס זי פֿלעגט שיקן אַמאָל דורך מיר צו איר האַרצנס-פֿרײַנד — פֿלעגט זי מיך פֿײַן באַלוינען, און פֿאַר מײַן באַשיידנקייט — פֿלעגט זיך מיך באַזונדער באַלוינען. ווען דער טאַטע איז אַוועקגעפֿאָרן, בין איך געבליבן אין זעקסטן קלאַס גימנאַזיע און באַלד האָט מען מיך פֿון איר אויסגעשלאָסן דערפֿאַר, וואָס איך האָב פֿאַרביטן די לערער פֿון פֿיזיק... כ'האָב באַדאַרפֿט נעמען לעקציעס בײַ אונזער לערער, און האָב גאָר גענומען לעקציעס בײַ דעם אינספּעקטאָרס דינסט. דער אינספּעקטאָר האָט זיך דערפֿאַר אויף מיר באַליידיקט און האָט מיך דורכגעטריבן צום טאַטן. קום איך צו גיין צום טאַטן און דערצייל אים, הייסט עס, די מעשה, אַז צוליב אַ סיכסוך מיטן אינספּעקטאָר האָט מען מיך אויסגעשלאָסן פֿון דעם טעמפּל פֿון וויסנשאַפֿט. און דער אינספּעקטאָר, ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן צום טאַטן אַ בריוו און דערציילט די גאַנצע מעשה, ער האָט אָבער געטאָן מעשה-חכם און האָט פֿאַרשוויגן די געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט מיך געפּאַקט אויפֿן אָרט פֿון פֿאַרברעכן, אין דער דינסטס צימער, ווי אַזוי ער איז אַליין געקומען בײַנאַכט, און דערצו נאָך אין אַ כאַלאַט, און אַז בעת ער איז אַרײַן, האָט ער געשעפּטשעט: דוניעלע? נאָר דאָס איז שוין זײַן זאַך. דער טאַטע, אַז ער האָט מיך באַגעגנט, האָט ער מיך, פֿאַרשטייט זיך, גענומען זידלען מיט ניט קיין שיינע ווערטער, און די מאַמע אויך. האָט מען מיך געזידלט, געזידלט, אַזוי לאַנג, ביז מע האָט באַשלאָסן מיך אַוועקצושיקן קיין פּסקאָוו, וואו דער טאַטע האָט געהאַט אַ ברודער. האָט מען מיך פֿאַרשיקט קיין פּסקאָוו; זע איך: דער פֿעטער איז אַ שלעכטער און אַ נאַרישער מענטש, נאָר די שוועסטערקינדער זײַנען שיינע. — נו, ווײַבאַלד אַזוי, קען מען דאָך, הייסט עס, לעבן. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז איך בין דאָ אויך, ווי אַ פֿינפֿטער ראָד צום וואָגן. אין דרײַ חדשים אַרום האָט דער פֿעטער מיך באַשולדיקט, אַז איך פֿיר אָן אויסגעלאַסן לעבן און אַז איך האָב אויף זײַנע טעכטער אַ שלעכטע ווירקונג, און האָט מיר געגעבן אַ פֿור מיט אַ גלעקל.

האָט מען מיך ווידער גוט אויסגעזידלט און ווידער פאַרשיקט — דאָס מאָל שוין אין אַ דאָרף צו אַ מומען, אין ריאַזאַנער גובערניע. די מומע איז געווען אַ וואוילע און אַ פריילעכע פּרויענצימער, שטעדיק פלעגט ביי איר זיין אָן אַ שיעור יונגעלייט! נאָר אין יענער צייט זיינען אַלע געווען אָנגעשטעקט מיט דער נאַרישער מאָדע צו לייענען פאַרווערטע ביכלעך... טוז!.... און מע האָט מיך אַריינגעפּאַקט אין טורמע, וואו איך בין אָפּגעזעסן, מן־הסתם, אַ חדשים פיר. שרייבט מיר די מאַמע, אַז איך האָב זי דערהרגעט, דער טאַטע גיט מיר צו וויסן, אַז איך האָב אים אַרויסגעליגט אַ שאַנד־פלעק... זייער לאַנגווייליקע עלטערן ביי מיר געווען!

הערט איר, ווען מע וואָלט מענטשן געגעבן די פרייהייט זיך אַליין אויסצוקלייבן עלטערן, וואָלט עס געווען אַ סך באַקוועמער, ווי ס'איז איצט איינגעפירט—ניט אמת? נו, האָט מען מיך אַרויסגעלאָזן פון טורמע, און איך בין אַוועקגעפאָרן קיין ניזשני־נאָווגאָראָד, וואו מיינע אַ שוועסטער האָט חתונה געהאַט. און די שוועסטער איז געווען אַ מטופּלע מיט קינדער און איז מחמת דעם געווען בייז... וואָס טוט מען? האָט מיר גאָט צוגעשיקט דעם יאַריד — בין איך אָנגעקומען אין כאָר פאַר אַ זינגער. אַ שטימע האָב איך געהאַט אַ גוטע, אַ שיינער יונג בין איך געווען, האָט מען מיך געמאַכט פאַר אַ סאָליסט, און איך זינג זיך... איר מיינט אפשר, אַז איך האָב געשיכורט? האָט איר אַ טעות. איך טרינק אַפילו איצט אויך ניט, סיידן אַמאָל — זייער זעלטן, איז דאָס בלויז אויף צו דערוואַרעמען זיך. איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין שיכור.... איבעריקנס, וואָלט איך זיך אפשר יאָ אָנגעשיכורט — ווען ס'וואָלטן געווען גוטע ווייגען— אַ שטייגער, שאַמפּאַניער. מאַרסאַלע מעגט איר מיר געבן וואָס מערער,— כ'וועל זיך אומבאַדינגט איינשיכורן, דען כ'האָב אים ליב, אַזוי ווי פרויען. פרויען האָב איך ליב ביז משוגעת... און אפשר האָב איך זיי פיינט... ווייל ווי איך באַקום פון דער פרוי אַליין, וואָס איך באַדאַרף, דערשפּיר איך תיכף אַן אומגעהייער־שטאַרקן פאַרלאַנג אָפּצוטאָן איר עפּעס אַ מיאוסע זאַך — אַזאַ מין זאַך, אַז ניט קיין ווייטאָג און ניט קיין בזיון זאָל זי פילן, נאָר איר זאָל זיך דוכטן, אַז איך האָב אין איר בלוט און אין דעם מאַרך פון די ביינער אַריינגעלאָזן אַזאַ

שטינקעדיקן און עקלהאַפטן גיפט, אַז דאָס גאַנצע לעבן אירס זאָל זי טראָגן אין זיך דעם עקל פון דעם דאָזיקן גיפט און זאָל אים שפּירן יעדע מינוט.... נ־יאָ! פאַרוואָס בין איך דאָס אויף זיי אַזוי בייז — ווייס איך אַליין ניט און קען זיך דאָס ניט דערקלערן... זיי זיינען שטענדיק געווען גוט צו מיר, ווייל איך בין געווען שיין און דרייסט. אָבער פאַלשע זיינען זיי! איבעריקנס, כאַפּט זיי דער טייוול! כ׳האָב ליב, ווען זיי וויינען און קרעכצן, — דו קוקסט זיך צו, דו הערסט זיך איין און דו טראַכטסט ביי זיך: אַהאַ, דער הונט איז ווערט דעם שטעקן!...

— נו, איז אָט — זינג איך זיך מיר אַזוי און ס׳איז מיר גוט, כ׳לעב זיך פריילעך. קומט צו מיר אַמאָל עפּעס אַ געגאָלטער פאַרשוין און פרעגט מיך: „אויף דער בינע האָט איר קיינמאָל ניט געפּרוווט שפּילן?“ כ׳האָב געשפּילט אין היימישע ספּעקטאַקלען...צי וואָלט איך ניט געוואָלט שפּילן וואָדעוויל־ראָלן פאַר פינף רובל אַ חודש? נו, זיינען מיר אַוועקגעפאָרן קיין פּערם. איך שפּיל און זינג אין דיווערטיסמענטן—מיט אַן אויסזען פון אַ היציקן ברונעט און מיט אַ פאַרגאַנגענהייט פון אַ פּאָליטישן פאַרברעכער; זיינען די דאַמען פון מיר אין התפּעלות. גיט מען מיר די ראָלע פון אַ צווייטן ליבהאָבער — שפּיל איך. פּרוּווט — זאָגט מען מיר — שפּילן העלדנראָלן. אין די „בלאָנדזשענדיקע פייערן“ פּרוּוו איך שפּילן די ראָלע פון מאַקסן און — איך שפּיר דאָס אַליין — ס׳איז אַרויס גוט! האָב איך אַזוי אָפּגעשפּילט אַ גאַנצן סעזאָן, און זומער האָט זיך צונויפגעשטעלט אַ זעלטן־פריילעכער טורנע, מיר האָבן געשפּילט אין וויאַטקע, מיר האָבן געשפּילט אין אופע, אַפילו אין יעלאַבוג האָבן מיר געשפּילט. אויף ווינטער האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין פּערם.

און אָט־דעם ווינטער האָב איך דערשפּירט אַ האַס און אַן עקל צו מענטשן. ווי דו גייסט נאָר אַרויס אויף דער בינע, אַזוי שטעקן אין דיר הונדערטער טיפשים און פּאַסקודניקעס אַ־יין זייערע אויגן — און איבער דיין לייב לויפט דורך אַזאַ מין קנעכטישער, פּחדנישער ציטער און נעמט דיך צופּן, גלייך דו וואָלסט זיך אַריינגעזעצט אין אַ מוראַשניק. זיי קוקן אויף דיר, ווי אויף זייערס אַ שפּילעכל, ווי אויף אַ חפץ, וואָס מע האָט געקויפט בלויז אויף איין אָוונט. ס׳ווענדט

זיך אָן זיי, צו טאַדלען דיך אָדער צו לויבן דיך... אָט שפּירן זיי זאַך — צי דו ברעכסט זיך גענוג פֿלייסיק פֿאַר זיי? און אויב זיי געפֿינען, אַז גענוג — שרייען זיי, ווי די אָקסן, זיי שרייען און דו הערסט זיי און שפּירסט זיך צופֿרידן פֿון זייער לויב. אויף אַ ווײַלע פֿאַרגעסטו, אַז דו ביסט זייער אייגנטום... דערנאָך דערמאָנסטו זיך און דערפֿאַר, וואָס דיר איז אָנגענעם געווען זייער לויב, ביסטו קאַפּאַבל זיך אַליין אויסצופּאַטשן....

ס׳פֿלעגט מיך אַזש טרייסלען פֿון דעם דאָזיקן עולם, אַזוי עקל־האַפֿט איז ער מיר געווען. און אָפֿטמאָל האָט זיך מיר געוואָלט אַ שפּיי טאָן אויף אים פֿון דער בינע, אויסזידלען אים מיט די ציניש־סטע ווערטער. ס׳פֿלעגט טרעפֿן: דו שפּירסט, אַז זיינע אויגן שטעכן זיך אַרײַן אין דײַן קערפּער, אַזוי ווי שפּילקעס, און וואַרט אַזוי זשעדנע, דו זאָלסט אים נעמען קיצלען... ער וואַרט מיט דער זיכער־קייט פֿון יענער פּריצטע, וואָס אירע שטוב־מיידלעך פֿלעגן איר אַלע נאַכט קראַצן די פּיאַטעס... דו שפּירסט, ווי ער וואַרט, און דו טראַכסט זיך בשעת־מעשה, ווי גוט וואָלט געווען צו האָבן איצט אין האַנט אַזאַ לאַנגן מעסער, מיט וועלכן מע זאָל מיט איינמאָל קענען אַראָפּ־האַקן די נעזער בײַ דער גאַנצער ערשטער ריי צושויער... דער טײַוול זאָל זיי אַלעמען נעמען!

נאָר מיר דוכט, אַז איך בין פֿאַרקראָכן אין פּאָעזיע? איז, הייסט עס, שפּיל איך, און האָב פֿײַנט דעם פּובליקום, און וויל פֿון אים אַנטלויפֿן. אין דעם איז מיר געקומען צו הילף די פֿרוי פֿון דעם הער פּראָקוראָר. זי איז מיר ניט געפֿעלן געוואָרן, און דאָס האָט איר ניט געשמעקט. האָט זי זיך אַ נעם געטאָן צו איר מאַן, און מיט איין מאָל, איך גיב אַ קוק — איך בין אין סאַראַנסק — גלײַך אַ שטויבעלע, וואָס ווערט געטראָגן פֿונם ווינט, אַזוי האָט עס מיך אַוועק־געטראָגן פֿון די ברעגעס פֿון דער טײַך קאַמע. עכמאַ! אַלץ איז ווי אַ חלום אין דעם דאָזיקן מיאוסן לעבן.

זײַן איך מיר אַזוי אין סאַראַנסק און מיט מיר צוזאַמען זיצט אויף די פֿרוי פֿון אַ פּערמער סוחרישן יונגנמאַן. אַ הייבל איז זי געווען אַן אַנטשלאָפֿענע און האָט זייער ליב געהאַט מײַן קונסט. איז אָט זיץ איך מיט איר, הייסט עס. קיין געלט האָבן מיר ניט,

קיין באַקאַנטע האָבן מיר אויך ניט. איז מיר געוואָרן לאַנגווייליק, און איר — אויך. האָט זי מיר אויס לאַנגווייליקייט גענומען דערקוטשען, אַז איך ליב זי ניט. תחילת האָב איך גוואַלטיק געליטן, נאָר דערנאָך איז דאָס מיר נימאס געוואָרן און איך האָב איר געזאָגט: גיי צו אַלדי־רוחות! אַזוי גאָר? — זאָגט זי. כאַפּט זי אַ רעוואָלווער און טראַך אין מיר... גלייך אין פּלייצע האָט זי מיר אַריינגעדאַקט אַ קויל; ווען איין האָרעלע נידעריקער — וואָלט איך שוין לאַנג געווען אין גן־עדן. נו, בין איך, נאַטירלעך, אַנידערגעפאַלן. און זי האָט זיך דערשראָקן, און פון שרעק איז זי אַריינגעשפּרונגען אין אַ ברונים.

האָט זי זיך דאָרטן צעווייקט אויף טויט.

און מיך האָט מען אַריינגעבראַכט אין שפּיטאָל. נו, האָבן, פאַרשטייט זיך, צו מיר גענומען גיין דאַמען — עסן געבן ביסטו זיי ניט מחויב, זיי באַדאַרפן בלויז האָבן, זיי זאָלן קענען אַרומשמייען אַרום עפּעס אַ ליבעס־ענין. האָבן זיי אַרומגעשמייעט אַרום מיר, ביז איך בין גענעזן געוואָרן, און אַז איך בין גענעזן געוואָרן, האָט מען מיך באַשטימט פאַר אַ סעקרעטאַר אין דער פּאָליציי. געוויס — זיין אָנגעשטעלט אין דער פּאָליציי איז אַ סך בעסער, ווי זיין אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי. און אָט אַזוי לעב איך זיך מיר אַ חודש און צוויי... און דריי...

און דווקא אין די טעג, האָב איך דערשפּירט, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, ווי עס באַפאַלט מיך אַ דריקנדיקער לאַנגווייל, וואָס צעברעכט די נשמה... די דאָזיקע שטימונג איז פון די סאַמע עקלהאַפטסטע און זי זיינען ביכולת צו מאַכן פון אַ מענטשן אַ קאַליקע... אַלץ אַרום דיר הערט אויף צו זיין אינטערעסאַנט, און ס'ווילט זיך עפּעס נייס. דו וואַרפסט זיך אויף אַלע זייטן, דו זוכסט, זוכסט, געפינסט עפּעס — נעמסט עס און באַלד זעסטו, אַז ס'איז גאָר ניט דאָס, וואָס דו דאַרפסט... דו שפּירסט, ווי עפּעס אַ פינסטערער כוח וואָלט דיך געהאַלטן אין קלעם, דו שפּירסט, ווי דו וואָלסט געווען אינעווייניק געבונדן, און ביסט ניט פעיק צו לעבן אויף דער וועלט מיט זיך אַליין... און די דאָזיקע וועלט איז אַמנייטיקסטן פאַר דעם מענטשן! אַן עקלהאַפטע לאַגע...

און זי האָט מיך געבראַכט דערצו, אַז איך האָב חתונה געהאַט. אַזאַ טאַט פון אַ מענטשן מיט מיין כאַראַקטער האָט בלויז געקענט געמאָלט זיין אויס אומעט אָדער אויס שיכּרות. מיין פרוי איז געווען אַ פּאָפּס אַ טאָכטער; זי האָט געוואוינט מיט דער מוטער — איר פאָטער איז געשטאָרבן — און האָט געהאַט פולע פרייהייט. זי האָט געהאַט איר אייגן הויז, מע קען אַפילו זאָגן אַ הויז, האָט אויך געהאַט געלט. אַ מיידל איז זי געווען אַ שיינע, ניט קיין נאַרישע, אַ פריילעכע, נאָר האָט שטאַרק ליב געהאַט צו לייענען ביכלעך, און דאָס האָט שלעכט געווירקט סיי אויף איר, סיי אויף מיר. זי פלעגט שטענדיק אַרויסנעמען פון די ביכלעך פאַרשיידענע לעבנס־כּללים; אָט פּאַקט זי עפּעס אַ כּלל און קומט תיכּף מיט דעם צו מיר. פון מיין פריסטער יוגנט אָן האָב איך פיינט געהאַט מאָראַל, ווי דעם טויט... האָב איך זי תּחילת אויסגעלאַכט, נאָר דערנאָך איז מיר נימאס געוואָרן זי צו הערן... איך זע, ווי זי פּוצט זיך שטענדיק אין פאַרשיידענע ביכערדיקע פאַנטאַזיעס... און צו אַ פרוי קליידט אַזוי די חכמה פון ביכער, ווי צו אַ חזיר — אַ זאָטל. האָבן מיר זיך גענומען איבערהווערטלען....דערווייל האָב איך זיך באַקענט מיט אַ פּאָפּ; ס'איז דאָרטן געווען אַזאַ פּאָפּ—אַן אויסגעלאַסענער, האָט געקענט שפּילן אויף אַ גיטאַרע, האָט געקענט זינגען — האָט זעלטן־גוט געקענט אָפּקנאַקן אַ האָפּקע און וואָס שייך אַריינגיסן, איז ער ממש געווען אַ מייסטער... פאַר מיר איז ער געווען — דער בעסטער מענטש אין שטאָט, ווייל מיר איז שטענדיק פריילעך געווען מיט אים, און זי זידלט מיך צוליב אים און וויל מיך אַליין אַריינציען אין איר געזעלשאַפט, וואָס איז באַשטאַנען פון פאַרשיידענע ביכער־קוועטשער און וואוילגעלערנטע. אינאָוונט פלעגן צו איר קומען אַלע ערנסטע און בעסטע מענטשן פון שטאָט, ווי זי פלעגט זיי רופן... און פאַר מיר זיינען זיי געווען אַזוי ערנסט, גלייך זיי וואָלטן געווען דערוואָרגענע. כ'האָב אַליין אויך ליב געהאַט צו לייענען אין יענער צייט, אָבער אויפגעגן זיך פון דעם, וואָס כ'האָב געלייענט, האָב איך קיינמאָל ניט געקענט; און בכלל פאַרשטיי איך ניט, צו וואָס דאַרף מען דאָס. — און זיי — דאָס ווייב מיט אירע באַקאַנטע, — ווען זיי פלעגן איבערלייענען

עפּעס אַ ביכל, פלעגן זיי ווערן אַזוי אומרויִק, גלייך יעדערער פון זיי וואָלט זיך צו הונדערט מאָל מיט עפּעס אײַנגעשטאָכן. און בײַ מיר קומט אויס אַזוי: אַ ביכל? זייער וואויל! אַ אינטערעסאַנט ביכל? נאָך בעסער! אָבער יעדעס ביכל האָט דאָך געשריבן אַ מענטש, און העכער פון זיין קאָפּ קען ער ניט גרייכן. אַלע ביכלעך ווערן געשריבן מיט איין ציל: אַלע ווילן באַווייזן, אַז דאָס גוטע איז גוט, און דאָס שלעכטע — איז שלעכט. און צי דו לייענסט איבער איין ביכל, צי דו לייענסט איבער טויזנט — די זעלבע זאַך. דאָס ווייב פלעגט פרעסן די ביכער צענדליקערווייז... ביז איך האָב איר איינמאָל גאָר פשוט געזאָגט, אַז מיר וואָלט זיך געלעבט אַ סך בעסער, ווען איך וואָלט חתונה געהאַט מיטן פּאָפּ. בלויז דער פּאָפּ האָט מיך געראַטעוועט פונם לאַנגווייל, וואָרעם אָן אים וואָלט איך געווים אַנטלאָפן פון דער ווייב...

ס'פלעגט טרעפן אַמאָל, אַז די וואוילגעלערנטע פלעגן זיך צונויפקומען צו איר — פלעג איך גלייך אַוועק צום פּאָפּ. אַזוי האָב איך אָפּגעלעבט אָנדערטהאַלבן יאָר. אויס לאַנגווייליקייט האָב איך מיטן פּאָפּ גענומען אָפּריכטן תּפילות אין קלויסטער. דאָס פלעג איך לייענען די עוואַנגעליע, דאָס, שטייענדיק אויפן קליראָס, פלעג איך זינגען: „פון מיין יוגנט אָן ראַנגלען זיך מיט מיר אַ סך תּאוות“.

כ'האָב זיך אַ סך אָנגעליטן פאַר דער דאָזיקער צייט און אין אַ סך זאַכן וועט מען מיר אויפן עולם־האמת געבן גערעכט פאַר דער דאָזיקער געדולד מיינער. אָבער אָט איז צום פּאָפּ געקומען צו פאָרן זיינע אַ פּלימעניצע; געקומען איז זי, ערשטנס, ווייל ער איז געווען אַן אַלמן, און אויך צוליב דעם, וואָס די חזירים האָבן אים אויפגעגעסן, דאָס הייסט ניט אינגאַנצן אויפגעגעסן, נאָר פאַרקריפּלט זיין פיזיאָנאָמיע. ער איז, פאַרשטייט איר מיך, איינמאָל שיכורערהייט אַנידערגעפאַלן אויפן הויף און איז אײַנגעשלאָפן, זיינען אויפן הויף געקומען חזירים און האָבן אים אָפּגעגריזשעט אַן אויער, אַ באַק און די האַלז. ס'איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז אַ חזיר עסט אַלערליי פּאַסקודסטווע. דער פּאָפּ האָט זיך די מעשה שטאַרק גענומען צום האַרצן און איז קראַנק געוואָרן און האָט אײַנגעלאַדן די פּלימעניצע, די זאָל אַרומגיין אַרום אים, און איך — אַרום איר. נו,

האָבן מיר זיך מיט גרויס חשק גענומען צו דער אַרבעט און — ס'איז אַוועק ניט שלעכט. אָבער מיין פרוי האָט זיך דערוואוסט פון דער גאַנצער מעשה, און האָט מיך, ווי דער שטייגער איז, גענומען זידלען. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? האָב איך זי צוריק גענומען זידלען. זאָגט זי צו מיר: אַרויס פון מיין שטוב! האָב איך זיך מיישב געווען און בין מיר שטילערהייט אַוועק — אינגאַנצן אַוועק פון שטאָט. אָט אַזוי האָב איך לויז געמאַכט די קניפּלעך פון מיין חתונה=בונד... אויב זי לעבט נאָך, מיין פרוי, האַלט זי מיך געוויס פאַר אַ געשטאָרבענעם. כ'האָב קיינמאָל ניט געשפּירט דעם מינדסטן פאַרלאַנג צו זען זי... כ'רעכן, אַז זי האָט מיך אויך שטאַרק פאַרגעסן און לעבט זיך אין פרידן! זי האָט מיר בשעתו שוין צופיל דערעסן...

אַזוי אַרום, בין איך, שוין ווידער אַ פרייער, געקומען קיין פענזע. שטופּ איך זיך אין דער פּאָליציי — ניטאָ קיין שטעלע, פרווו איך אַהין=אַהער — ניטאָ! בין איך אָנגעקומען פאַר אַ פּסאַלם=זינגער... אָנגעקומען — און זינג, און זאָג. אין קלויסטער אָבער איז ווידער דאָ אַן עולם, און ווידער נעמט מיך פון אים עקלען. מיין פאַרדינסט איז אַ קליינער, און זעלבשטענדיק בין איך ניט. איז מיר געווען שלעכט. נאָר איין סוחרס אַ פרוי האָט מיר אַרויסגעהאָלפן. געווען איז זי אַ דיקע, אַ גאָטספאָרכטיקע פרוי, און איר האָט זיך געלעבט זייער לאַנגווייליק. איז אָט האָט זי מיך אויסדערוויילט, איך זאָל זי האַלטן אין פרומקייט. האָב איך גענומען צו איר גיין, און זי מיך — קאָרמען! איר מאַן האָט זיך געפונען אין אַ משוגעים=הויז, און זי אַליין האָט געפירט אַ גרויסן מעל=געשעפט... האָב איך זיך פאָרזיכטיק צוגעלאַזירט צו איר: ס'איז שווער, סקעלעטעאַ קירילאָוונאַ! ס'איז שווער, זאָגט זי. טאָ נעמט מיך פאַר אַ געהילף: ווערט מיך, זאָגט זי — באַשוינדלען, און האָט מיך פאַרשטייט זיך, דאָך גענומען. דאָ האָב איך גענומען לעבן גאָר וואויל; אָבער די שטאָט איז געווען אַ פאַסקודנע! ניט קיין טעאַטער, ניט קיין לייטישער האָטעל, ניט קיין אינטערעסאַנטע מענטשן... נו, פאַרשטייט זיך, אַז מיר איז געוואָרן אומעטיק. ס'איז מיר געוואָרן אומעטיק און איך שרייב צום פעטער אַ בריוו: פאַר די פינף יאָר,

װאָס איך בין ניט געװען אין פּעטערבורג, האָב איך זיך הײסט עס, באַדאַכט. זײט מיר מוחל פאַר מײנע שלעכטע מעשים, מער װעל איך שױן קײנמאָל און גאָרנישט ניט טאָן אַזעלכעס. און אַגב פרעג איך אָן — צי װאָלט איך ניט געקענט אַראָפּפאָרן קײן פּיטער ?*) ענטפערט מיר דער פעטער: פאָר אַראָפּ — אָבער מיט קאָפּ. דאָ.... בין איך אַװעק פון דעם סוחרס פרוי.

איר װײסט, זי איז געװען אַ נאַרישע, אַ דיקע, אַ געזונטע און ניט קײן שײנע פרוי. כ'האָב געהאַט זײער שײנע געליבטע פרויען... געװען בײ מיר עלעגאַנטע און קלוגע װײבעלעך..... נ״אָ. אָבער שטענדיק פלעג איך מיאוס אָפּשנײַדן מיט זײ: אָדער איך פלעג זײ דורכטרײבן מיט כעס און מיט פאַראַכטונג, אָדער זײ פלעגן מיר אָפּטאָן עפּעס אַ חזירײ. און די־אָ, סקעלעטעאַ, האָט בלויז מיט איר פּשוטקײט געװירקט, איך זאָל צו זיך אַלײן האָבן רעספּעקט. זײ געזונט! — זאָג איך איר. גײ געזונט, זאָגט זי, מײן האַרציקער! גאָט זאָל דיר געבן גליק! ... ניט שױן־װשע טוט דיר ניט באַנג, װאָס מיר צעשײדן זיך? װי זאָל מיר ניט באַנג טאָן אַזאַ פאַרשױן און אַזאַ חכם? אײביק, זאָגט זי, װאָלט איך זיך מיט דיר ניט צעשײדט, אָבער מע מוז... איך פאַרשטײ דיך, זאָגט זי, — דו ביסט אַ פרײ פײגעלע; איז פלי זיך דיר געזונטערהײט! און גיסט דערבײ מיט ביטערע טרערן... נו, זאָג איך, סקעלעטעאַ, זײ מיר מוחל! װאָס רעדסטו? — זאָגט זי — אַ דאַנק באַדאַרף איך דיר זאָגן, ניט מוחל זײן. װאָס אַ דאַנק? פאַרװאָס אַ דאַנק? װי־װשע דען? — זאָגט זי. דו ביסט דאָך אַזאַ מענטש — װען דו װאָלסט געװאָלט, װאָלסטו דאָך מיך געקענט בדלות שטעלן, איך בין דאָך אינגאַנצן געװען אין דײנע הענט, װי דו װאָלסט געװאָלט, אַזױ װאָלסטו מיך געקענט באַדרײבן, און איך װאָלט דיך ניט געשטערט — האָסט דאָס געװאוסט. און פונדעסטװעגן גײסטו אַװעק, װי אַן ערלעכער מאַן... און איך װײס, װיפל דו האָסט בײ מיר אָנגעלעבט פאַר דער דאָזיקער צײט — אַרום פיר טױזנט רובל סך־הכל. אַן אַנדערער אױף דײן אָרט װאָלט אױפגעגעסן די גאַנצע קאַשע און נאָך צעבראָכן דעם טעלער...נ״אָ־יאָ...

*) = פּעטערבורג.

אַט וואָס זי האָט געזאָגט... עך, אַ וואוילע פרויענצימער געווען!.... האָבן מיר זיך צעקושט און מיט רעספּעקט צו איר, מיט אַ לייכט האַרץ און מיט פינף טויזנטער אין קעשענע — זי האָט ניט ריכטיק באַרעכנט — בין איך געקומען קיין פּיטער. לעב איך זיך מיר, ווי אַ פּריץ, גיי אין טעאַטער, שלים באַקאַנטשאַפט, שפּיל טיילמאָל אויס לאַנגווייליקייט אויף דער בינע, נאָר מער פאַר אַלץ — אין קאָרטן. די בעסטע פּראָפעסיע איז קאָרטן: דו זיצסט זיך, לעבן טיש און צען מאָל אויף אַ ווײַלע שטאַרבסטו און שטייסט אויף תּחית־המתים. ס'איז בעסער, ווען מען ווייס, אַז ואָט־באַלד, אין אַ מינוט אַרום, וועסטו זיך מוזן זעגענען מיט דיין לעצטן רובל און דאַן קענסטו גיין אויפן גאַס, ווי אַ בעטלער — גנבענען, אָדער שיסן זיך. ס'איז אויך גוט, ווען דיין שכן אָדער פּאַרטנער שפּירט דאָס זעלבע ווען לעצטן רובל, וואָס דו האָסט אַליין פריער געשפּירט. צו זען רויטע און בלאַסע איינגערעגטע פּנימער, וואָס פלאַטערן פון שרעק, טאָמער פאַרשפּילן זיי, און פון גייציקייט צו געלט — צו קוקן אויף זיי! און שלאָגן זייערע קאָרטן איינס נאָך איינס... אַך, ווי וואונדערלעך דאָס רעגט די בלוט און די נערוון! דו שלאָגסט די קאָרט, — און ס'איז אַלץ איינס, ווי דו וואָלסט הייסע שטיקער פלייש געריסן פון דעם מענטשנס האַרץ צוזאַמען מיטן בלוט און מיט די נערוון... אַך, ווי זאַפטיק! אָט־די שטענדיקע ריזיקע, טאָמער פאַלסטו — איז די העכסטע אינס מענטשנס לעבן..... און דער בעסטער געדאַנק איז אויסגעדריקט אין די ווערטער:

ס'איז אויך גענוס פאַראַן אין שלאַכט,
אויף ברעג פון תּהומען — שוואַרץ ווי נאַכט!

אַ גרויסער גענוס איז פאַראַן אין דעם... און בכלל, גוט קען מען זיך פילן בלויז דאַמאָלסט, ווען דו ריזיקירסט מיט עפּעס. וואָס מער דו ריזיקירסט — אַלץ מער לעבן איז דאָ פאַראַן... ס'איז אַייך אויסגעקומען ווען צו הונגערן? מיר איז אַמאָל אויסגעקומען צוויי מעת־לעת נאָכאַנאַנד ניט צו עסן... איז אָט, ווען דער מאָגן הייבט אָן עסן זיך אַליין, ווען דו שפּירסט, ווי דיינע געדערעם נעמען טריקענען פון הונגער, — דעמאָלט ביסטו גרייט פאַר אַ שטיקל ברויט צו דער־

דערהרגענען אַ מענטשן, אַ קליין קינד... ביסט גרייט אויף אַלץ, — אין דער דאָזיקער גרייטקייט צו באַגיין אַ פֿאַרברעכן איז פֿאַראַן אַ באַזונדער פּאָעזיע... דאָס איז אַ גאַנץ ווערטפֿולע שפּירונג און אַז מע לעבט דאָס איבער, הייבסטו זיך אַליין אָן מערער צו אַכטן.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער פֿילפֿאַרביקער דערציילונג, זי שלעפּט זיך שוין אַזוי אויך, ווי אַ לוויה, אין וועלכער איך פֿאַרנעם דעם אָרט פֿון דעם מת. טפֿו! וואָס פֿאַר אַ ווילדער פֿאַרגלייך! מיר קען אַרויסקומען אויפֿן זינען! און ס'איז טאַקע אַ ריכטיקער פֿאַרגלייך אויך... אָבער דערפֿון ווערט מען פֿונדעסטוועגן ניט קליגער... ביי הער באַלזאַקן איז ערגעץ פֿאַרהאַן אַ זייער ריכטיקער און טרעפֿלעכער אויסדרוק — „ס'איז נאַריש, ווי אַ פֿאַקט". נאַריש? זאָל זיין נאַריש! וואָס איז מיר די נפֿקא=מינה, צי נאַריש, צי קלוג? הכּלל, זיך איך, הייסט עס, אין פּעטערבורג. פּעטערבורג איז אַ ווײַלע שטאָט, נאָר זי וואָלט געקאָנט זיין צוויי מאָל בעסער, ווען מען וואָלט אַ העלפֿט אַיינוואוינער דערטרונקען אין דעם עקלהאַפֿטן ים, וואָס בושעט זיך לעבן איר. איז לעב איך מיר, הייסט עס, און טו פֿאַרשיידענע מעשׂים, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מענטשן. בין איך געפֿעלן געוואָרן איין דאַמע, און זי האָט מיך צוגענומען צו זיך אויף אַלעם פֿאַרטיקן... איר האָט אַמאָל געפּרוווט אויסגעהאַלטן ווערן פֿון אַ פֿרוי? פּרוווט, ס'איז אינטערעסאַנט, — אין דער זעלבער צייט זייט איר אי איר חפֿץ, אי איר האַר. מע האָט אַייך געקויפֿט, ווי אַ שפּילעכל, אָבער שפּילן — שפּילט איר זיך מיט דעם שפּילעכל. דער, וואָס האָט דאָס געקויפֿט, געפֿינט זיך ביי אַייך אין די הענט און איז אין זייער אַ קאָמישער לאַגע — ווייל איר קענט פֿאַר אים שטענדיק שפּילן די ראָלע פֿון אַ שטיוול, וואָס וויל זיין אַ קאַפּעלוש און פֿאָדערט, מע זאָל אים טראָגן אויפֿן קאָפּ. איז אָט, לעב איך זיך מיר אַזוי און לעב, לעב אָפּ אַ יאָר, און צוויי, און דריי — אַלץ גייט כּשורה, דאָס הייסט פֿריילעך. אָבער דאָ האָט זיך געטראָפֿן אַ טשיקאַווע געשיכטע. איינמאָל קומט צו מיר איינער, זייער אַ וואוילער מענטש, וואָס האָט זיך געהאַט פֿאַרנומען מיט אַ מיאוסן ענין — מיט פּאָליטיק, און מע האָט אים דערפֿאַר, אַגבֿ, בשעתו, פֿײַן אַריינגעזעצט. איז ער געקומען צו מיר און זאָגט

מיר: קריג מיר אַ פּאַס! אַ וועלכן? ער זאָל זיין, זאָגט ער, אַזאַ: אַ פריילין, אַ ברונעטין, פון אַ יאָר צוואַנציק, מיטעלער וואוקס, דאָס איבעריקע איז געוויינלעך. צו וואָס? ס'איז דאָ, זאָגט ער, אַזאַ מין פריילין, און מען דאַרף, זי זאָל ניט זיין, וויל איך זי חתונה מאַכן אויף אַ פרעמדן דאָקומענט. נו, מילא! אַן עסק איז דאָס אַ גאַנץ פרייליכער, מיין דאַמע האָט פּונקט געהאַט אַזאַ דינסט, וואָס האָט זיך גראָד געפּאַסט צו דעם דאָזיקן ענין... האָב איך צוגענומען איר פּאַס און אָפּגעגעבן אים דעם דאָזיקן שאַרלאַטאַן. גוט. גייט אַזוי אַוועק אַ לאַנגע צייט.

פלוצלונג — טראַך! ס'קומען צו גיין צוויי זשאַנדאַרמען און זאָגן צו מיר — ביטע! בין איך אַוועק מיט זיי. פרעגט מיך איין זשאַנדאַרם, עפּעס אַ גרויער אַזאַ און זייער אַ בייזער: איר האָט, זאָגט ער, געקראָגן פאַר איינער אַ מיידל עפּעס אַ פּאַס? ריכטיק, אייער וואוילגעבוירנהייט, איך ווייס אָבער ניט, צי ס'איז פאַר דער מיידל? וואָס הייסט? מיין חבר האָט מיר פאַרגעסן צו זאָגן דעם נאָמען פון דער מיידל. גלויבט מיר דער בייזער מענטש ניט. — ווי איז דאָס מעגלעך, זאָגט ער, איר גיט איר אַ פּאַס און איר קענט איר גאָרנישט? ניט איר האָב איך געגעבן... טאָ וועמען? אָט וועמען... אַזוי-וי, זאָגט ער, אָט איצט איז ער אַריינגעפאַלן! כ'דאַנק אייך פאַר די אינפאָרמאַציעס. און האָט תיכף אָפּגעגעבן אַ באַפעל צו אַרעסטירן מיין פריינט, און מיך דערווייל פאַרשפּאַרן אין אַ באַקוועמען אָרט. אין אַ טאָג צוויי אַרום האָט מען מיך געשטעלט אויג אויף אויג מיט מיין פריינט. נאַטירלעך, האָט ער באַשטעטיקט אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט.... פרעגט מען ביי מיר, וואוהין וויל איך אַוועקפאָרן פון פּיטער. זאָג איך — אפשר קען מען אין צאַרסקאָיע סעלאָ? זאָגט מען: ניין, ווייטער. און אין רוסע? נאָך ווייטער. זיינען מיר מושווה געוואָרן אויף טולע. מילא, אין טולע, איז אין טולע: איר קענט, זאָגט ער, פאָרן נאָך ווייטער, אויב איר ווילט, אָבער אַהער זאָלט איר זיך ניט באַווייזן אין אַ משך פון דריי יאָר. אייערע דאָקומענטן וועלן מיר דערווייל איבערלאָזן ביי זיך, אַלס אָנדענק וועגן אייך. און אייך — ביטע אַ שייז ביז טולע.

נעמט עס צו און זעט, אַז אין פיר=און=צוואַנציק שעה זאָל אײער פוס דאָ ניט זײן...וואָס קען מען העלפן ?—טראַכט איך. אַז „נאַטשאַלסטווע" הײסט, מוז מען פאָלגן. ווי קען מען דען ניט פאָלגן ?

נו, איז אָט... האָב איך פאַרקויפט אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט, בחצי=חינם דער באַלעבאָסטע פון מײן קוואַרטיר און בין אַוועק צו מײן דאַמע. האָט זי מיך ניט געוואָלט אַרײנלאָזן, די צויג! גײ איך אַרײן צו נאָך צווײ=דרײ באַקאַנטע — נעמט מען מיך דאָרטן אויך אויף, פונקט ווי איך וואָלט געווען אַ קרעציקער. האָב איך אַ שפּײ געטאָן אויף אַלעמען און בין אַוועק אין אַ בעטלער=הײם און פאַרבראַכט דאָרטן די לעצטע שעהן פון מײן זײן אין פּיטער. אַ וזײגער זעקס אינדערפרי בין איך אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן אַ רײנער, אָן אַ גראָשן אין קעשענע — כ'האָב פאַרשפּילט אין קאָרטן אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט! אײן באַאַמטער האָט מיך אַזוי פײן אַרומגעפוצט, אַז איך בין אַזש אַנטציקט געוואָרן פון זײן טאַלאַנט. ער האָט מיך געלײגט אָן שום רחמנות... יאָ... איז וואו=זשע זאָל איך זיך איצט אַהינטאָן? בין איך אַוועק, כ'ווײס אַלײן ניט צוליב וואָס, אויפן מאָסקווער וואָקזאַל; געקומען אויפן וואָקזאַל, טויטשע זיך אַזוי אַרום, ערשט איך זע, אַ צוג גײט קײן מאָסקווע. בין איך זיך מיישב און גײ אַרײן אין וואַגאָן און זעץ זיך. אָפּגעפאָרן צווײ סטאַנציעס, האָט מען מיך מיט פּאַ־אַד גאַנץ פײן אַרויסגעזעצט. מע האָט געוואָלט אויף מיר מאַכן אַ פּראָטאָקאָל, געפרעגט ווער איך בין — האָב איך זײ באַוויזן מײן שײן, און זײ האָבן מיך געלאָזט צו=רו. גײט, זאָגן זײ, ווײטער. גײ איך. דורכגעגאַנגען אַ ווערסט צען — בין איך געוואָרן מיד און איך שפּיר, אַז איך מוז עפּעס עסן. זע איך אַ בײדל. אַ באַן=וועכטער שטײט. זאָג איך צו אים — גיב, ברודער, אַ שטיקל ברויט! האָט ער מיך אָנגעקוקט און האָט מיר געגעבן אי ברויט, אי אַ היבש טעפּעלע מילך. האָב אויך איבערגענעכטיקט בײ אים, דאָס ערשטע מאָל, מעשה=וואַגאַבונד, אויף דער פרײער לופט, אויף הײ, אין פעלד, הינטערן בײדל. אויף מאָרגן אינדערפרי כאַפּ איך זיך אויף— ס'שײנט די זון, די לופט — איז ווי שאַמפּאַניער, גרינס, פײגלען.

האָב איך בײַ דעם װעכטער גענומען נאָך ברױט און בין אַװעק װײַטער.

איר דאַרפט עס פֿאַרשטײן — אין דעם לעבן פֿון אַ װאַגאַבונד איז פֿאַראַן עפּעס אַזױנס, װאָס זױגט דיך אַײַן, װאָס שלינגט דיך אַײַן. ס'איז באַקװעם צו שפּירן זיך פֿרײַ פֿון פֿליכטן, פֿרײַ פֿון פֿאַרשײדענע קניפּלעך, װאָס פֿענטען דײַן עקסיסטענץ צװישן מענטשן...פֿרײַ פֿון די פֿאַרשײדענע קלענסטע קלײניקײטן, װאָס באַקלעפּן אַזױ שטאַרק דײַן לעבן, אַז דאָס לעבן װערט שױן ניט מער קײן תּענוג, נאָר אַ לאַנגװײַליקע משא... אַ שװערער קױש פֿון פֿליכטן... אַ שטײגער: די פֿליכט אָנצוטאָן זיך אָנשטענדיק, די פֿליכט צו רײדן אָנשטענדיק... און טאָן אַלץ אַזױ, װי ס'איז אָנגענומען, און ניט אַזױ, װי דיר װילט זיך. בעת דו באַגעגנסט אַ באַקאַנטן, דאַרפֿסטו אים זאָגן, װי דאָס איז אָנגענומען — גוטמאָרגן! און ניט — כאַפּט דיך דער שװאַרציאָר! — װי עס װילט זיך טײלמאָל זאָגן.

בכלל — אױב מע זאָל רײדן מיט אַן אמת — זײַנען די אַלע פֿײַערלעך־נאַרישע באַציונגען, װאָס האָבן זיך אײַנגעשטעלט צװישן אָנשטענדיקע שטאָט־מענטשן — אַ לאַנגװײַליקע קאָמעדיע: און דער־צו אַ געמײנע קאָמעדיע, װײַל קײנער רופֿט קײנעם ניט אין די אױגן — ניט נאַר, ניט פּאַסקודניק... און טאָמער טוט מען דאָס אַמאָל, איז עס בלױז בעת דעם אָנפֿאַל פֿון יענער אױפֿריכטיקײט, װאָס הײסט שנאה, האַס.....

אָבער אַלס װאַגאַבונד דאַרפֿסטו די אַלע מעשׂיות אױף כּפּרות... דער פֿאַקט, װאָס דו האָסט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פֿון די פֿאַר־שײדענע באַקװעמלעכקײטן פֿון לעבן און דו קענסט אױסקומען אָן זײ, — דאָס גופֿא הײבט דיך אָנגענעם אױף אין דײַנע אױגן. דו װערסט װײך צו זיך אין אַלע פֿאַלן... הגם איך בין אַזױ אױך קײנמאָל ניט געװען שטרענג צו זיך, זיך קײנמאָל ניט געפּײניקט און די צײנער פֿון מײַן געװיסן האָבן מיר קײנמאָל ניט גענאָגט.... כ'האָב קײנמאָל ניט געראַצט מײַן האַרץ מיט די נעגל פֿון מײַן שׂכל. איר װײסט, איך האָב זײער פֿרי און עפּעס אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַלײן פֿעסט אַרײַנגענומען זיך אין קאָפּ די סאַמע פּשוטע און קלוגע פֿילאָסאָפֿיע: װי דו זאָלסט ניט לעבן — װעסטו אַלץ שטאַרבן;

צו וואָס=זשע דאַרף מען זיך קריגן מיט זיך אַליין? צו וואָס דאַרף
מען זיך אַליין שלעפּן לינקס פאַרן עק, בשעת=ווען דיין נאַטור
טרייבט דיך מיט אַלע כּוחות רעכטס? און אַזעלכע מענטשן, וואָס
רייסן זיך אַליין אויף צווייען, קען איך ניט פאַרטראָגן... פרעג,
צו וואָס פלייסן זיי זיך? מיר פלעגט אַמאָל איינקומען צו ריידן מיט
דעם דאָזיקן לעקיש. פרעגסט אים: וועגן וואָס זינגסטו, ברודער,
צו וואָס סקאַנדאַלעוועסטו דאָס, ברודער? איך שטרעב, זאָגט ער,
צו זעלבסטפאַרפולקומונג... צו וואָס דאַרפסטו עס? וואָס הייסט —
צו וואָס? אין דער השלמה פון דעם מענטשן — ליגט דער תכלית
פון לעבן... נו, איך קען דאָס ניט פאַרשטיין; אָט, למשל, אַ בוים:
אין דעם פאַרפולקומען זיך פון דעם בוים — ליגט אַ קלאָרער תכלית.
דער בוים פאַרפולקומט זיך אַזוי לאַנג, ביז מען קען פון אים האָבן
אַ נוץ, מע קען אים געברויכן אויף אַ טרונע אָדער אויף עפּעס אַנדערש,
וואָס ס'איז נוצלעך פאַרן מענטשן...נו, גוט! לאָמיר זאָגן, דו ווילסט זיך
פאַרפולקומען — איז דאָס דיין זאַך; אָבער זאָג מיר, איך בעט
דיך, צו וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר און ווילסט מיך באַ=
קערן צו דיין אמונה? דערפאַר, זאָגט ער, ווייל דו ביסט אַ בהמה
און זוכסט ניט דעם תכלית פון לעבן. אָבער אויב איך בין אַ
בהמה, האָב איך דאָך שוין געפונען דעם תכלית, און דאָס באַוואוסט=
זיין פון מיין בהמהשאַפט דריקט ניט אויף מיר. דאָס זאָגסטו שוין
ליגן. וויבאַלד דו אָנערקענסט דאָס, דאַרפסטו זיך פאַרבעסערן.
אָבער איך לעב דאָך אין שלום מיט זיך, דער שכל און די גע=
פילן זיינען ביי מיר איינס, און די ווערטער און די מעשים זיינען ביי
מיר אין פולער האַרמאָניע! דאָס איז, זאָגט ער, געמיינהייט און
ציניזם... און טיילמאָל פלעגן זיי אַלע אַזוי דענקען. איך שפּיר, אַז
אי זיי זאָגן ליגן, אי זיי זיינען דערצו נאַריש; איך שפּיר דאָס און
איך קען ניט — ניט פאַראַכטן זיי. ווייל איך קען מענטשן!— אויב
דאָס אַליץ, וואָס ס'איז היינט געמיין, שמוציק און שלעכט, וועסטו מאָרגן
דערקלערן פאַר ערלעך, זויבער און גוט — וועלן די אַלע מיאוסע
נפשות, גאָר אָן איבעריקער מי, שוין מאָרגן ווערן ערלעכע, זויי=
בערע און גוטע לייט. דערצו דאַרפן זיי בלויז איין זאַך — פאַרניכטן
אין זיך די פּחדנות... אַזוי איז עס.

איר זאָגט, ס'איז צו שאַרף? — ס'מאַכט ניט אויס, ס'טרעכט וערן. זאָל זיין שאַרף, אַבי ריכטיק... פאַרשטייט איר מיך, איך טראַכט אַזוי: דין צו ווענען דו ווילסט, צי צו גאָט, צי צום טייוול, אָבער ניט — אי גאָט אי דעם טייוול! אַ געמיינער מענטש, נאָר אַ גוטער, איז ווייטער בעסער פאַר אַ שלעכטן, נאָר אַן אָרנטלעכן. פאַראַן שוואַרץ און פאַראַן ווייס, אָבער אַז מע מישט זיי צונויף צוזאַמען — ווערט עס שמוציק. מיין גאַנץ לעבן האָב איך באַגעגנט בלויז שלעכטע און אָרנטלעכע מענטשן, אַזעלכע, הערט איר, וואָס זייער אָרנטלעכקייט איז צונויפגעשטוקעוועט פון שטיקלעך, גלייך זיי וואָלט זי אויסגעבעטלט אונטער די פענסטער, אַזוי ווי אַ בעטלער. ס'איז — אַ פאַרשיידנפאַרביקע אָרנטלעכקייט, אַן אָרנטלעכקייט, וואָס איז שלעכט צונויפגעקלעפט, און ס'זיינען דאָ אין איר לעכער... אויסער דעם, איז נאָך פאַראַן אַ ביכערדיקע אָרנטלעכקייט, אַן אַרויסגעלייענטע, וועלכע דער מענטש האַלט אָנגעגרייט, פונקט ווי זיינע גוטע הויזן, אויף עפּעס אַ יום-טוב... און בכלל, אַלץ, וואָס איז דאָ גוטס ביי דאָס רוב גוטע מענטשן — איז עס בלויז יום-טובדיקס און געמאַכטס; ניט אין זיך האַלטן זיי עס, נאָר ביי זיך, אויף צו ווייזן, אויסצופיינען זיך דערמיט איינער פאַר'ן אַנדערן... כ'האָב געטראָפן מענטשן מיט אַן אמת גוטן כאַראַקטער אויך... אָבער זעלטן, און כמעט בלויז צווישן דעם פּראָסטן עולם, מחוץ די שטאָטישע ווענט... די דערשפּירסטו תיכף — זיי זיינען גוטע! אין דו זעסט — ער איז געבאָרן געוואָרן אַ גוטער... יאָ!

איבעריקנס, כאַפּט זיי אַלעמען דער טייוול — אי די גוטע, אי די שלעכטע! איך וויל ניט וויסן פון העקובען...

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז איך דערצייל אייך די פאַקטן פון מיין לעבן קורץ און אייבנאויף, און אַז אייך איז שווער צו פאַרשטיין — פאַרוואָס דאָס איז און ווי דאָס איז... נאָר דאָס איז שוין מיין זאַך. אָבער דער עיקר איז ניט אין די פאַקטן, נאָר אין די שטימונגען. פאַקטן — זיינען גאָלע פאַסקודסטווע און מיסט. ווען איך זאָל וועלן, קען איך אָנאַרבעטן אַ היבש ביסל פאַקטן... אָט וועל איך נעמען אַ מעסער און אַריינרוקן אייך אין האַלז — וועט זיין אַ קרימינעלער פאַקט! אָדער איך וועל גאָר זיך אַריינרוקן דעם

מעסער — וועט אויך זיין אַ פֿאַקט... בכלל, מען קען מאַכן פֿאַמע פֿאַרשיידענע פֿאַקטן, אויב די שטימונג דערלויבט עס נאָר... די גאַנצע זאַך איז אין די שטימונגען — אָט זיי פֿלאָדיען אָן פֿאַקטן און זיי באַשאַפֿן געדאַנקען... און אידעאַלן.... און וואָס איז אַ אידעאַל, ווייסט איר? כע! ס'איז פּשוט אַ קוליע, וואָס מע האָט אויסגעטראַכט אין יענע צייטן, ווען דער מענטש איז געוואָרן אַ שלעכטע בהמה און האָט גענומען גיין בלויז אויף די הינטערשטע לאַפּעס. אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון דער גרויער ערד, האָט ער דערזען אַ בלויען הימל איבער איר און איז פֿאַרבלענדט געוואָרן פֿון דער פּראַכט פֿון זיין לויטערקייט. דעמאָלט האָט ער, אויס נאַרישקייט— געזאָגט צו זיך: איך וועל אים דערגרייכן. און פֿון זינט דעמאָלט שלעפּט ער זיך אַרום אויף דער וועלט מיט דער דאָזיקער קוליע, און ביז היינטיקן טאָג האַלט ער זיך נאָך מיט איר הילף אויף די הינטערשטע לאַפּעס.

מיינט ניט, אַז איך קריך אויך אויפֿן הימל — כ'האָב קיינמאָל ניט געשפּירט אַזאַ פֿאַרלאַנג... כ'האָב דאָס געזאָגט סתם, פֿון מליצה־וועגן.

אָבער ווידער האָט זיך ביי מיר די געשיכטע פֿאַרפּלאָנטערט. נאָר ס'איז גאָרנישט! דאָס איז בלויז אין די ראָמאַנען וויקלען זיך רעגולער פֿונאַנדער די קנייטלעך פֿון די פּאַסירונגען, אָבער אונזער לעבן — איז ניט קיין רעגלמעסיקער, פֿאַרפּלאָנטערטער מאָטיק פֿאָדים. חוץ דעם, צאָלט מען פֿאַר ראָמאַנען געלט, און איך מי זיך אומזיסט... דער טייוול ווייס, צוליב וואָס!...

נו, איז אָט... איז מיר דאָס דאָזיקע וואַלדערן געפֿעלן געוואָרן, בפֿרט איז דאָס מיר געפֿעלן געוואָרן, ווען איך האָב אינגיכן אויך אויסגעפֿונען די מיטלען, ווי אַזוי צו דערנערן זיך. גיי איך מיר אַזוי איינמאָל און זע — אַ פּאָלוואַרעק שיינט אַרויס פֿונווייטן, און אַנטקעגן מיר באַוועגן זיך, צווישן אויסגעטריקענע תבואה, דריי שייןגעשטאַלטיקע פֿיגורן — איין מאַנספּאַרשוין און צוויי דאַמען. דער מאַנספּאַרשוין האָט שוין געהאַט גרויע האָר אין קאָפּ, און די דאַמען האָבן געהאַט אַ מידן, אָבער אַן איידעלן אויסזען. האָב איך געמאַכט אַ מינע פֿון אַ מאַטירער און, אויסגלייכנדיק זיך

מיט זיי, האָב איך געבעטן בײַ זיי דערלויבעניש אַרײַנצוגיין נעכטיקן. האָבן זיי מיר דערלויבט און האָבן זיך דערבײַ פיל באַדייטנדיק איבערגעקוקט. איך האָב זיך פאַר זיי פאַרנייגט, האָב זיי באַדאַנקט און בין זיך לאַנגזאַם אַוועק. און זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק און — נאָך מיר. האָבן פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס — ווער בין איך, פונוואַנען בין איך און וואָס בין איך? געווען זײַנען זיי מענטשן מיט אַ ליבעראַלן קוק און האָבן מיר אַליין אונטערגעזאָגט די ענטפערס, אַזוי אַז ווען איך בין געקומען אין דעם פאָלוואַרעק, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב זיי אָנגעזאָגט ליגנס — דער טײַוול ווייס, וויפל! אַ שטייגער, אַז איך פאָרש כלומרשט און באַלערן דאָס פאָלק, און אַז מײַן נשמה זאָל זיך האָבן געפונען אין קלעם בײַ פאַרשיידענע אידעען און אַזוי ווײַטער און ווײַטער... און איך שווער אײַך, אַז דאָס אַלץ איז טאַקע אַזוי געווען נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַליין געוואָלט, איך האָב זיי בלויז ניט געשטערט אָנצונעמען מיך פאַר דעם, פאַר וועלכן זיי האָבן מיך אָנגענומען. ווען איך האָב זיך איבערלייגט, ווי שווער ס'איז די ראָלע, וואָס איך דאַרף שפּילן — איז מיר אַ ביסעלע אומהיימלעך געוואָרן. נאָך וועטשערע האָב איך אײַנגעפונען, אַז ס'איז אינטערעסאַנט צו שפּילן אַזאַ ראָלע, דען זיי האָבן געגעסן געטלעך־געשמאַק! זיי האָבן געגעסן מיט געפיל — געגעסן, אַזוי ווי געבילדעטע מענטשן. דערנאָך האָט מען מיר אָפּגעגעבן אַ צימערל, אַ מאַנספּאַרשוין האָט מיך באַזאָרגט מיט הויזן און אַלע איבעריקע זאַכן. — זיי זײַנען זיך בכלל מיט מיר באַגאַנגען זייער פײַן. אָבער דערפאַר האָב איך פאַר זיי אָפּגעלאָזן די לייצעס פון מײַן פאַנטאַזיע!

גאָט אין הימל, וואָס פאַר אַ ליגנס האָב איך ניט אָנגעהאַקט! וואָס איז כלעסטאַקאָוו אַנטקעגן דעם? אַ אידיאָט! איך האָב דאָך אָבער געזאָגט ליגנס און דערבײַ קיינמאָל ניט פאַרלאָרן דעם באַוואוסטזיין, אַז איך ליג, דהגם כ'האָב הנאה געהאַט פון דעם אופן, ווי אַזוי איך ליג. כ'קען אײַך זאָגן, אַז כ'האָב געהאַקט אַזעלכע ליגנס, אַז דער שוואַרצער ים וואָלט אַפילו רויט געוואָרן פון בושה, ווען ער וואָלט זיי נאָר געהערט. די דאָזיקע גוטע מענטשן האָבן מיך געהערט מיט התפעלות, האָבן געהערט און האָבן מיך גע־

קעכלט, און אַרומגעטאַנצט אַרום מיר, ווי מע טאַנצט־אַרום אַרום אַן אייגן קינד, וואָס איז קראַנק. און איך האָב זיי דערפאַר אויסגעטראַכט מעשיות, וואָס ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. אָט ווען עס זיינען מיר צוניץ געקומען די ביכלעך, וואָס איך האָב אַמאָל געלייענט, און די וויכּוחים פון מיין ווייבס געלערנטע!

קענען זאָגן ליגן — איז אַ גרויסער פאַרגעניגן, זאָג איך אייך. ווען דו זאָגסט ליגן, און דו זעסט, אַז מע גלויבט דיר, — שפּירסטו זיך דעמאָלט העכער פאַר די מענטשן, און שפּירן זיך העכער פאַר די מענטשן — איז אַ זעלטענער פאַרגעניגן! צו באַהערשן זייער אויפמערקזאַמקייט און טראַכטן בשעת־מעשה ביי זיך: — בהמות! און מאַכן אַ מענטשן צום נאַרן — איז שטענדיק אָנגענעם. און אַפילו אים, דעם מענטשן גופא, איז דאָך אויך אָנגענעם צו הערן אַ ליגן, אַ גוטן ליגן, וואָס זאָל אים גלעטן איבער די האָר. און ס'קען זיין, אַז יעדער ליגן איז גוט, אָדער פאַרקערט, — אַלדאָס גוטע איז ליגן. ס'איז אַ גרויסער ספק, צי אויף דער וועלט איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל פאַרדינען מער אויפמערקזאַמקייט, איידער מענטשלעכע אויסטראַכטענישן: חלומות, פאַנטאַזיעס וכדומה. אַלס ביישפּיל לאָמיר נעמען ליבע — כ'האָב שטענדיק אין פרויען געליבט דאָס, וואָס ביי זיי איז קיינמאָל ניט געווען און מיט וואָס איך פלעג זיי שטענדיק באַשענקען. דאָס איז אין זיי געווען דאָס בעסטע. ס'פלעגט טרעפן אַמאָל, אַז איך פלעג דערזען אַ פרישע פרויענצימער און באַלד זיך נעמען פאָרשטעלן: — אַרומנעמען דאַרף זי אַזוי, קושן — דאַרף זי אָט־אַזוי, אַ נאַקעטע איז זי אַזוי, אַ ווייענדיקע — איז זי, אָט־אַזוי, אַ פריילעכע — גאָר אָט־אַזוי. דערנאָך פלעג איך אומבאַמערקט זיך אַליין נעמען פאַרזיכערן, אַז דאָס אַלץ פאַרמאָגט זי טאַקע, פאַרמאָגט פונקט דאָס, וואָס דו ווילסט, זי זאָל פאַרמאָגן... זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז נאָכדעם, ווי דו באַקענסט זיך מיט איר, און דו זעסט, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר אין דער אמתן, באַגרייפסטו ערשט, אַז דו האָסט זיך מיאוס אָפּגענאַרט!... אָבער דאָס איז ניט וויכטיק — מען קען דאָך ניט פיינט האָבן קיין פייער בלויז דערפאַר, וואָס מע ברענט זיך אָן אים אַמאָל אָפּ. מע דאַרף דאָך געדענקען, אַז פייער וואַרעמט שטענדיק — ניט אַזוי? נו, איז

אָט... צוליב דעם זעלבן טעם דאַרף מען אויך ניט זאָגן, אַז אַ
ליגן איז שעדלעך, מע דאַרף אים ניט טאַדלען שטאַרק, מע דאַרף
ניט אָפּגעבן די בכורה דעם אמת... דען מען ווייסט נאָך ניט, וואָס
איז אַזוינס אמת, קיינער האָט נאָך זיין פּאַס ניט געזען... און זיי=
עה מעגלעך, אַז ווען מען וואָלט געזען זיינע דאָקומענטן, וואָלט זיך
גאָר אַרויסגעוויזן, דער טייוול ווייסט וואָס...

אָבער נאָך אַלעמען, אָנשטאָט צו ריידן צום ענין, פֿילאָסאָפֿיר
איך גאָר, פּונקט ווי סאָקראַטעס....

יענע גוטע מענטשן האָב איך אַזויפֿיל געבלאָפֿט, ביז די פֿאַנ=
טאַזיע האָט זיך ביי מיר גענומען אויסשעפּן, און ווען איך האָב
באַגריפֿן, אַז מיר שטייט פֿאָר די סכנה צו ווערן לאַנגווייליק, בין איך
אַוועק ווייטער, נאָכדעם, ווי איך האָב אָפּגעזאָגט ביי זיי דריי וואָכן
צייט. איך בין אַוועק אַן אָנגעלאָדענער מיט אַלדעם גוטס, און האָב
זיך געלאָזן צו דער נאָענטסטער סטאַנציע, כּדי פֿון דאָרטן אַוועק=
פֿאָרן קיין מאָסקווע. און אַדאַנק דעם פֿאַרזען פֿון די קאָנדוקטאָרן,
בין איך פֿון מאָסקווע ביז טולע אָפּגעפֿאָרן אומזיסט.

און אָט שטיי איך אין טולע פֿאַרן אָנגעזיכט פֿון דעם דאָר=
טיקן פּאָליציימייסטער. קוקט ער אויף מיר און פֿרעגט:

— מיט וואָס=זשע האָט איר זיך דאָ בדעה צו באַשעפֿטיקן?

— כ'ווייס אַליין ניט, — זאָג איך.

— און פֿאַרוואָס, — זאָגט ער, — האָט מען אייך אַרויסגע=
שיקט פֿון פּעטערבורג?

— דאָס ווייס איך ניט.

— מסתּמא, — זאָגט ער, — פֿאַר וועלכע=ניט=איז סקאַנדאַלן,
וואָס זיינען אין דעם קרימינעלן קאָדעקס ניט פֿאָראויסגעזען.

איך בין אָבער ווי אַ פֿאַרשלאָסענער קאַסטן.

— איר זייט ניט קיין אָנגענעמער מענטש, — זאָגט ער.

— יעדער האָט זיך זיין ספּעציאַליטעט, גוטער הער!

האָט ער געטראַכט, געטראַכט און האָט מיר פֿאָרגעלייגט: אַזוי,
זאָגט ער, ווי איר האָט זיך אַליין אויסגעקליבן אַ שטאָט, איז אויב
אייך געפֿעלט ניט ביי אונז, קענט איר אייך גיין ווייטער. פֿאַראַן נאָך
שטעט, צום ביישפּיל: אָריאָל, קורסק, סמאָלענסק... אייך איז דאָך

אַלץ איינס, וואו צו לעבן... ווילט איר אפשר, איך זאָל אײַך אַרויסגעבן אַ ווייטערדיקן שיין?... אונז וועט זיין אָנגענעם, אַז מיר וועלן זיך ניט דאַרפן באַאומרויִקן וועגן אײַער געזונט. מיר האָבן אָן דעם אויך גענוג זאָרג... און איר, זאָגט ער, זייט דאָך, דוכט זיך, אַנטשולדיקט פאַר מיין אָפנהאַרציקייט, אַ מענטש, וואָס איז פולקום פעיִק צו פאַרמערן די זאָרג פון דער פאָליציי... וואָס איז אַפילו ספּעציעל פאַר דעם באַשאַפן געוואָרן. דאָס איז טאַקע אמת, זאָג איך, אָבער מיר איז דאָ אויך גוט... נו, זאָגט ער, אויב איר ווילט, וועל איך אײַך געבן אַ דרייערל אויפן וועג? ביליק, זאָג איך, שאַצט איר אײַער מי... לאָזט שוין מיך בעסער פאַרבלייבן אונטערן שוץ פון די טולער געזעצן. ער וויל אָבער דורכאויס פטור ווערן פון מיר... ער האָט געהאַט אַ גוטן חוש-הריח! נו, האָב איך גענומען ביי אים פופצן רובל און בין אַוועק קיין סמאָלענסק. איר זעט? יעדע שלעכטע לאַגע אַנטהאַלט אין זיך די מעגלעכקייט פון אַ בעסערער. איך זאָג דאָס אויפן גרונט פון מיין סאָלידער פּראַקטיק און אויס מיין טיפן גלויבן אין דער אומבאַשטענדיקייט פון דעם מענטשלעכן שכל. דער שכל — דאָס איז אַ גוואַלטיקער כוח! איר זייט נאָך יונג; — איז אָט זאָג איך אײַך: גלויבט אין דעם שכל — וועט איר קיינמאָל ניט פאַרפאַלן ווערן! געדענקט, אַז אין יעדן מענטשן זיצט אַ נאַר און אַ שווינדלער — דער נאַר — דאָס איז זיין געפיל, און דער שווינדלער — איז דער שכל. דאָס געפיל איז דערפאַר נאַריש, ווייל עס איז אָפנהאַרציק, ערלעך און קען זיך ניט פאַרשטעלן; און מען קען דען לעבן ניט פאַרשטעלטערהייט? מען מוז זיך פאַרשטעלן! אָ, מע מוז עס אַפילו אויס רחמנות צו מענטשן, ווייל מענטשן פאַרדינען שטענדיק, מע זאָל אויף זיי רחמנות האָבן... און מער פאַר אַלץ דווקא דעמאָלט, ווען זיי האָבן אויף אַנדערע רחמנות....

אַלזאָ, בין איך, הייסט עס, אַוועק קיין סמאָלענסק, און געשפּירט, אַז די ערד איז פעסט אונטער מיר, און געוואוסט, אַז פון איין זייט קען איך שטענדיק אויסרעכענען אויף דער אונטערשטיצונג פון גוטע מענטשן, פון דער צווייטער זייט — אויף דער אונטערשטיצונג פון דער פאָליציי. די ערשטע דאַרפן מיך האָבן, זיי זאָלן קע-

נען אויף מיר אַרויסווייזן זייערע געפילן, און פאַר די צווייטע — בין איך איבעריק; ממילא דאַרפן מיר אי די, אי יענע צאָלן פון זייער עודף.

אַזוי איז דאָס...

איז גיי איך מיר אַזוי און האָב הנאה פון זיך אַליין. אויסזען זע איך אויס, ווי אַן אָנשטענדיקער מענטש. טרעף איך אַ פייערל. קוקט ער מיך אָן און פרעגט: איר זייט ניט פון די אויסקוקער? וואָס איז דאָס אַזוינס אויסקוקער? — טראַכט איך, נאָר איך ענטפער אים: יאָ, פון זיי, פון זיי טאַקע! וואָס, זאָגט ער, דער וועג גייט ניט קיין טרעפּאָווקע? יאָ, קיין טרעפּאָווקע. ווייסט איר ניט, אויף דער אַרבעט וועט מען אינגיכן אָנדינגען מענטשן? און ערבות־געלט וועט מען נעמען? אַוודאי. איר האָט ניט געהערט, וויפל וועט מען נעמען פון אַ מענטשן? געהערט, צו וואַנציק קאָפּיקעס. אָהאָ! — האָט דאָס פייערל געזאָגט. און איך האָב שוין פאַרשטאַנען, מיט וואָס דאָס שמעקט, און איך פרעג אים: פונוואַנען גייט ער? פון וויפל נפשות באַשטייט זיין דאָרף? צי אַ סך קענען אַוועק אויף אַר־בעט? וויפל קאָנען צופוס און וויפל אויף פערד? האָט ער מיך פאַר־שטאַנען. נעמט, זאָגט ער, מענטשן פון אונזער דאָרף! מיר איז, זאָג איך, אַלץ איינס, פונוואַנען צו נעמען!..... און האָב גע־נומען ביי זיי אַ פינף־און־צוואַנציקער פאַר אָפּגעבן זייער דאָרף די בכורה אויף דער אַרבעט אַנטקעגן אַנדערע דערפער, און צו צוויי צענ־קאָפּיקענע פון אַ פוסגייער און צו דרייסיק קאָפּיקעס פון אַ רייטער, אַלס ערבות, אַז זיי וועלן צו דעם פון מיר באַשטימטן טערמין קומען אויף דער אַרבעט. אַרום הונדערט רובל האָבן זיי מיר דערלאַנגט.... און איך האָב זיי אַרויסגעגעבן קוויטלעך, אָנגערעדט זיי גוטע ווערטער און בין אַוועק פון זיי.

געקומען קיין סמאָלענסק, האָב איך באַשלאָסן, אַזוי ווי ס'איז שוין געווען קאַלט, צו בלייבן דאָרט ביז איבער ווינטער. כ'האָב שנעל געפונען גוטע מענטשן און האָב זיך ביי זיי איינגעאָרדנט. ס'איז געווען ניט שלעכט — כ'האָב פאַרבראַכט דעם ווינטער ניט אומעטיק. אָבער אָט איז געקומען פרילינג און, איר וועט מיר גלויבן, צי ניט, ס'האָט מיך אַ צי געטאָן אויסן שטאָט! ס'ווילט זיך וואַנ־

דערן.... ווער שטערט מיר? בין איך אַוועק און ווידער זיך אַרומגעשלעפּט אַ גאַנצן זומער, און צו ווינטער בין איך אַריינגעפֿאַלן קיין יעליזאַוועטגראַד. אַריינגעפֿאַלן און קען זיך בשום אופֿן ניט צופּאַסן צו עפּעס! האָב איך זיך געוואָרפֿן אַהער, געוואָרפֿן אַהין, ביז איך האָב פּאָרט געפֿונען מיין וועג! כ'בין געוואָרן אַ רעפּאָרטער אין דער אָרטיקער "צייטונג"... אַ פּרנסה איז דאָס אַפֿילו אַ קליינע, אָבער דערפֿאַר אַ פֿרייע און מע קען דערפֿון ווי עס-איז דורכלעבן זיך. דערנאָך האָב איך זיך באַקאַנט מיט יונקערס — אין דער דאָזיקער שטאָט איז פֿאַראַן אַ קאַוואַלערישע יונקער-שול — און איך האָב זיך אַריינגעלאָזן מיט זיי אין קאָרטנשפּיל. ס'איז אַרויסגעקומען אַ גאַנץ פֿיינע שפּיל: פֿאַר דעם ווינטער האָב איך צונויפֿגעקלאַפּט ביי אַ טויזנט רובל. און ווידער איז געוואָרן פֿריילינג. ער האָט מיך געפֿונען ביי געלט און אָנגעטאָן ווי אַ דזשענטלמען...

וואוהין גייט מען? קיין סלאַוויאַנסק, אין די באָד-ערטער. דאָרטן איז מיר זייער גוט געגאַנגען אין קאָרטן און איך האָב אָפּגעשפּילט ביז אַווגוסט, און אין דעם דאָזיקן חודש בין איך געווען געצוואונגען אַוועקצופֿאָרן. געווינטערט האָב איך אין זשיטאָמיר מיט איין ווייבעלע... געווען אַ רעכטע פּאַסקודסטווע... אָבער אַ שיינע פֿרויענצימער, טאַקע וואָס אַ שיינע הייסט!

אָט אַזוי-אָ בין איך איבערגעקומען די צייט, וואָס מע האָט מיך אַרויסגעטריבן פֿון פּיטער, און בין ווידער אַהין אַוועקגעפֿאָרן. שדים ווייסן, פֿאַרוואָס זי האָט מיך שטענדיק אַזוי געצויגן צו זיך. בין איך געקומען צו פֿאָרן אַהין אַלס דזשענטלמען און מיט געלט אין קעשענע. איך זוך זיך אויף באַקאַנטע, און וואָס ווייזט זיך אַרויס? אַלע מיינע אַוואַנטורעס צווישן די ליבעראַלע מענטשן פֿון מאָסקווער גובערניע — ווייסן זיי. אַלץ ווייסן זיי —ווי אַזוי איך האָב דריי וואָכן געלעבט ביי די איוואַנאָווס אין מאַיאָנטעק און געשפּייזט זייערע הונגעריקע נשמות מיט דער פֿרוכט פֿון מיין פֿאַנטאַזיע, ווי אַזוי איך בין זיך באַגאַנגען מיט פּעטראָוון, און ווי אַזוי איך האָב באַליידיקט מאַדאַם וואַסיליעוואַ. נו, וואָס קען מען העלפֿן? מסתּמא איז אַזוי באַשערט. און אויב זיבן טירן האָבן זיך פֿאַר דיר פֿאַרמאַכט — איז עפֿן אויף אַנדערע צען... אָבער מיר איז ניט געגאַנגען! כ'האָב

זיך זייער שטאַרק געפּלייסט צו שאַפן זיך אַ פעסטע פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט, כ'האָב אָבער ניט געקאָנט! צי האָב איך פאַר די דאָזיקע דריי יאָר פאַרלאָרן די פעיִקייט אײַנצולעבן זיך מיט מענטשן, צי די מענטשן גופא זיינען פאַר דער דאָזיקער צייט געוואָרן דורכגעטריבענער? איז אָט, ווען מיר איז איינמאָל אויסגעקומען גאָר שמאָל, האָט מיך דער טייוול אָנגערעדט, איך זאָל אָנבאָטן מיין דינסטגרייטשאַפט דער געהיים־פּאָליציי. איך האָב זיך פאָרגעלייגט אַלס אַגענט, וואָס זאָל האָבן דעם אויפזיכט איבער די קאָרטן־קלובן. האָט מען מיך צוגענומען. די באַדינגונגען זיינע געווען גוטע. צו דער דאָזיקער געהיימער פּראָפעסיע האָב איך צוגעטשעפּעט אויך אַן אָפענע — כ'האָב זיך גענומען באַשעפטיקן מיט רעפּאָרטאַזש אין אַ צייטונג. כ'פלעג איר צושטעלן גאַסן־כראָניק, און טיילמאָל פלעג איך אויך שרייבן פעליעטאָנען... און דערנאָך פלעג איך שפּילן אין קאָרטן. און כ'האָב זיך אַזוי שטאַרק אַריינגעטאָן אין דער קאָרטנשפּיל, אַז איך האָב פאַרגעסן איבערצוגעבן וועגן איר דער פּאָליציי. איר הערט, כ'האָב גאָר פאַרגעסן, אַז דאָס איז מיין פליכט. אַז איך פלעג פאַרשפּילן, פלעג איך זיך דערמאָנען: מע דאַרף דאָך פונדעסטוועגן איבערגעבן דער פּאָליציי! אָבער ניין, פלעג איך זיך טראַכטן, פריער וועל איך צוריק אָפּגעווינען, דערנאָך ערשט וועל איך איבערגעבן. אַזוי אַרום האָב איך אַ לאַנגע צייט אָפּגעלייגט דאָס אויספילן מיינע פליכטן, ביז וואַנען די פּאָליציי האָט מיך איינמאָל געפּאַקט אויפן אָרט, ביי דעם קאָרטן־טיש. קודם־כל האָבן מיר די פּאָליציי־לייט אָנגעטאָן בזיונות פאַר אַלעמען אין די אויגן, אָננעמענדיק מיך פאַר אַן אייגענעם מענטשן. און אויפן צווייטן טאָג האָט מען מיך גערופן, וואו מע דאַרף, און אַוועקגעגעבן מיר אַ רעכטע גאָב, געזאָגט, אַז איך האָב לחלוטין ניט קיין געוויסן, און נאָך אַלעמען האָט מען מיך ערשט אַרויסגעשיקט פון דער הויפּטשטאָט... ווידער אַרויסגעשיקט! אָן רעכט אַריינצופאָרן אין משך פון צען יאָר...

שוין זעקס יאָר, ווי איך וואַנדער אַרום — און גאָרנישט, געלויבט דער אייבערשטער, כ'האָב זיך ניט אויף וואָס צו קלאָגן. וועגן דער דאָזיקער צייט וועל איך ניט דערציילן, ווייל זי איז זייער איינאַרטיק... און פאַרשיידנאַרטיק. בכלל איז דאָס אַ פריילעך

לעבן פון אַ פריי פייגעלע. ס׳פעלט נאָר אַמאָל אויס צו פּיקן.... אָבער מע דאַרף קיין סך ניט פאָדערן, און מע דאַרף געדענקען, אַז אַפילו מענטשן, וואָס זיצן אויף טראָנען, האָבן אויך ניט שטענדיק קיין נחת. אין אַזאַ לעבן, ווי דאָס דאָזיקע — זיינען ניטאָ קיין שום פליכטן—דאָס איז די ערשטע גוטע זאַך, און די צווייטע גוטע זאַך איז, וואָס ס׳איז ניטאָ קיין געזעצן, אויסער די געזעצן פון דער נאַטור. נאַטירלעך, באַאומרויִקן אַמאָל די הערן אוריאַדניקעס... אָבער אַפילו אין אַ גוטן האָטעל זיינען אויך דאָ וואַנצן... דערפאַר אָבער קענט איר גיין: רעכטס, לינקס, פאָראויס, צוריק, אומעטום, וואוהין אייער האַרץ געלוסט, און אויב עס געלוסט זיך ניט אין ערגעץ — איז באַזאָרג זיך ביי די פויערים מיט ברויט און ליג, ביז ס׳וועט דיך ערגעץ נעמען ציען...

וואו בין איך ניט אויסגעווען? געווען אין די טאָלסטאָיִשע קאָלאָניעס און געלעבט ביי די פרויען פון די מאָסקווער סוחרים אויף די קיכן. געוואוינט אין דער קיעווער-פּעטשאָרער לאַוורע און אויפן נייעם אַפאָן. געווען אין טשענסטאָכאָוו און אין מוראָם. טײלמאָל דוכט זיך מיר, אַז איבער יעדעס שטעגעלע פון דער רוסישער אימפעריע טרעטן שוין מיינע פיס צום צווייטן מאָל. און ווי נאָר כ׳וועל קריגן די געלעגנהייט צו רעמאָנטירן מיין אויסערלעכקייט — לאָז איך זיך תיכף אַוועק קיין אויסלאַנד: כ׳וועל אַ שפּרייז טאָן אין רומעניע, און פון דאָרטן זיינען אַלע וועגן פאַר מיר אָפן. וואָרעם אין רוסלאַנד— איז מיר שוין לאַנגווייליק. און אַלץ, וואָס איך האָב געקאָנט — האָב איך שוין אין איר אָפּגעטאָן.

איך מיין, אַז איך האָב באמת זייער אַ סך אויפגעטאָן פאַר די דאָזיקע זעקס יאָר. וויפל וואונדערלעכע ווערטער האָב איך אַרויסגערעדט, וויפל וואונדער האָב איך דערציילט! קומסט אַמאָל אין אַ דאָרף און בעטסט זיך נעכטיקן, און נאָכדעם, ווי מען גיט דיר אָפּעסן — שטעלסטו אָן דאָס קעסטעלע פון דיין פאַנטאַזיע! ס׳קען אַפילו זיין, אַז איך האָב נייע סעקטעס געגרינדעט, דען — איך פלעג אַ סך, זייער אַ סך ריידן פון די הייליקע שריפטן. און דער פויער איז זייער שפּירעוודיק צו די הייליקע שריפטן. פון צוויי ווערטער קען ער אויסבויען אַזאַ מין רעליגיע, אַז ס׳זאָל דיך הייבן אין דער לופטן!...

און וויפל געזעצן האָב איך אויסגעטראַכט וועגן צעטיילן און איבערטיילן צווישן די פויערים די ערד! יאָ, אַ סך פאַנטאַזיע האָב איך אַריינגעגאָסן אין לעבן.

יאָ, אָט אַזוי לעב איך... לעב און גלויב: זאָל איך וועלן זיך באַזעצן אויף איין אָרט — ווערט דאָס מקוים! דען איך האָב שכל און די פרויען שעצן מיך. אָט וועל איך קומען קיין ניקאָלאַיעוו און וועל אַוועק אין דער סלאָבאָדקע, וואו עס וואוינט די טאָכטער פון אַ ניקאָלאַיִשן סאָלדאַט. אַליין איז זי אַן אַלמנה, אַ שיינע און אַ רייכע. וועל איך קומען צו איר און וועל איר זאָגן: קאַפּאָטשקאַ! אַנו, הייץ אויס דאָס בעדל! וואַש מיך, אַרום און קלייד מיך אָן, און איך וועל ביי דיר פאַרבלייבן אַ גאַנצן חודש. וועט זי מיר דאָס אַלץ מאַכן... און אויב זי האָט פאַר מיין אָפּוועזנהייט זיך פאַרשאַפט אַ געליבטן — וועט זי אים דורכטרייבן. און איך וועל ביי איר אָפּוואוינען אַ חודש און מערער — וויפל מיר וועט זיך געלוסטן! אין דעם דריטן יאָר האָב איך ביי איר, ווינטערצייט, געוואוינט צוויי חדשים... פאַראַיאָרן — אַפילו דריי חדשים... כ'וואָלט אָפּגעוואוינט דעם גאַנצן זומער, ווען זי וואָלט געווען קליגער, וואָרעם ס'איז מיר געווען זייער לאַנגווייליק מיט איר. אויסער איר שטאָט, וואָס גיט איר ביז צוויי טויזנט רובל אַ יאָר הכנסה, וויל די דאָזיקע פרויענצימער פון קיין זאַך ניט וויסן.

אָדערט איך וועל גאָר אַוועקגיין אויף קובאַן, אין דעם קאָזאַקנדאָרף לאַבינסקאַיאַ. דאָרטן איז דאָ אַ קאָזאַק פיאָטר טשאָרני, האַלט ער מיך פאַר אַ הייליקן מענטשן — פילע האַלטן מיך פאַר אַ מענטשן, וואָס פירט אַ גאָטספאָרכטיק לעבן. פילע פראָסטע און פרומע מענטשן זאָגן צו מיר: נעם, פאָטערל, אָט דאָס־אָ און שטעל אַוועק אַ ליכטל פאַר דעם הייליקן... נעם איך..... פרומע מענטשן אַכט איך, און וויל זיי ניט באַליידיקן מיט דעם נידערטרעכטיקן אמת, און דערציילן זיי, אַז קיין ליכט פאַר דעם הייליקן מאַרטירער וועל איך ניט קויפן פאַר זייער אויפריכטיקן געשאַנק, נאָר — טאַבאַק פאַר זיך...

ס'איז אויך פאַראַן אַ סך רייץ אין דעם באַוואוסטזיין, אַז דו האָסט זיך אַליין אָפּגעפרעמדט פון מענטשן, ס'איז דאָ אַ סך רייץ

אין דעם קלאָרן באַנעמען, אַז דו אַליין האָסט מיט דיין אייגענעם ווילן אויפגעשטעלט אַ הויכע און פעסטע וואַנט פון פאַרברעכנס קעגן זיי. און אַ סך תענוגדיקס און שאַרפס איז פאַראַן אין דער שטענדיקער ריזיקע, צו ווערן דעמאַסקירט. דאָס לעבן — איז אַ שפיל! איך שטעל אויף מיין קאָרט אַלץ — דאָס הייסט נול — און שטענדיק שפיל איך אויס... אָן ריזיקע צו פאַרשפילן עפעס, אויסער מיינע ביינער. אָבער איך בין פעסט איבערצייגט, אַז אויב מע וועט מיך, ווען עס איז שלאָגן — וועט מען מיך ניט קאַליעטשען, נאָר דערהרגענען אויף טויט. מע דאַרף אויף דעם קיין פאַריבל ניט האָבן און ס'וואָלט געווען נאַריש מורא צו האָבן פאַר דעם.

נו, אָט, יונגערמאַן, האָב איך אייך דערציילט מיין לעבנס־געשיכטע. און דערציילט נאָך מיט אַ הכרעה, דען אין מיין געשיכטע איז אויך געווען פילאָסאָפיע. און ווייסט איר? — מיר געפעלט דאָס, וואָס איך האָב דערציילט. מיר דוכט, אַז איך האָב גאַנץ פיין דערציילט. כ'וועל גיין ווייטער — זייער מעגלעך, אַז אַ סך האָב איך דאָ אויסגעטראַכט, אָבער איך זאָג אייך באמת, אַז אויב איך האָב געזאָגט ליגנס — איז דאָס נאָר נוגע די פאַקטן. קוקט ניט אויף די פאַקטן, קוקט בעסער, ווי אַזוי איך דערצייל — דאָס, מאָג איך אייך זאָגן, שטימט אויפן האָר מיט דעם אָריגינאַל פון מיין נשמה. כ'האָב אייך דערלאַנגט אַ געבראָטנס פון פאַנטאַזיע מיט סאָוס פונם ריינסטן אמת...

מחשבותן — צו־וואָס האָב איך דאָס דערציילט?... צוליב דעם, מיין טייערער, ווייל איך שפיר, אַז איר גלויבט מיר ווייניק... כ'בין צופרידן דערמיט. גוט אַזוי! גלויבט ניט קיין מענטשן! וואָרעם שטענדיק, ווען ער דערציילט וועגן זיך, זאָגט ער ליגן! ווען אים טרעפט אַן אומגליק — ליגט ער, כדי צו דערוועקן צו זיך וואָס מער רחמנות; ווען אים טרעפט אַ גליק ליגט ער — מע זאָל אים מערער מקנא זיין; אין אַלע פאַלן ליגט ער — מע זאָל זיין מער אויפמערקזאַם צו אים.

# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| | זייט |
| אומעט | 3 |
| אויף פּליטן | 70 |
| אַ מעשה מיט קלײאַמרעלעך | 90 |
| אַ טעות (עפּיזאָד) | 107 |
| דער זיידע אַרכיפּ און ליאָנקע | 146 |
| זעקס=און=צוואַנציק מיט איינע (איבערז. גד) | 181 |
| דער הפקר=יונג | 203 |